STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03354

IN GANG FUN LEBN

M. Ramras

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין גאַנג פון לעבן

דערציילונגען

פון

מ. ר״מר״ז

Copyright, 1936, by
M. RAMRAS

מיין איידעלער מוטער
מיט ליבע געווידמעט

אינהאַלט־פאַרצייכנים :

דער גרינער — — — — — — — — — — — — — 3

יצחק דער רויטער — — — — — — — — — — — 8

יאַנקעלע לויפט קיין ארץ ישראל — — — — — 17

טשוויי סקאַטשים — — — — — — — — — — 39

און זע נאָר וואָס סיטוט זיך — — — — — — 46

די לעצטע נאַכט — — — — — — — — — — 56

אַ ברודערל — — — — — — — — — — — — 75

דער שטומער רעדנער — — — — — — — — — 85

אַן ערשטער מאַי — — — — — — — — — — 89

חברים־לאַד צוויי — — — — — — — — — — 96

יאָסעלע, (אַ מעשהילע פאַר די קינדערס וועגן) — 109

שמחה דער געלער — — — — — — — — — — 117

FUTURO PRESS, INC.
NEW YORK CITY

דער גרינער

עס איז נאָך געווען גאַנץ פינצטער אין דרויסן, ווען דוד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף — ער האָט שנעל געכאַפּט די קליידער אויף זיך, און אַרונטער אין גאַס.

זייער ווייניק מענטשן האָבן זיך נאָך געפונען אין גאַס, בלויז דאָ און דאָרטן האָט מען געקאָנט זען אַ שאָטן פון אַ מענטשן, אַזוי ווי דורך אַ נעיפּל. אַ קאַלט אָסיען ווינטל האָט געבלאָזן און געמאַכט דוד'ן ציטערן פון קעלט — בררר... אַזוי קאַלט, האָט דוד געברומט דורך דער נאָז, פאַרשפּילנדיק דאָס רעקל, און אויפשטעלנדיק זיך דעם קאָלנער, האָט ער גענומען שפּאַנען מיט גרויסע טריט.

היינט מוז איך שוין קריגן אַרבעט: — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט, לעצטע וואָך איז אַוועק מיט גאָרניט — קיין אַרבעט ניט געקאָנט קריגן — נאָר היינט אָנהייב וואָך, מוז ער אומבאַדינגט קריגן אַרבעט...

אַזוי קלערנדיק, האָט ער זיך דערנעענטערט צום ציייטונגס פאַרקויפער, קריגנדיק די מאָרגנצייטונג, איז ער אַוועק אַהיים מיט שנעלע טריט, — זיך אַוועקגעזעצט מיט גרויס אימפּעט, און גענו־מען זוכן צווישן די אַדווערטייזמענטס פאַר אַרבעט, „אַ גרינער באַי ווערט געזוכט אין אַ בוטשער סטאָר". „אַ שטאַרקער מאַן ווערט געזוכט, מעג זיין אַ גרינער, א. אז. וו..." דוד האָט מיט אַ בליי־פעדער פאַרצייכנט אייניקע שטעלן, צווישן די אַדווערטייזמענטס, וואָס האָבן אים אינטערעסירט, גענומען די צייטונג אונטערן אָרעם און איז אַרונטער אין גאַס מיט אַ פעסטן באַשלוס, אַז היינט מוז ער אומבאַדינגט קריגן אַרבעט...

אין גאַס איז געוואָרן לעבעדיקער, פול מיט מענטשן, וואָס זיינען געגאַנגען צו דער אַרבעט.

די טונקלקייט איז פאַרשוואונדן, און אַ בלייכער פאַרכמורע־טער הימל האָט זיך באַוויזן, דוד איז געגאַנגען מיט פעסטע שנעלע טריט, ער האָט געוואָלט זיין וואָס שנעלער דאָרטן ביים פּלאַץ, וואו

א יונגער מאַן ווערט געזוכט — וואָס פֿאַר אַן אַרבעט דאָס איז, האָט זיך ניט געשריבן אין דער צייטונג, גאַרניט נייטיק דאָס צו וויסן אפילו, אַבי נאָר אַרבעט קריגן, דאָס אַלץ וואָס ער דאַרף איצט. דוד האָט געשפּאַנט מיט שנעלע טריט, און זיך ביסלעכווייז דערנעענטערט צום פּלאַץ. אָנגעקומען אַהין איז דוד דער ערשטער, נאָך קיינער ניט געווען דאָרטן, און די טיר איז געווען פֿאַרשלאָסן. דוד האָט זיך אַוועקגעשטעלט וואַרטן. אין אַ ווײַלע אַרום איז אָנגעקומען נאָך אַ יונגערמאַן, אַ פּרוּוו געטאָן די טיר, און זעענדיק אַז זי איז פֿאַרשלאָסן, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אַן אַ זייט. יעדע עטלעכע מינוט זיינען געקומען נאָך יונגע־לייט. און ביסלעכווייז איז דער קאָרידאָר אָנגעפֿילט געוואָרן מיט יונגע־לייט, און אויך מענער, הגם, עס האָט זיך בלויז פֿאַרלאַנגט אַ יונגערמאַן... דוד איז שוין געוואָרן אומגעדולדיק פֿון וואַרטן, געווען איז ער דער ערשטער, נאָר איצט ווען ס'זיינען אָנגעקומען אַזויפֿיל מענטשן, ווער ווייסט צי ער וועט קאָנען קריגן די אַרבעט...

א נידריגער, פּעטער יונגערמאַנטשיק איז אָנגעקומען, האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און געשמייכלט צו זיך אַליין מיט צופֿרידנקייט. זיך דורכגעשטופּט דורך אַלעמען, אויפֿגעשלאָסן די טיר... אַלע האָבן זיך אַ שטופּ געטאָן נאָך אים אין פֿאַבריק אַריין. יעדער האָט זיך געשטופּט, געוואָלט זיין וואָס נאָענטער צום פּעטן יונגנמאַנטשיק. און ער מעשה באַלעבאָס, האָט זיך גענומען אַרומקוקן אין אַלע זייטן ווי וועלנדיק זיך אויסקלייבן דעם בעסטן. — אַלע האָבן מיט אַמאָל גענומען פֿרעגן ביי אים, יעדער מיט אַן אַנדער קול, — מיסטער, איר האָט אַדוועטייזט פֿאַר אַ יונגן מאַן, — מיסטער, איר האָט מיסטער, — שאַ! — שטיל! האָט דער פּעטער יונגערמאַנטשיק אויסגערופֿן — איך דאַרף בלויז איין גריי־נעם, און זעט וואָס דאָ טוט זיך, — מיסטער, מיסטער... האָט זיך אַ אידל מיט אַ געל בערדעלע דורכגעשטופּט דורך אַלע, מיסטער, מיסטער, איך בין אַ גרינער.

געזאָגט האָט ער דאָס מיט אַזאַ מין ערנסטקייט, ווי זיין אַ גרינער וואָלט זיין אַ פּראָפֿעסיע...

— איר זייט א גרינער? האָט זיך דער פעטער יונגערמאַנ־טשיק אָנגערופן, מיט אַ געלעכטער, — איר זייט דאָך גאָר אַ גע־לער, אָנצייגנדיק אויף דעם אידנס געל בערדעלע... אַלע האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. דוד איז געשטאַנען אָן אַ זייט און געביסן די ליפּן, אויף אים האָט עס גאָר אַ פּאַרקערטע ווירקונג געהאַט... אַט שטייט אַ יונגערמאַנטשיק, אַ זאַטער, אַ צו־פרידענער, ער דאַרף בלויז האָבן איין גרינעם יונגערמאַן, און זע, וואָס עס טוט זיך דאָרטן, אַזוי ווי אויף אַ יאַריד, צענדליקע יונ־געלייט און מענער, זיינען געקומען און יעדער וויל זיין דער גליק־לעכער אָנגענומען צו ווערן צו דער אַרבעט...

דוד איז אַרונטער אין גאַס, אויף דער אַנדערער זייט גאַס, האָט ער געזען אַ טאָוול הענגנדיק אויף אַ שטריקל, מיט אַן אויפ־שריפט, „פּאַרלאַנגט אַ טרימער ביי העטס", דוד האָט אייגנטלעך ניט געוואוסט וואָס פאַר אַן אַרבעט דאָס איז, דאָך איז ער אַרויפ־געגאַנגען פרעגן, פיליכט קען מען אים באַשעפטיגן דאָרטן, עס האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז מען דאַרף גאָר האָבן אַ מיידל, וואָס פאַרשטייט די אַרבעט פון פאַרפוצן פרויען קאַפּעליושן. דוד איז צוריק אַרונטער אין גאַס, קוקנדיק אויף יעדן טויער, פון ביידע זייטן גאַס, פאַר אַן אָנגעשריבענעם טאָוול, וואו עס שטייט אָנגעשריבן וואָס פאַר אַן אַרבעטער עס ווערט געזוכט.

דוד האָט געגומען שפּאַנען פון איין זייט גאַס אויף דער צווייטער, און אויף יעדער שילדל, וואָס עס האָט זיך פאַרלאַנגט אַן אַרבעטער, איז ער זיך געגאַנגען נאָכפרעגן — נאָר אַזוי, ווי אומיסטן איז אין ערגעץ גאָרניט געווען קיין אַרבעט פאַר אים.

אַן אָנטוישטער, האָט זיך דוד אַרומגעבלאָנקעט אין גאַס אַ מידער, אַ הונגעריקער...

אין דרויסן האָט גענומען גייען אַ דריבנער רעגן, באַגלייט פון אַ שטאַרקן ווינט, וואָס האָט געבלאָזן דעם רעגן גלייך אין פּנים אַריין, מענטשן זיינען געלאָפן, זיך געאיילט, צו קומען וואָס שנעלער צו דער אַרבעט. דוד איז געגאַנגען פּאַמעלעך, ניטאָ זיך וואָס צו איילן, — ער האָט פאַררריסן דעם קאָפּ אין דער הויך און

האָט זיך געפילט אַזוי קליין צווישן די צוויי ריזיקע געביידעס פון ביידע זייטן גאַס, אַזוי קליין, אַזוי אומבאַדייטנדיק...

ער האָט דאַכט זיך צוויי געזונטע הענט און וויל אַרבעטן, אויפגעשטאַנען פּאַרטאָג, און דאָך אין ערגעץ ניט געקאָנט קריגן קיין אַרבעט... דוד האָט דערפילט, אַז ער איז גוט הונגעריק, ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך היינט קיין אָנבייסן ניט גע־געסן — ווייטער האָט ער דערפילט, ווי דאָס וואַסער קריכט אים אַריין אין די שיך, און ביי יעדן טראָט מאַכט עס אַזאַ אומאַנגע־נעמען גערויש, „קוואַטש, קוואַטש אַטש"...

אים האָט זיך געדאַכט, אַז ניט בלויז די פיס נעצן זיך איין, נאָר זיין נשמה, זיין גאַנץ וועזן טאָפּטשעט זיך אין בלאָטיקן, שמו־ציקן וואַסער, און קרעכצט אַרויס פון די צעריסענע שיך, קוואַטש, קוואַטש...

אים איז געקומען אויפן געדאַנק, ווי ער איז נאָך אַ אינגל, שטיפט אַרום מיט זיינע חברים, פרעגנדיק ביי זיי די קאָמישע פיר קשיות, פאַרוואָס, אַז אין קעשענע איז פאַראַן אַ לעכל ? קריכט דאָס געלט אַרויס ? און אַז אין שוך איז פאַראַן אַ לעכל רינט דאָס וואַסער אַריין ? אים איז איצט אַלץ פאַרענטפערט געוואָרן... ער האָט געפילט, ווי דער רעכטער זאָק איז ביי אים צעריסן און שנייט אים איין דעם גראָבן פינגער פון דעם רעכטן פוס, און פאַרשאַפט אים גרויסע שמערצן. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט זיך אַמאָל אינגלווייז אויפגעכאַפּט אין מיטן נאַכט און האָט געזען זיין מאַמע איינע אַליין, אַלע אין שטוב זיינען שוין געשלאָפן, נאָר זי אַליין איז געזעסן און מאַרעזשעט אַ זאָק, ער האָט זי געפרעגט — מאַמעניו, וואָס גייסטו ניט שלאָפן ? באַלד, באַלד, קינד מיינס, האָט זי אים געענטפערט, — איך בין שוין באַלד פאַרטיק. ווען ער איז דאַן אין דער פרי אויפגעשטאַנען, האָט ער געטראָפן אַ פּאָר גאַנצע זאָקן, ביי זיין בעט, און די שיך זיינען געשטאַנען, ריינע, גלאַנציקע, און זיין האַרץ איז געווען אָנגעפילט מיט ליבשאַפט צו זיין מאַמען, און ער האָט זי אַרומגעכאַפּט און זי היים געקושט. די טרערן זיינען אים געשטאַנען אין די אויגן, דאָ איז ניטאָ די מאַמע, און אַלץ איז אַזוי פרעמד, אַזוי קאַלט, ווי דער קאַלטער

ווינט, וואָס פּאַטשט אים דעם רעגן אין פּנים אַריין. זיין פאַנטאַזי האָט אים פאַרטראָגן העט ווייט אין דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר דער אומאַנגענעמער גערויש פונם צעריסענעם שוך, האָט אים דערמאָנט אין דער ווירקלעכקייט.

ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען, אַז ער איז פאַרגאַנגען זייער ווייט, און דערפילט אַז ער איז אין גאַנצן דורכגעווייקט. אַן אומעטיקער האָט ער זיך פאַרקירעוועט אויף צוריק, און גענומען גיין צוריק צו זיין לאַזשי...

יצחק דער רויטער

צו זעקס יאָר איז משה אָנגעקומען צו רבי שלמה'ן אין גמרא חדר.

א איד א זקן, א קראנקער זיך קוים אויף די פיס געהאלטן, צומייסטן גאָר ניט אין חדר געווען. געהאט זייער א גוטן נאָמען, און אַלעמאָל געהאט מער קינדער ווי וועלכער אַנדערער גמרא מלמד. א שיינער, הויכער איד, מיט א לאַנגער ווייסער באָרד, שיין פארקעמט. מיט זיין פאטריאַרכאַלישן אויסזען האָט ארויסגערופן רעספעקט צו זיך.

א שאָד געווען אויפצוגעבן א גוטע פרנסה, וועלכע ער האָט צוליב זיין שוואכן געזונט ניט געקאָנט אָנהאלטן, האָט ער אריינגענומען אַן ארויסהעלפער אויף זיין אָרט צו לערנען מיט די קינדער, און בישלאַכוויז אים איבערגעגעבן די גאַנצע קנעלונג.

דער נייער מלמד, רבי יצחק דער רויטער, איז געווען ברייט געבויט, הויך ווי א דעמב, מיט א פּאָר אייזערנע הענט, א רונדע רויטע באָרד ארום זיין גראָבער מאָרדע, שיטערע האָר אויפן קאָפּ, אויף מאנכע פלעצער אַזוי ווי אויסגעפליקטע רונדע שטיקער, וואָס קיין האָר זיינען דאָרט אין גאנצן ניט געוואקסן... צווישן זיך אַז קיינער זאָל ניט הערן, האָבן אים די קינדער גערופן „יצחק פארד” ס'איז א סברה, אַז די ליידיקע פלעצער אויף זיין קאָפּ צווישן האָר, האָבן געשטאַמט דערפון...

ווען ניט די רויטע באָרד, וואָלט מען אים זיכער געקאָנט אָנגעמען פאר א פּאָלנעם מוזשיק, ווייל אַזא געזונטן צעוואַקסענעם גוף איז זייער זעלטן געווען צו געפינען צווישן די אויסגעדאַרטע אידן אין שטאָט.

געקומען איז ער ערגעץ פון א דאָרף, אריינגעפאַלן צו רבי שלמה'ן אומגעריכט און איבערגענומען די גאַנצע קאָמאַנדע.

ער איז נאָך געווען א בחור, און דערפאַר ניט געקאָנט עפענען א חדר פאר זיך, האָט ער אויסגענוצט רבי שלמה'ס שלאַפקייט און זיך אַזוי אריינגעדרייט און געוואָרן א רבי איבער נאַכט.

רבי שלמה איז וואָס אַ טאָג אַלץ שוואַכער געוואָרן און שוין מער ניט אין חדר אַריין, און אין אַ קורצער צייט אַרום טאַקע נפטר געוואָרן.

יצחק דער רויטער איבערנעמענדיק די קאָמאַנדע האָט גענומען צייגן, וואָס ער קאָן... די רביצין די אלמנה האָט געקראָגן שבר למוד און זיך געטיילט מיט אים, ס'האָט נאָך אַלץ געהייסן, אַז מע גייט צו רבי שלמה'ן אין חדר אַריין.

צו יצחק דעם רויטן האָבן זיך גענומען שאַרן שדכנים, און ער, כאָטש אַריבער די דרייסיקער, האָט זיך ניט געאיילט, געוואַרט אויף אַ בעסערן שדוך... ער האָט זיך מער ניט גערעכנט מיט דער רביצין רבי שלמה'ס אלמנה, גענומען פירן דער חדר אויף זיין שטייגער.

ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו שמייסן קינדער. ער האָט זיך שוין אויסגעזוכט אַן אויסרייד פאַר וואָס ס'קומט צו שמייסן. צום שמייסן איז ער געווען אַ קינסטלער, ניט גלאַט נעמען אַ קינד און אָפּשמייסן און שוין, נאָר ס'איז אויסגעקומען אַזוי ווי אַ שפּיל... אַ חוץ אַ קאַנטשיק מיט לעדערנע רימענטלאַך, האָט ער ערגעץ געקראָגן אַ דין יאַמשערן שטעקעלע, וואָס לאָזט זיך ניט צוברעכן... בייגט עס אויס ווי אַ בייגל, גלייכט זיך עס אַליין אויס ווי געווען. און אַ שמיץ מיט דעם אויפן נאַקעטן, האָט געברענט ווי פייער, ווען יצחק דעם רויטן האָט אָנגעכאַפּט אַ פאַרלאַנג צו שמייסן מיט אָט דעם יאַמשערן שטעקעלע, האָט ער זיך גענומען טשעפּן צו אַ אינגל וועמען ער האָט גראָד אויסגעזוכט פאַר אַ קרבן, אַז ער האָט דערציילט פון חדר...

דאָס אינגל נעמט זיך שווערן ביי אַלעם הייליקסטן, אַז ער האָט גאָרניט דערציילט פון חדר, נאָר ס'העלפט גאָרניט. יצחק דער רויטער פירט זיינם אויס, ער כאַפּט אָן זיין קרבן מיט זיינע אייזערנע לאַפּעס, ציט אים אַרונטער די הויזקעס, לייגט אים אַרי־בער איבערן קני און דערלאַנגט אים אַ שמיץ... דעם קינדס קער־פּערל גיט זיך קאָנוואולסיוו אַ צאַפּל, יצחק דערלאַנגט אַ צווייטן שמיץ, אַ דריטן, פּאַמעלאַך ניט געכאַפּט, דאָס אינגעלע פאַרגייט זיך אין אַ פאַרצווייפלט געוויין. יצחק דער רויטער הויבט אויף

דאָס העמדעלע, און עס זעען זיך דריי אַנגעלאָפענע קישקעלאַך, אויף דעם קינדס הינטער חלק.

יצחק דער רויטער שעפּט נחת, מ'קאָן זען ווי זיינע אויגן פינקלען מיט פייער, זיין פּנים ווערט אויפגעלייטערט, באַקומט גאָר אַן אַנדערן אויסדרוק. דערלאַנגט נאָך אַ שמיץ, און נאָך אַ שמיץ, הויבט ווידער אונטער דאָס העמדעלע, און קוויקט זיך מיט דעם קינדס פּיין.

אין אַזעלכע מינוטן האָט אים משה פיינט געהאַט, געהאַסט ווי דעם טויט... ער האָט נאָך ניט פאַרשטאַנען דעם גליקלעכן שמייכל אויף יצחק'ס פּנים, נאָר מיט זיין קינדערשער נשמה האָט ער אינסטיקטיוו געפילט, אַז עס עקלט אים פון אים. און ווען ניט די גרויסע מורא פאַר אים, וואָלט ער דאָס אים אָפן געזאָגט אין פּנים אַריין „איך האָב אייך פיינט, יצחק דער רויטער, עס עקלט מיך אויף אייך אַ קוק צו טאָן", נאָר אַנשטאָט דעם האָט ער אים געקוקט גלייך אין פּנים אַריין, באַאָבאַכט זיין יעדע מינע, און גע־ליטן גלייך מיט דעם געשמיסענעם אינגל.

אהיים געקומען איז ער געווען אין גאַנצן נערוועז, אין כעס געווען אויף די עלטערן זיינע, פאַר וואָס זיי שיקן אים אין אַזאַ חדר. מורא געהאַט אויסצוזאָגן פון חדר, און אויסגעדריקט זיין פּראָטעסט, מיט שרייען און געוואַלדעווען, און ניט פאָלגן קיינעם אין הויז.

אין אַזעלכע נעכט פלעגט אים די מאַמע איינגעמען מיט אַ מעשה'לע. די מאַמע האָט געקאָנט דערציילן וואונדערלעכע מעשה'־לעך און לעגענדעס, אַרויסגענומען פון תלמוד, וואָס זי פלעגט ליינען אין אידישער איבערזעצונג. און זיי אַרומגעפּוצט מיט אייגענער פאַנטאַזיע. דאָס פלעגט זיין ווי אַ באַלזאַם פאַר זיין צעווייטאָגט האַרץ, און ער פלעגט אַנטשלאָפן צו ווערן חלומ'דיק זיסע חלומות. דאָס פלעגט זיך ווידערהאָלן יעדע נאַכט, אַז דער מאַמען האָט זיך שוין איינגעגעסן צו דערציילן יעדע נאַכט אַנ־דערע מעשה'לעך, ס'איז מיר שוין טרוקן אין האַלז, פלעגט זיך די מאַמע קלאָגן, און ער שלאָפט נאָך ניט.

דעם צווייטן טאָג, האָט אים יצחק דער רויטער גענומען אויפן

צימבל... גערעדט אין אלגעמיין צו אלע קינדער, און בשעת מעשה געקוקט משה'לען גלייך אין פנים אריין. אט דער קאנטשיק מיט די לעדערנע רימענטלעך, קאן דערציילן שיינע מעשה'לעך פארן שלאפן גיין... און ס'קאן אויך מאכן פאר א נביא... ווייל מ'ליגט מיטן פנים אראפ און מ'ווייסט וואס אויבן טוט זיך... קום נאר אהער משה'לע האט אים יצחק א רוף געטאן, ווי מ'לאדט איינעם איין צו א גוטן ביסן. די אויגן האבן זיך אים צעפינקלט מיט תעוות...

משה'לע איז געבליבן זיצן ווי פארשטיינערט, און אין מוח איז בליץ שנעל דורך א געדאנק, אז ניט אנדערש נאר די מאמע האט אים פארקלאגט פאר יצחק דעם רויטן... געראטעוועט פון געשמיסן צו ווערן דעם אוונט האט אים א פרוי, וואס איז גע־קומען אהיים נעמען איר קינד פון חדר ס'איז געווען א שלעכטער וועטער און זי האט אים מיטגעבראכט זיינע גאלאשן, וואס ער האט פארגעסן אין דער היים.

יצחק האט זיך געוואלט אויספיינען פאר דער פרוי, ווי גוט ער לערנט מיט די קינדער, ס'איז דערווייל געווארן שפעט, און מ'האט געמוזט אהיים גיין. אנטוענדיק זיך האט אים יצחק איינ־גערוימט אין אויער אריין, ווארט, ווארט, מיין ניט אז איך האב פארגעסן, איך וועל זיך שוין מיט דיר מארגן אפרעכענען... דעם גאנצן וועג אהיים האט משה'לע געציטערט ווי אין א קדחת, וויסנ־דיק וואס אים דערווארט אויף מארגן.

דעם אוונט האט ער ניט געשריגן, ניט געוואלדעוועט, נאר געזעסן ביים טיש שטיל און ניט געקאנט נעמען א ביסן אין מויל. די מאמע האט גענומען ברעכן די הענט „ווי איז מיר דאס קינד איז נעבאך ניט מיט אלעמען". איין געדאנק האט אים נאר גע־בוירט אין מוח; פאר וואס מעג די מאמע דערציילן דעם רבי'ן וואס ס'טוט זיך אין דער היים, און ער טאר ניט דערציילן אין דער היים וואס ס'קומט פאר אין חדר. א ברוגז'ער איז ער אוועק פון טיש און זיך געלייגט מיט'ן פנים צו דער וואנט. די מאמע האט זיך געבעטן ביי אים ער זאל איר זאגן וואס אים פעלט; זי וועט אים דערציילן א שיין מעשה'לע. נאר ער איז געבליבן אויס־

געדרייט צו איר מיטן רוקן. און קיין וואָרט ניט געענטפערט.

די מומע טויבע, דעם טאַטענס שוועסטער, אַן עלטער מיידל, וואָס האָט געוואוינט ביי זיי אין הויז. משה פלעגט הערן דער מאַמען זאָגן, אַז גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען און צושיקן פאַר טויבען אַ ריכטיקן שדוך.

דער נאָמען האָט זיך זייער געפּאַסט פאַר איר. אַרומגעגאַנגען שטיל ווי אַ טויב, אַלעמאָל פאַרטראַכט אין זיך, פאַר'חלומ'ט פאַר־בענקט... משה'לע איז געווען איר ליבלינג. פּעציטערט איבער אים ס'זאָל אים, חלילה, גאָר ניט פּאַסירן. איר געזונטער קערפּער וואָס האָט געלעכצט נאָך דער ליבע פון אַ מאַן האָט זיך אויסגעדריקט מיט דער אויסטערלישער ליבע צו משה'לע. ווען זי פלעגט אים צודריקן צו אירע גרויסע ברוסטן, און ליידנשאַפטליך קושן, און פאַרבייסן מיט די ליפּן, פלעגט זיך משה'לע פילן אַזוי מאָדנע...

איצט ליגנדיק מיטן פּנים צו דער וואַנט, האָט זי אים געגומען גלעטן דאָס פּנים אַזוי צאַרט, אַזוי פיין, איר שטימע האָט געציטערט, מיט אַ שטיל געוויין האָט זי זיך גענומען בעטן ביי אים, ער זאָל איר זאָגן וואָס אים פעלט. איצט האָט זי אים ניט גע־דריקט צו זיך מיט ליידנשאַפט, נאָר גערעדט אַזוי זאַנפט, מיט אַזוי פיל געפיל, אַז משה'לע האָט זיך געפילט צו איר אַ סך נאָענטער, און געענטפערט פאַר איר דאָס האַרץ און איר אַלעס דערציילט פון חדר, און וואָס אים דערוואַרט אויף מאָרגן. און זי באַשוואוירן קיינעם ניט צו דערציילן, אַז ער האָט איר דערציילט פון חדר.

זי האָט אים פאַרזיכערט, אַז ס'וועט אים גאָרניט פּאַסירן, און אַז זי וועט אים אויף מאָרגן אַליין אָפּפירן אין חדר אריין. אַ באַ־רואיקטער איז משה'לע אַנטשלאָפן געוואָרן.

אויפן צווייטן טאָג האָט אים די מומע טויבע אָפּגעפירט אין חדר אַריין, און צופירנדיק אים צו יצחק דעם רויטן מיט די ווער־טער: רבי יצחק, כ'האָב אייך געבראַכט מיין משה'לען אין חדר אַריין, און איך באַשווער אייך ביי גאָט, אַז איר זאָלט דאָס קינד קיינמאָל ניט שלאָגן אַזוי לאַנג ווי ער וועט גיין צו אייך אין חדר אַריין. איר זאָלט אַזוי דערלעבן צו גיין צו אייער אייגענער חופּה, איך נעם גאָט פאַר אַן עדות...

יצחק דער רויטער איז געבליבן שטיין בלייך ווי די וואנט. ס'איז געקומען אזוי פּלוצים, אזוי אומדערוואַרט, אז ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל, אין גאנצן געפּלעפט... פאר גאָט האָט ער זייער מורא געהאַט, און דאָ נעמט זי און באַשווערט אים ביי גאָט, און בינט אים הענט און פיס מיט גייסטיקע שטריק, אז ער ווייסט זיך גאָר ניט ווי אויסצופּלאָנטערן. זיינע אויגן בלאָנדזשען אויף דער מומע טויבעס פּולע ברוסטן, זי שטייט אזוי נאָענט נעבן אים, און באַשווערט אים ביי זיין חופּה, ביי גאָט, ביי אַלעם הייליקסטן... ער פילט זיך אין גאַנצן פארלוירן, ווי א גנב וואָס מ'כאַפּט ביי דער האַנט. דאָס שמייסן קינדער וואָס איז ביי אים דער גרעסטער פארגניגן. און איצט אין מיטן דערינען דער טומל. די מומע טויבע שטייט און קוקט אים גלייך אין די אויגן, און וואַרט פאר אַן ענטפער... ניט קענענדיק אויסהאַלטן איר בליק, לאָזט ער אראָפּ דעם קאָפּ ווי א פארשוּלדיקט קינד. ער זאָגט איר צו אַז ער וועט משה'לען ניט טשעפּן. א באַרואיקטע פארלאָזט די מומע טויבע דאָס חדר, צו־וואַרפנדיק א גליקלעכן שמייכל צו איר ליבלינג משה'לען.

יצחק דער רויטער האָט איצט געברענט פון רציחה אויף משה'ן וואָס ער האָט אים באַרויבט פון אזא געשמאַקן ביסן, אַך וואָלט ער אים איצט געקאָנט אריין שמייסן... ניט געקאָנט קילן זיין האַרץ האָט ער משה'לען אוועקגעזעצט פאר א גאנצן טאָג מיטן פּנים צו דער וואַנט, אים אריינגעלייגט אין חרם... פאר א גאַנצן טאָג האָט קיין קינד ניט געטאָרט ריידן צו אים א וואָרט.

משה'לע איז געזעסן א גאנצן טאָג מיטן פּנים צו דער וואַנט, און בלויז געזען זיין אייגענעם שאָטן אויף דער וואַנט, און ניט ווייניקער געליטן דערפון ווי פון די שמיץ פון וועלכע די מומע טויבע האָט אים געראַטעוועט. ווען דאָס שמייסן האָט זיך יצחק דעם רויטן שוין איינגעגעסן, האָט ער אויסגעטראַכט א נייע שטראָף. ער האָט זיך צוגעטשעפּעט צו א קינד פאר וואָס ניט איז, און אים געמאַכט א פּעקל. ער האָט אויסגעטאָן דאָס קינד אָדם נאַקעט, בלויז דאָס העמדעלע געלאָזן אויף דעם ציטערנדיק קינדס קערפּערל. גענומען די הויזקעס מיטן רעקל אוועקגעלייגט אויפן

קינדס פּלייצע און איבערגעצויגן דאָס העמדל איבערן קינדס קע־פּעלע ווי אַ טלית. דאָס קינד האָט דאַן אויסגעקוקט ווי אַ קאַרליקל, מיט אַ הערבעלע אויף די פּלייצעס, מיט אַ טלית׳ל איבערן קאָפּ אַ רחמנות געווען צו קוקן אויפן וויינענדיקן קינד. מיט דעם האָט זיך יצחק דער רויטער נאָך ניט צופרידן געשטעלט, ער האָט אויס־געשטעלט אַלע קינדער פון חדר אין צוויי רייען. דאָס אינגעלע האָט אַזוי אַ נאַקעטס מיטן הערבעלע געמוזט דורכגיין דורך די צוויי רייען אויסגעשטעלטע קינדער און יעדעס קינד האָט אים אָנגעשפּיגען פון פּאָרנט, ס׳זאָל ניט אויסגערעדט זיין... משה׳לע האָט ניט געקענט צוזען דעם קינדס טרערן, און אויפגעשטעלט צוויי פינגער, אַז ער מוז ארויסגיין, רעספּעקט צו זאָגן, נומער צוויי... אויפן הויף האָט ער זיך מער ניט געקאָנט צוריקהאַלטן, און זיך צעוויינט מיט ביטערע טרערן. אין זיין קינדיש קעפּל האָט זיך גע־נומען וועקן אַ צווייפעל, צי דאָס אַלעס איז נויטיק, כדי צו לערנען די הייליקע תורה.

אריינגעקומען אין חדר איז שוין דאָס פּעקל מאַכן געווען צו ענדע. יצחק דער רויטער האָט געהאַלפן דעם קינד אָנטאָן זיך, און די אויגן האָבן ביי אים געפינקלט אַזוי גליקלעך. מ׳האָט געקאָנט זען, אַז ס׳קומט אים צו אַ שטיק געזונט. משה׳לע האָט אים באַ־טראַכט פון אַ זייט און ס׳האָט זיך דערוועקט אין אים אַ פיינט־שאַפט צו יצחק דעם רויטן...

די מאַמע האָט אים דערציילט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ רגע אין טאָג, וואָס אַז מען ווינשט זיך עפּעס ווערט עס באַלד מקוים, און משה׳לע ווינשט זיך אין הארצן, אַז גאָט זאָל אים מאַכן אַזוי שטאַרק ווי שמשון הגבור... אַך וואָלט ער רבי יצחק׳ן דעם רויטן איצט דערלאַנגט אַזאַ קנאַק אין פּיסק אריין, אַז ער וואָלט אַזש ארויסגעפלויגן פון פענצטער.

יצחק דער רויטער האָט געהאַט אַ בייז הארץ אויף משה׳לען זייט די מומע טויבע האָט אים באַשוואוירן ביי גאָט אים ניט צו שלאָגן. געבליבן ווי אַ פּאַסטוך אָן אַ פייפל. דאַכט זיך אַזאַ חנ׳ודיק אינגל, מ׳וואָלט אים געקאָנט שמייסן אַ פּאָר מאָל אַ וואָך, און גייט די נארישע מויד דאָרט און בשווערט אים ביי גאָט

אים ניט צו שמייסן. און צו שמייסן וואָלט געוועזן פאַר וואָס. אָט האָט אים משה'לעס מאַמע פאַרקלאָגט פאַר אים, אַז ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, אַז ער מוז גיין אין שולע וואו מען לערנט אָן אַ היטל. איי וואָלט ער אים פאַר דעם געקאָנט אַריינצימבלען, קאַטעוועון דעם הינטער חלק ביז בלוט וואָלט גע־גאַנגען, און זיינען ביי אים די הענט געבונדן.

ביי נאַכט האָט יצחק דער רויטער מורא געהאַט אַליין אַרויס־צוגיין אין דער פינצטער, ער דאַרף אַרויסגיין, און די אויגן האָבן זיך ביי אים צעפינקלט פון נחת, ער וועט זיך אָפּרעכענען מיט משה'־לען, אויב ניט שמייסן איז כּאַטש, — הערי משה, נעם דעם לאָמ־טערן און קום מיט מיר. משה'לע טוט זיך אָן זיין טילפּל און שפּאַנט אים נאָך. מ'דאַרף דורכגיין דעם גאַנצן לאַנגן הויף ביז מ'קומט צו, צו די אָפּטרעטן פאַר די קינדער זיינען פאַראַן פיר אָפּענע, וועלכע זיינען תמיד שמוציק און מ'קאָן זיך אויף זיי ניט אָוועקזעצן. די קינדער מוזן זיך אַלעמאָל אַרויפשטעלן מיט די פיס אויפן ברעטל... נאָר רבי יצחק האָט זיך אַ באַזונדערן, פאַרשלאָסן אויף אַ שלעסל.

ער עפנט דאָס שלעסל, נעמט צו דעם לאָמטערן פון משה'לען און לאָזט אים שטיין אין דער פינצטער. משה'לע האָט זיך מורא אומצוקוקן, עס דאַכט זיך אים אַלץ, אַז שדים און רוחות זיינען באַהאַלטן אין יעדן ווינקעלע, אין די שמוציקע ערטער ביי נאַכט, די איינציקע סגולה זיי צו פאַרטרייבן איז צו שרייען, שמע ישראל... נאָר דאָ טאָר מען דאָך ניט דערמאָנען גאָטס נאָמען אין אַזאַ פּלאַץ. איז די איינציקע זאַך זיך צו ראַטעווען פון אַ סכנה, איז זיך אָנצוהאַלטן אָן די ציצית. מיט ציטערדיקע הענטלאַך שלעפּט משה'לע אַרויס זיין ארבע כנפות פון אונטערן רעקל, און האַלט די ציצית ווי אַ וואָפן אַנטקעגן זיינע אומזעבאַרע שונאים, וועלכע לויערן אויף אים פון אַלע ווינקעלעך. איין ריר פון זיי, חלילה, ווערט מען דאָך געליימט אויפן גאַנצן לעבן, אויב מען פאַלט ניט באַלד אַוועק אַ טויטער. אַזוי האָט אים דאָך די מאַמע אַליין דער־ציילט. און אין גערדאַנק חזר'ט משה'לע אַלץ איבער „שמע ישראל,

שמע ישראל״... נאָר איבער די ליפּן האָט ער עס מורא אַרויסצו־ברענגען אין אַזאַ אומריין אָרט...

וואָס שווייגסטו דאָרט דו גולם איינער, דערהערט ער יצחק דעם רויטנ׳ס קול פון יענער זייט טיר. ער האָט דאָרט מורא געהאַט צו זיצן אין דער שטיל, — רעד צו מיר, זאָג איך דיר, ענטפער דאָרט דו באַנדיט איינער, ווען מען פרעגט ביי דיר... משה׳לע איז געשטאַנען און געציטערט אין דער פינצטער, און ניט געקאָנט אַרויסברייגגען אַ וואָרט איבער די ליפּן.

יצחק דער רויטער האָט זיך דערשראָקן, מיינענדיק, אַז משה׳לע האָט זיך שטילערהייט אַוועקגע׳גנב׳עט צוריק אין חדר אַריין און אים דאָ געלאָזט זיצן אַליין... אַ צעשראָקענער איז ער אַרויסגעלאָפן ניט אָפּהענגענדיק צוריק דאָס שלעסל, און זיך אָנגעשלאָגן אָן משה׳לען... אָ דו שגץ איינער, דו באַנדיט איינער, איכ׳ל דיר שוין ווייזן וואָס מ׳הייסט ניט ענטפערן ווען מ׳רעדט צו דיר. און דערטאַפּנדיק אין דער פינצטער משה׳לעס אויער, האָט ער אים צוריקגעשלעפּט אין חדר אַריין, און פאַר גרויס רציחה פאַרגעסן אָן זיין צוזאָג צו דער מומע טויבע אים ניט צו שמייסן; אין איין אָטעם האָט ער אים אַרונטערגעריסן די הויזקעס, און גענומען שמייסן מיט אַ ווילדער רציחה... יעדער שמיץ פון קאַנטשיק האָט געבריט ווי פייער, און יצחק האָט זיך גאָרניט געקאָנט קילן זיין הארץ, ווי וועלנדיק זיך אָפּרעכענען מיט אַ געפערלעכן שונא... אָפּגעשמיסן איז משה׳לע געבליבן מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן, זיך פּרובירט איינהאַלטן פון וויינען. ער האָט געפילט, אַז אַן אומרעכט איז געגאַנגען אים באַגאַנגען געוואָרן.

יצחק דער רויטער איז געבליבן זיצן אַ פאַרסאָפּטער, ווי נאָך אַ שווער שטיקל אַרבעט. משה׳לע האָט אַ קוק געטאָן אויף אים, און דער האַס און צאָרן וואָס האָט זיך אָנגעקליבן פאַר דער גאַנצער צייט אין זיין קינדיש האַרץ, און איצט דאָס אומגערעכטע שמייסן... ס׳איז שוין אַריבער די מאָס.

און ניט קאָנענדיק זיך מער איינהאַלטן, האָט ער אויסגעשריגן הויך אויפן קול, אַז אַלע זאָלן עס הערן „יצחק דער רויטער, איר זייט אַ רויטער פערד״.

יאַנקעלע לויפט קיין ארץ ישראל

ס'איז געווען אין אָנהויב פונם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען די ציוניסטישע אידעע האָט דערגרייכט די קליינע שטעטעלעך אין גאַליציען, און אַריינגעבראַכט אַביסל לעבן און טעטיקייט אין דעם איינטאָניגן לעבן, און עס געמאַכט אַביסל אינטערעסאַנטער און יום טוב'דיקער...

ס'איז אויסגעוואַקסן אַ ציון־פאַריין, און דאַן האָט זיך אַנט־וויקלט דאָפון די פּועלי־ציון פון די יוגנטלעכע עלעמענטן, וועלכע זיינען באַשטאַנען מייסטנס פון סטודענטן פון גימנאַזיע, און מייד־לעך, שילערינס פון די העכערע קלאַסן, אַ פּאָר בוכהאַלטערס, און משרתים, און גלאַט אַזוי טאַטנס קינדער... און האָט מען אַריינ־דערטאַפּט אַ צוויי, דריי אַרבעטער, האָט מען גאָרניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיי, ווייל זיי האָבן געהאַט גאָר אַ גרויסן מאָראַ־לישן ווערט...

די פּע. פּע. עס. האָט מען געקאָנט צייגן, אַז די פּועלי ציון האָבן אויך פּראָלעטאַריער אין אירע רייען, און אַז ס'איז ניט אמת וואָס זיי וואַרפן פאָר, אַז די פּועלי־ציון באַשטייען בלויז פון לומפּן־פּראָלעטאַריער...

פון פּועלי־ציון איז דאַן אויסגעוואַקסן אַ יוגנטלעכער פאַריין, וואָס איז באַשטאַנען פון דרייצן פערצן יאָריקע אינגלעך, מיט וועל־כע זיי האָבן אַריינגעקנעלט ציונ'יזמוס. און איז געקומען שבת איז געוואָרן פריילעך און לעבעדיק אין שטעטל, חברה האָבן אָפּ־געהאַלטן פאַרזאַמלונגען, דעבאַטן און דיסקוסיאָנען, און האָבן זיך געקאָכט אויף וואָס די וועלט שטייט...

יאַנקעל און חיים, צוויי געשוואוירענע חברים, ביידע מיט־גלידער פון פּועלי־ציון און איבערגעגעבן דער אידייע מיטן גאַנצן האַרצן... זיי האָבן זיך דוקא ניט געקאָכט ווי די אַנדערע, נאָר זיי־נען געווען שטיל און פאַרטראַכט, און פלעגן זיך בסדר האַלטן אין איין סוד'ן, און מאַכן פּלענער ווי אַזוי צו קענען זיין פון די ערשטע פּיאָנירן, אַוועקצופאָרן קיין ארץ ישראל.

יאַנקל, אַ בחור פון אַ יאָר זעכצן, הויך געוואַקסן און גוט ענטוויקלט, וואָס מאַכט אים אויסקוקן אַ פּאָר יאָר עלטער. זיין פּאַטער ר׳ נתן, אַן אָנגעזעענער סוחר אין שטאָט, האָט אים גע־וואָלט האַלטן ביי זיך אין קאַנטאָר, נאָר יאַנקל האָט ניט אַנדערש נאָר געוואָלט ווערן אַן אַרבעטער, אַ אידישער אַרבעטער...

— ס׳טייטש יעקב לעבן, ווי פּאַסט עס פאַר מיר, אַז דו זאָלסט זיין אַן אַרבעטער?... ס׳קאָן מיר נאָך, חלילה, שאַטן צום קרעדיט... אָהין, אַהער, ביז יאַנקל גייט איין אין אַ קאָמפּראָמיס מיטן טאַטן. און ער נעמט אָן אַ שטעלע ביים איטאַליענישן קרעלן־סוחר, וואָס האַנדלט מיט זיין טאַטן. ער ווערט דאָרט אַ שטיקל בוכהאַלטער און אויפזעער אויפן געשעפט ווען יענער פאָרט אַוועק קיין איטאַ־ליען איינהאַנדלען פרישע סחורה.

חיים איז אָנגעשטעלט ביים פאַטער אין אייזן־קראָם. ביידע חיים און יאַנקל מאַכן אָפּ ביי זיך, אַז ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט, צו אַנטלויפן קיין ארץ ישראל... און טאַקע באַלד גע־נומען מאַכן פּלענער, ווי אַזוי דאָס אָם שנעלסטן צו קענען אויס־פירן... איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז חיים זאָל פון יעדן טאָג לייזונג אָפּשטעקן אַ קראָנע צו צוויי, און עס אַוועקלייגן אויף רייזעשפּעזן קיין ארץ ישראל. ווער שמועסט נאָך יעדן מאָנטיק, ווען די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער קומען אין שטאָט אַריין אויפן יאַריד, און ברענגען אַריין אַ סך לייזונג איז אַפילו לייכט אָפּצו־שטעקן אַ פינף קראָנען און דער טאַטע זאָל זיך ניט כאַפּן... יאַנקל האָט ווידער געהאַט אַן אַנדערן פּלאַן: ער וועט נעמען דאָס גאַנ־צע געלט אויף איינמאָל, ווען חיים וועט שוין האָבן אַוועקגעלייגט די נויטיקע סומע... ס׳איז ביי זיי געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך, און אַז ס׳הייסט אבסאָלוט ניט גנבה, ווייל דער צוועק הייליקט די מיטל... און אַזוי ווי מען וועט די עלטערן מיט ווערטער קיינמאָל ניט קאָנען איבערצייגן, אַז ס׳איז זייער חוב צום אידישן פאָלק, צו לאָזן די קינדער זיין פון די ערשטע פּיאָנירן, אַוועקצופאָרן און העלפן אויפבויען דאָס אידישע היימלאַנד, דערפאַר בלייבט ניט אַנדערש ווי אַזוי צו האַנדלען...

אחוץ זיי ביידן, האָבן נאָך אייניקע געציילטע חברים גע־

וואוסט, אז זיי קלייבן זיך פארן קיין ארץ ישראל... נאטירלעך האט עס געמוזט געהאלטן ווערן בסוד סודות, קיינער האט עס ניט געטארט ארויסברענגען הויך אויף די ליפן... מען האט זיך נאר געהאלטן אין איין שושקען, אז אט אט, נאך א וואך, און די ערשטע פייגעלעך וועלן זיך אוועקלאזן אין הייליקן לאנד. טאקע בלויז צווי פייגעלעך, נאר דאס איז בלויז אן אנהויב, די אנדערע וועלן שוין נאכקומען אין מאסן...

אין שיינע לבנה־נעכט פלעגן חברה ארומשפאצירן אין שטאטגארטן אדער אויף די וואליעס, און וועבן גאלדענע חלומות פון דער צוקונפט...

צווישן די חברים האט זיך געפונען א יונגערמאן, ערשט אריבער געקומען פון רוסלאנד, עפעס אזוי ווי אויסגעוואקסן איבער נאכט... און באלד מיט יעדן געווארן א נאענטער חבר, איבערהויפט מיט די מיידלעך, ביי וועמען ער האט זייער שטארק אויסגענומען, מיט זיין שיינעם פנים'ל שוין צו שיין פאר א מאן, שיינע ראזעווע בעקעלעך ווי ביי א מיידל, אלעמאל גלאט ראזירט, און גערעדט האט ער אזוי שטיל און זיס, אז ס'איז געווען א מחיה אים צו הערן ריידן, גערעדט גוט העברעאיש, און אויך געלערנט די מיידלעך ריידן העברעאיש. זיך אריבערגעכאפט דעם גרענעץ און געקומען ווי ער שטייט און גייט, אן א גראשן, נאר פון דעסטוועגן האט אים פון גארניט געפעלט... וועגן דעם האבן שוין חבר'טעס געזארגט, אז ס'זאל אים פון קיין זאך ניט פעלן... זיי פלעגן אים אריינרוקן א פאר קראנען אין האנט און פארשעמט אוועקדרייען דעם קאפ, ער זאל זיך, חלילה, ניט פארשעמען... און ער האט עס גענומען פון זיי מיט אזא מינע ווי ער וואלט זיי טאן א טובה, אז ער נעמט עס גאר ביי זיי... געהייסן האט עס, אז זיי אנטלייען אים בלויז דאס געלט, נאר ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז דאס איז בלויז גערעדט אזוי, אז אין דער אמת'ן וועט ער דאס קיינמאל ניט דארפן באצאלן... און האט ער צו איינער גערעדט העברעאיש, און איר מיט ליבשאפט אריינגעקוקט אין די אויגן, האט יענע געמיינט, אז דאס רעדט ער בלויז צו איר אזוי, אי ער דערקלערט זיך איר ניט אין ליבע, איז דאס בלויז ווייל ער קלערט

איצט פון העכערע זאכן, אַז ארץ ישראל שטייט ביי אים העכער פון אַלץ... און ווען זי פלעגט אים ביים אַוועקגיין אַריינרוקן אַ פּאָר קראָנען אין האַנט, פלעגט ער איר אַ טובה טאָן און צונעמען, און דאַביי קלערן, מיט וועלכע מיידל ער דאַרף דאָס איצט האַלטן אַ ראַנדעוואו... איז אויסגעקומען צו ריידן וועגן ארץ ישראל, האָט ער מיט אַ הויכן זיפץ דערקלערט, אַז ער וואָלט געוועזן פון די גליקלעכסטע, ווען ער וואָלט שוין קענען טאָן פעלד־אַרבעט אין ארץ ישראל, און זיין פון די ערשטע פּיאָנירן, וואָס וועלן העלפן אויפבויען אונדזער לאַנד... און גערעדט האָט ער מיט אַזאַ צאַרטער לאַשטשענדיקער שטימע, אַז ביי פילע מיידלעך זיינען געשטאַנען די טרערן אין די אויגן...

גרינשטיין האָט געשפּילט זיין ראָלע אויסגעצייכנט, און יעדע מיידל וואָלט געקאָנט שווערן ער האָט ליב נאָר זי אַליין, און ארץ ישראל...

מען וואָלט שוין ווי ניט איז צווישן זיך צוזאַמען געלייגט און אים נעגעבן אויף צו קענען פאָרן קיין ארץ ישראל, ווען ניט דורך אַ צופאַל, וואָס גרינשטיין האָט זיך פון איינע פון די מיידלעך דערוואוסט, אַז יאַנקל מיט חיים'ן קלייבן זיך די טעג צו פאָרן קיין ארץ ישראל... גרינשטיין האָט זיך אויך דערוואוסט, אַז די מיידלעך קלייבן צווישן זיך געלט פאַר זייערטוועגן... און ער האָט עס אויסגערעכנט, אַז דורך אָט דעם יאַנקלען קאָן ער דאָס אַ סך שנעלער דערגרייכן... און ער האָט גענומען יאַנקלען אין דער אַרבעט... יאַנקל פלעגט זיך ווי אויסבאַהאַלטן פון אַלעמען, גרינשטיין האָט עס אַזוי אַראַנזשירט, אַז איינע פון די מיידלעך זאָל אים באַקאָנען מיט יאַנקלען... ער האָט זיך דערנאָך דעם צוגעטשעפּעט צו אים ווי אַ קלעשטש און זיך אַרומגעשלעפּט מיט אים ביז שפּעט אין דער נאַכט... ער האָט באַלד דערשמעקט, אַז חיים איז צו פּראַקטיש און מ'וועט מיט אים ניט קאָנען אַ סך אויפטוען, האָט ער זיך גענומען שטאַרקער צו יאַנקלען... און מיט אים באַלד געהאַלטן אויף אַ שטייגער... יאַנקל איז איינפאַך געווען פאַרליבט אין אים, ער האָט גאָר קיינמאָל ניט געוואוסט, אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ שיינע נאָבעלע נשמה אויף דער וועלט, ווי אָט דער גרינשטיין איז... ניט

אומזיסט האָבן אים די מיידלעך אַזוי ליב געהאַט, ווען ער איז אַ מיידל וואָלט ער זיך אַליין אויך פאַרליבט אין אים...

גרינשטיין האָט אים איבערצייגט, אַז ער טאָר דאָס ניט אָפּציִען צו לאַנג, ווייל די עלטערן קאָנען זיך נאָך דערוויסן דערפון, און שטערן דעם גאַנצן פּלאַן... און אין איין וועגס אים שוין אַריינגעלעגט אַ פינגער אין מויל, אַז ווען ער קאָן פאַר אים אויך זעען אויף רייזעשפּעזן וואָלטן זיי געקאָנט פאָרן זאַלבע־דריט... און ביי יאַנקלען איז עס געווען אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַנדערש קאָן עס גאָרניט זיין... דער כיטרער גרינשטיין געפינט באַלד אויס, אַז פון חיים׳ן קאָן ער גאָרניט אַרויסקריגן, ווייל ס׳פעלט אים נאָך אַליין אויס אַ פּאָר קראָנען פאַר זיך אַליין... ווען מען לייגט עס אָפּ אויף אַ פּאָר וואָכן, וואָלט ער גראָד געהאַט געניג... וואָס מאַכט עס אויס, מישט זיך גרינשטיין אַריין, אויב ס׳האַנדלט זיך בלויז אין אַ פּאָר קראָנען וועט דיר שוין יאַנקל דערלייגן... און יאַנקל שטימט צו אַז אַלעס דאַרף געטאָן ווערן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות... אַז פאָרן דאַרפן זיי, הייסט עס אויף איין געמיינזאַמע קאַסע...

קומט יאַנקל אַהיים אַ באַגייסטערטער, און מוז זיך פאַר וועמען אויסריידן דאָס האַרץ... זיין אינגער ברודערל אשר, אַ אינגל פון אַ יאָר דרייצן, וואָס באַלאַנגט שוין צו די יוגנטלעכע פּועלי־ציון, פאַר אים אַנטפּלעקט איצט יאַנקל זיין סוד... נאָר צוערשט נעמט ער ביי אים זיין ערנוואָרט, אַז אויב ער וועט אים ניט וועלן אַרויסהעלפן אין זיין פּלאַן, זאָל ער אים אָבער ניט אַרויסגעבן... און יאַנקל איז געווען איבעראַשט צו הערן, אַז אשר טראָגט זיך אַליין אַרום מיט די זעלבע געדאַנקען, נאָר אויף אַן אַנדער שטייגער... ער וויל אַוועקפאָרן אין אַ גרויסער שטאָט, און ווערן אַן אַרבעטער, און זיך אַליין מיט די אייגענע הענט פאַרדינען אויף רייזעשפּעזן קיין ארץ ישראל... נאָר יאַנקל מאַכט דעם גאַנצן פּלאַן צונישט. — לאָ׳מיך נאָר צוערשט זיין דאָרטן, וועל איך דיך שוין אַהין אַרויסנעמען... געפעלט אשר׳ן זייער זיין פּלאַן, נאָר וואָס ער דאַרף זיך אַרויס,גנב׳ענען פון טאַטנס הויז און נאָך צונעמען געלט ביים טאַטן, דאָס איז אים ניט שטאַרק צום האַרצן...

יאַנקל טרייסט אים און דערקלערט אים אויף דייטש, אַז „צוועק הייליקט די מיטל", און פאַרטייטשט עס אים אויף אידיש, אַז אַזוי ווי ער גייט איצט טאָן אַ הייליקע שליחות, איז דאָס גע־צייג מיט וועלכן ער גייט זיך איצט באַנוצן, אום אויסצופירן זיין פּלאַן, אויך שוין געהייליקט...

אין האַרצן איז אשר ניט אין גאַנצן איינשטימיג מיט אים, נאָר יאַנקל איז דאָך אָבער פאַרט זייער באַלעזן אין דייטש און אי־דיש, און זיכער ווייסט יאַנקל בעסער פאַר אים... און ער פאַר־שפּרעכט אים אַרויסצוהעלפן מיט וואָס נאָר ער קאָן...

דעם צווייטן טאָג קומט יאַנקל אַהיים אַ פאַרסאַפּעטער אין מיטן טאָג און פאַרטרויט אשר'ן אַ סוד, אַז ער האָט איצט אַריינ־געקראָגן טויזנט קראָנען, און ער מוז איצט גלייך אַוועקלויפן קיין ארץ ישראל, איידער דער טאַטע כאַפּט זיך וועגן דעם... ער קומט איצט פון טאַטנס קאַנטאָר, דער טאַטע איז גראַד אַוועקגעגאַנגען פאַר אַ ווייַלע, איז געקומען ר' הערש הוזאַר און געבראַכט טויזנט קראָנען, וואָס ער איז שולדיק געווען דעם טאַטן, ער האָט עס באַלד פאַרשריבן אין בוך, פאַר זיינע אויגן, נאָר ווען יענער איז אַוועק, האָט ער באַלד צוריק אויסגעמעקט... און קוים איז דער טאַטע גע־קומען איז ער אַהיימגעלאָפן, און איצט אשר מוזט דו מיר העלפן מיט אַן עצה... איך דאַרף בלויז אַ פינף הונדערט קראָנען, איך וועל דיר דערפאַר דאָ איבערלאָזן דאָס איבעריגע, און דו וועסט עס מאָרגן דאָ געפינען... און איבערגעבן דעם טאַטן... געפעלט אשר'ן ניט דער פּלאַן, דער טאַטע קאָן זיך נאָך נעמען צו אים מיט פּראַגעס, און ער קאָן זיך נאָך אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט און קאַליע מאַכן דאָס גאַנצע עסק... בעסער וואָלט זיין ווען ער נעמט מיט דאָס גאַנצע געלט און שיקט צוריק די העלפט פון מיטן וועג...

יאַנקל לויפט אַוועק אָנזאָגן חיים'ן און גרינשטיינ'ען, אַז ער מוז שוין אַוועק, און וואו זיי זאָלן זיך טרעפן אין עטלעכע טעג אַרום, ווען ס'וועט ווערן שטיל וועגן זיין אַנטלויפן פון דער היים... ריידן אַלעס שנעל אָפּ מיט אַלע איינצעלהייטן, געזעגנט זיך מיט אַ „שלום" און איילט זיך צוריק אַהיים צו אשר'ן...

ער דערקלערט אים, אַז ער קאָן ניט פאָרן מיטן באַן, ווייל

מ׳קאָן זיך נאָך דערוויסן פון זיין אַטלויפן, און קלאַפּן אַ דעפּעשע צום שטאַציאָנס־שעף, אַז מ׳זאָל אים אומקערן צוריק אַהיים... אָך די שאַנדע, אַהיימצוקומען צוריק מיט אַ זשאַנדאַר ביי דער זייט... ניין ער וועט בעסער אַוועק צו פוס אין דער אַנטקעגנזעצטער ריכ־טונג... און אַזוי גיין צו פוס, ביז ער וועט זיך דערשלאָגן צו אַ סטאַנציע. און פאָרן אַרום און אַרום, און ערשט אָנקומען דעם צווייטן טאָג קיין לעמבערג, אַנשטאָט וואָס ס׳דאַרף אים אַזוי נע־מען אַ דריי שעה... דאָרטן וועלן זיי זיך אַלע דריי טרעפן און מאַכן ווייטערע פּלענער...

קיין סך צייט איז ניטאָ צום ריידן, יאַנקל הייסט אים צוגיין צום קאַנטאָר, און אויסגעפינען צי דער טאַטע ווייסט שוין דערפון, און אויב ניט זאָל ער צו אים מאַכן מיטן האַנט, אַז ער קאָן שוין גיין... ער מוז זיך מאַכן, אַז ער ווייסט פון גאָרניט, און מוז די עלטערן אָפּציען פון ריכטיגן שליאַך.

מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ גייט אשר אַריין צום טאַטן אין קאַנטאָר, און דער טאַטע באַגריסט אים ווי געוויינלעך מיט זיין ליבלעכן שמייכל... אשר שטייט אַ ווײַלע און פאַרלאָזט מיט אַן אויסרייד דעם קאַנטאָר, ער זעט יאַנקלען אין דער צווייטער גאַס, און מאַכט צו אים פון דער ווייטנס מיט דער האַנט... ער זעט ווי יאַנקל שפּאַנט אַוועק מיט גיכע טריט... אשר׳ן ווערט אַזוי שווער אויפן האַרצן, עס ווילט זיך אים נאָכלויפן, אים צוריקרופן, איידער ס׳ווערט צו שפּעט... ער מאַכט אַ באַוועגונג אויף צו לויפן, נאָר ער בלייבט ווי אַ צוגעשמידטער שטיין, אין אויער קלינגט דער יעזואיטישער ווערטל „צוועק הייליקט די מיטל״...

* * *

יאַנקל שפּאַנט מיט פעסטע טריט, דער אויסגעטראָטענער שניי סקריפּעט אונטער די פיס, דאָס האַרץ קלאַפּט אַזוי שטאַרק, און אים איז אַזוי היים... עס דאַכט זיך אים אַז יעדער קוקט אויף אים... אין אַ שטונדע אַרום איז ער שוין העט ווייט אונטערן שטאָט... דער וועג איז דאָ פאַרשנייט אַ פוס די הויך, און ס׳ווערט אַלץ שווערער, און שווערער צו גיין, שטעק אַריין אַ פוס, און שלעפּ אַרויס אַ פוס פון שניי, אַז עס גיסט פון אים דער שווייס...

ער פילט ווי ס'ווערט אים לייכטער אויפן רעכטן פוס. ער קוקט זיך איין און זעט, אז ער האָט פאַרלוירן איין גאַלאָש, ערגעץ אין שניי... צוריקגיין זוכן איז קיין צייט ניטאָ, שלעפּט ער אַראָפּ דעם צווייטן גאַלאָש פון לינקן פוס און וואַרפט אים אַוועק אָן אַ זייט, און טאַפּטשעט ווייטער אַזוי אין טיפן שניי. ס'פאָרט פאַרביי אַ פויער מיט אַ שליטן, יאַנקל פרעגט אים צי ער קאָן מיטפאָרן, דער פויער קווינקלט זיך אַ ווייַלע און שאָקלט דעם קאָפּ אויף יאָ. יאַנקל זעצט זיך אַוועק אין רעכטן ברעג אונטן, אַזוי אַז ווען ער וועט דאַרפן אַראָפּ, זאָל ער מיט איין שפּרונג קענען זיין אונטן... דער פויער, אַ געזונטער זשלאָפּ מיט אַ פוטערנעם קאַזשוך קוקט אויס ווי אַ ריז... ער קוקט זיך אַלע ווייַלע אום אויף צוריק וואו יאַנקל זיצט, און כאַפּט אין איין וועגס אַ קוק אויף די בייגל, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט אין שטאָט און זיי אויפגעצילעט אויף אַ שטריקל, און דאָ אויף דעם פּאַניעטש מיטן ווייסן קאָלנער, צי גנב'עט ער אים אפשר ניט צו דאָרטן די בייגל...

יאַנקל קוקט אויף די ברייטע פּלייצעס אינם פוטערנעם קאַזשוך, און עס וואָלט זיך אים ניט וועלן זיין איינער אַליין מיט אים אין מיטן וואַלד ביי נאַכט... יאַנקל שמייכלט צו זיך אַליין, ווי מאָדנע דאָס איז... ביידע האָבן זיי מורא איינער פאַרן צווייטן. זיי פאָרן אַזוי אַ שטיק וועגס ניט אַרויסריידנדיק איינער צום צווייטן אַ וואָרט. דער פויער פאַרנעמט זיך דאָן אויף אַ זייטיגן וועג, יאַנקל שפּרינגט אַראָפּ פון שליטן באַדאַנקנדיק זיך ביים פויער, ס'ווערט זיי ביידן לייכטער אויפן האַרצן...

אַ פּאָר קילאָמעטער ווייטער געפינט זיך אויפן וועג אַ קרעטשמע, וואָס זיין מאַמעס אַ קרוב האַלט דאָרט פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר. יאַנקל וויל זי אויסמיידן, אַז יענער זאָל אים ניט זען, נאָר ווי אויף צופּלייסנס, קומט ר' עליע גראַד אַרויס פון דער קרעטשמע, און אים גלייך אַנטקעגן... אַ גאַסט יאַנקעלע, וואָס מאַכסטו עפּעס אין אַזאַ וועטער? איך בין זיך דורכגעגאַנגען אביסל, איך וועל זיך אָנוואַרעמען, וועל איך באַלד צוריקגייען אהיים, האָט יאַנקל געשטאַמלט. אַריינקומנדיק, האָט אים אַ זעץ געטאָן אין נאָז דער בראָנפן מיטן ביר, אַזש דער קאָפּ האָט זיך אים גענומען דריי־

ען, דער טומל פון די פויערים מיט די בייטשן אין די הענט, האָבן אים אין גאַנצן צעטומלט... ער האָט איבערגעכאַפּט אַ זעמל מיט הערינג, וואָס ר' עליע האָט אים דערלאַנגט, פאַרטרונקן אַ גלעזל טיי, און זעענדיק ווי ר' עליע ווערט פאַרנומען שטאַרק מיט די פויערים, גנב'עט ער זיך אַרויס אָן אַ זיי געזונט און נעמט שטעלן פיס... ווען ער קוקט זיך שפּעטער אום, קאָן ער גאַרניט מער זעען פון דער קרעטשמע, אַלעס אַרום איז בלויז איינגעטונקען אין ווייסן, און ער, איין פּינטעלע צווישן אַזויפיל שניי...

* * *

ר' הערש הוזאר דאַרף נאָכמיטאָג וויטער זיין אין קאַנטאָר, און גיט אַ זאָג צום טאַטן; ר' נתן כ'האָב היינט אין דער פרי אייער זון איבערגעגעבן די טויזנט קראַנען, וואָס איך בין אייך שולדיק, ער האָט זיכער פאַרשריבן אויף מיין קאָנטאָ?... ר' נתן ווערט בלייך ווי די וואַנט, און אַנגסטן נעמט אים באַשלאָגן, ווען האָט איר אים געגעבן דאָס געלט, ר' הערש? וואָס הייסט ווען? היינט אין דער פרי, אָ, די טויזנט קראַנען פון היינט אין דער פרי? אודאי פאַרשריבן, וואָס דען? ווען ר' הערש פאַרלאָזט דעם קאַנ־טאָר, גיט ר' נתן אַן עפן דאָס בוך, און כאַפּט זיך אָן פאַרן קאָפּ...
— אוי, געוואַלט! ער קוילעט מיך אָן אַ מעסער... ווען מ'עט גע־וואויער ווערן אין שטאָט, קאָן מען אים נאָך, חלילה אָפּשטעלן דעם קרעדיט...

ער לויפט אַרויס ווי אַ פאַר'סם'טער און דערזעעט אשר'ן אין דרויסן — האָסט אפשר געזען יעקב לעבין? — כ'האָב אים געזען אין דער פרי, ענטפערט אשר, ניט קענענדיק קוקן דעם טאַטן אין פּנים אַריין... לויף גיך אַהיים, און ברענג די מאַמע אַהער, קרעכצט דער טאַטע פאַרצווייפלט אויס. אשר לויפט אַהיים נאָך דער מאַ־מען. די מאַמע אָן איבערגעשראָקענע לויפט מיט אים צוריק אין קאַנטאָר... אויפן וועג באַגעגענען זיי ר' עליען. וואָס לויפסטו אַזוי פייגע? אָ, איר ר' עליע? וואָס טוט איר עפּעס איצט אין שטאָט? ענטפערט אים די מאַמע מיט אַ פראַגע, — זוכסט אפשר דיין יאַנקעלען? וואָס ווייסט איר פון יאַנקעלען? פרעגט אים די מאַמע איבער מיט שרעק, — אָט גאַרניט, ער איז היינט געווען

ביי מיר, און איידער איך האָב צייט געהאַט צו לאָזן איינשפּאַנען דעם שליטן איז ער אויף איינמאָל נעלם געוואָרן... ווייַ איז צו מיר, רייסט די מאַמע די באַקן... רבי עליע גייט מיט אין קאַנטאָר און דערציילט דאָס זעלבע דעם טאַטן... נאָך אַ קורצער באַראַטונג, ווערט באַשלאָסן, אַז דער טאַטע זאָל כאַפּן אַ שליטן מיט אַ פּאָר גוטע פערד, און זען אים צו כאַפּן אויפן וועג איידער מענטשן ווערן געוואויער, ווייל דאָס קאָן נאָך אוועק'הרג'ענען דעם גאַנצן קרעדיט...

די מאַמע ברעכט די הענט, — גראָד היינט האָט עס באַדאַרפט צו טרעפן, ווען מען גרייט זיך גראָד איצט צו דער שמחה... שיינדעלע, דעם טאַטנס שוועסטערס טאָכטער, האָט באַדאַרפט היינט ביי נאַכט פאַרלאָבט ווערן, און אַזוי ווי זיי זיינען זייער אָרים און האָבן ניט קיין לייטישע וואוינונג, איז געבליבן, אַז מען זאָל מאַכן די שמחה ביי ר' נתן אין הויז. און איצט אין מיטן דערינען דאַרף מען אַנטלויפן, נאָכלויפן ערגעץ דעם זון...

ס'איז נאָך פאַראַנען אַ פּאָר שעה צייט, די מאַמע שטייט דערווייל אין קאַנטאָר ביז עס ווערט טונקל, און לויפט דערנאָך אַהיים אַלעם צוגרייטן איידער די געסט הויבן זיך אָן צוזאַמענקומען... און וואָס קאָן מען עפּעס זאָגן די געסט, פאַר וואָס דער טאַטע איז פּלוצים אוועקגעפאָרן...

אשר דרייט זיך אַרום צווישן די געסט מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, אים דאַכט זיך, אַז יעדער איינער ווייסט, אַז ער איז פאַרמישט אין דעם...

די מאַמע לויפט אַרום פון איינעם צום צווייטן, דערלאַנגט לעקאַך מיט בראָנפן, און שמייכלט צו יעדן צוקערזיס... אשר הערט זיך אונטער אַ געשפּרעך צווישן עטלעכע מענטשן „ער איז געוועזן פאַרליבט אין דער קוזינע, אַזוי שטילערהייט, קיינעם ניט אויסגעזאָגט, אפילו שיינדעלען אַליין אויך ניט... און דאָ זעט ער ווי ס'גייט שוין זיין איר פאַרלאָבונג היינט ביי נאַכט, האָט ער עס מער ניט געקאָנט אריבערטראָגן און איז פאַר הארצווייטיק אנטלאָפן"...

אשר שמייכלט צו זיך אַליין, ער ווייסט בעסער פאַר זיי אַלע־

מען, יאַנקל האָט זיך ניט פאַרליבט אין שיינדעלען, נאָר אין ארץ ישראל...

ס׳איז שוין שפּעט ביי נאַכט, די געסט גייען נאָך אַלץ ניט אַוועק... ס׳איז שוין דאַכט זיך, נאָך אַלעמען, און ס׳גלוסט זיך נאָך ניט אַוועקצוגייען, אפשר וועט זיך נאָך ר׳ נתן אומקערן מיט יאַנקעלען, און יעדער איז נייגעריג געוועזן אַ קוק צו טאָן אויף אים... די מאַמע גייט אַרום מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן, פאַרשטעלנדיק ווי אַ גוטע שוישפּילערין, וואָס ס׳טוט זיך ביי איר אין האַרצן...

איר יאַנקעלע זאָל זיך, חלילה, ניט פאַרקילן אויפן וועג, ער גייט אַזוי לייכט אָנגעטאָן, צי איז ער ניט ערגעץ פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין דער פינצטערער נאַכט... טרערן שטייען איר אין האַלז נאָר דערשטיקט צו ווערן, און דאָס פּנים שמייכלט אַזוי פריינדלעך, אַרומלויפנדיק, באַדינענדיק די געסט...

נאָך צוועלף ביי נאַכט, קוים אַרויסגעפּטר׳ט דעם עולם, און יעדן באַגלייט מיט אַ שמייכעלע ביז צו דער טיר, ווינטשנדיק יעדן, זיך נאָר צו זען אויף שמחות... איינהאַלטנדיק זיך מיט די לעצטע כוחות, ניט צוזאַמענצוברעכן...

אשר דרייט זיך אַרום דער מאַמען אַ שולדיגער, פילט ווי זיליידט אין דער שטיל, און ער וואָלט איר וועלן מיט עפּעס העלפן... ער העלפט איר אָפּראַמען פון די טישן, נאָר די מאַמע בעט אים אויס דאָס בעט און הייסט אים גייען שלאָפן... אשר פאָלגט דער מאַמען, ווייל ער האָט מורא, אַז ער וועט זיך נאָך אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט, וואָס וועט נאָך קענען קאַליע מאַכן דעם גאַנצן עסק.

ליגנדיק אין בעט פאָלגט ער דער מאַמען נאָך מיט די אויגן, און זעט ווי זי ליידט, ווי זי ווישט זיך מיטן פאַרטוך די אויגן, און אים ווילט זיך אַליין מיט עפּעס באַשטראָפן... ער קנייפּט זיך מיט די נעגל אין דיקן פליייש, ביז בלוט... אַן אויסגעמאַטערטער ווערט ער אַנטשלאָפן...

אַ מאָדנער געוויש וועקט אים אויף. ער הערט זיך איין מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, און הערט ווי דער טאַטע וויינט אויפן קול, דערציילנדיק דער מאַמען — „כ׳האָב געמיינט, אַז ער איז אַוועק צו דער מומע פעשען, אַ מהלך פון אַ דרייסיק קילאָמעטער, קוים

איך אַהין וווּהסט זי ניט פון וואָס צו זאָגן... קירעווע איך אויס דעם דישעל און פּאָר אַהיים... און דאָ איז אַ זאַווערוכע, אַז ס'איז אַן עבירה אַ הונט אַרויסצוטרייבן, מ'זעט ניט קיין בן אדם ביי וועמען זיך נאָכצופרעגן, ס'זאָל אים נאָר, חלילה, גאָר קיין אומ־גליק ניט געשעען אויפן וועג, מיין טייערער בכור, פאַר וועמען איך וואָלט מיין גאַנצעס לעבן אַוועקגעגעבן, מ'קאָן דאָך ניט זאָגן, כ'האָב דאָך אַלע קינדער ליב, זיי זאָלן מיר געשענקט זיין מיט לאַנגע יאָרן, נאָר איך האָב אים דאָך אויסערגעוויינלעך ליב, ער איז דאָך געווען דער ערשטער מיך צו רופן „טאַטע", זאָל עס מעגלעך זיין, אַז ס'זאָל זיין ליבע אָן קענגליבע?... דער רבש"ע זאָל אים נאָר ניט רעכענען, וואָס ער האָט היינט געטאָן פאַר מיר. די מאַמע פּרוּווט אים באַ־רואיקן, נאָר ער קאָן זיך גאָרניט טרייסטן, און וויינט הויך אויפן קול...

אשר ליגט אין גאַנצן אַ צעבראָכענער, דעם טאַטנס וויינען צעברעכט אים אין גאַנצן, דער טאַטע איז דאָך ביי אים זיין גאַנ־צער גאָט, און ער פילט, אַז אָט קאָן ער עס מער ניט אויסהאַלטן, אונוועט מוזן דעם טאַטן אַלעס דערציילן, ער וואָלט אים נאָך גע־קאָנט מאָרגן אין דער פרי כאַפּן אין לעמבערג... ער עפנט דאָס מויל... נאָר אָט דאַכט זיך אים, ווי ער וואָלט געזען יאַנקלען גאַנץ דייטלעך, כאָטש ס'איז שטאָק פינצטער אין שטוב... און יאַנקל מאַכט צו אים מיט אַ פינגער, „מ'טאָר ניט אשר'ל... און ער דער־מאָנט זיך יאַנקלס ווערטער פון אין דער פרי, „צוועק הייליקט די מיטל"... ער גראָבט דאָס פּנים איין אין קישן, און באַגיסט זיך מיט ביטערע טרערן.

דעם דריטן טאָג קריגט דער טאַטע אַ בריוו פון יאַנקעלען, מיט אַ פּאָסט אָנווייזונג אויף פינף הונדערט קראָנען, — ענטשולדיגט, ליבע עלטערן, וואָס כ'האָב אַזוי געהאַנדלט, איך דאַרף ניט מער ווי אַ העלפט, וואָס כ'האָב ביי אייך גענומען אויף רייזעשפּעזן קיין ארץ ישראל, דאָס איבעריקע שיק איך אייך דאָ צוריק, איך בעט אייך, שטערט מיך ניט אין מיין הייליקער מיסיע, וואָס איך האָב אונטערגענומען, צו זיין פון די ערשטע פּיאָנירן, אויפצובויען אונד־זער הייליק לאַנד, ארץ ישראל... לויפט מיר ניט נאָך קיין לעמבערג,

ווייל איר וועט מיך שוין דאַרט ניט טרעפן... עס וועט קומען אַ צייט וועט איר וועט אַליין פאַרשטיין, אַז אַנדערש האָב איך ניט געקאָנט האַנדלען, א. אַז. וו...

זעסט מיין ווייב, האָט דער טאַטע געווישט די אויגן, לייענענ־דיק דעם בריוו, ס'איז טאַקע אונדזער זון, אונדזער טייערער בכור, זאָל לעבן און געזונט זיין, און געצייגט דעם בריוו מיט דעם געלט יעדן סוחר, וואָס איז אריינגעקומען אין קאַנטאָר... כדי ס'זאָל, חלילה, ניט שאַטן צום קרעדיט...

אַי, אַי, אַי, די ציוניסטן, אַז ניט געדאַכט זאָלן זיי ווערן, האָבן מיר גענומען מיין טייער קינד און אים פאַרדרייט דעם קאָפּ... און ווער זאָל זיך דאָס גאָר ריכטן?... דאַכט זיך אַזאַ שטיל קינד, אַ דימענד, קאָן קיין צוויי ניט ציילן, און ווער זאָל זיך עס גאָר קע־נען פאָרשטעלן, אַז ער וועט מיר קאָנען אָפּטאָן אַזאַ זאַך... נאָר ביי דעם אַלעם איז ער פאָרט מיין טייערער בכור, זאָל לעבן און געזונט זיין... ער דאַרף ניט מער ווי אַ העלפט, שיקט ער די צוויי־טע העלפט צוריק...

ר' מענדעלע צימעלס, אַן ערלעכער, כשר'ער איד און אַ גע־היימער ציוניסט, קומט צוגיין צו ר' נתן'ען און דריקט אים די האַנט און גיט אים אָפּ אַ „מזל טוב", אַז ער האָט זוכה געווען, אַז זיין קינד זאָל זיין פון די ערשטע פייגעלעך אַוועקצופליען, און העלפן אויפבויען אונדזער הייליק לאַנד, ארץ ישראל... איך וואָלט זיך געשעצט גליקלעך, ווען דאָס וואָלט געווען מיין קינד... ר' נתן האָט ניט געגלויבט די אייגענע אויערן...

דעם צווייטן טאָג נאָך יאַנקלס אַוועקפאָרן איז אויך חיים מיט גרינשטיינען פאַרשוואונדן... זיי האָבן זיך געטראָפן מיט יאַנקעלען, וואו זיי האָבן זיך אָפּגערעדט, און באַלד אַוועק קיין טריעסט, צו קענען כאַפּן אַ שיף קיין ארץ ישראל...

גרינשטיין האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע... ער האָט גע־נומען אויסריידן יאַנקעלען, פאַרוואָס ער האָט צוריקגעשיקט די פינף הונדערט קראָנען אהיים... מ'קאָן קיינמאָל ניט וויסן, וואָס ס'קאָן זיך טרעפן אויפן וועג, מ'דאַרף אַלעמאָל זיין באַוואָרנט מיט אַביסל געלט...

חיים׳ן האָט צוגעפּעלט אַביסל געלט אויפן בילעט, גרינשטיין האָט זיך פריי באַנוצט מיט זיין געלט, פאַרנדיק אַהער... איצט האָט ער געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז אַזוי ווי ער איז דער עלטסטער פון זיי, זאָלן זיי אים איבערגעבן דאָס גאַנצע געלט און ער וועט שוין פאַר אַלעמען באַזאָרגן בילעטן און אַלעס וואָס נויטיק... און ס׳איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַזוי דאַרף עס צו זיין... שפּאַנענדיג אַזאַ לאַנגן וועג אין דער נעץ, זיינען יאַנקלס שיך געווען אין גאַנצן נאַס, און אויסטוענדיק זיי ביי נאַכט, האָט ער זיי אין דער פרי ניט געקאָנט צוריק אָנטאָן, ער האָט זיך דאַוויל אַנטליען חיים׳ס שיך און זיך געוואָלט גיין קויפן אַ פּאָר גרעסערע שיך, נאָר גרינ־שטיין האָט ניט געלאָזן, — וואָס הייסט, וועסט גייען פאַרטאַבלע־ווען געלט, ס׳קאָן נאָך דערנאָך אפשר אויספעלן... כ׳קאָן דאָך אָבער פאָרט ניט אָנטאָן די שיך, — נעמט זיך יאַנקל ביי אים בעטן, עס איז ניט געפערלעך, האַלט זיך גרינשטיין ביי זיינס, וועסט זיי אויסטריקענען ביים אויוון, וועסטו זיי שוין קענען אַרויפשלעפּן. די פיס זיינען ביי יאַנקעלען געווען אָנגעשוואָלן פון דער נעץ און קעלט, און מיט שווערער מיה, האָט ער זיי קוים געקאָנט אַרויפ־שלעפּן אויף די פיס, יאַנקל האָט פאַר ווייטאָג פאַרפּרעסט די ליפּן, און געהונקן דעם גאַנצן וועג... קוים דערלעבט צו זיין אויף דער שיף און אַראָפּשלעפּן די שיך פון די צעוויטאָגטע פיס...

גרינשטיין האָט זיך גענומען האַנדלען מעשה דיקטאַטאָר... דאָס טאָר מען ניט, און דאָס דאַרף מען ניט. נאָר יאַנקל האָט דאָס אַלעס אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, עט, קלייניגקייטן... גרינשטיין איז גערעכט, מ׳דאַרף זיין מער פּראַקטיש, ווי ער, יאַנקל איז, און זען ניט צו בלייבן שטעקן אָן געלט אין מיטן וועג... מ׳דאַרף וויסן מיט יאַנקעלען ווי אומצוגיין, מיט גוטן קאָן מען ביי אים די נשמה צונעמען, נאָר קוים ברייננט מען אים אריין אין כעס, דאַן שטעלט ער זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּ...

ס׳ערשטע מאָל וואָס יאַנקל פאָרט אויף אַ שיף, באַלד דעם דריטן טאָג ווערט ער קראַנק, און האַלט אין איין ברעכן מיט דער גרינער גאַל... ס׳איז אַן אַלטע פראַכט־שיף, וואַרפט און הוידעט

זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, יאַנקל פילט אַזוי שוואַך אַז ער קאָן זיך ניט האַלטן אויף די פיס...

זע נאָר מיין העלד, נעמט זיך גרינשטיין וויצלען איבער אים... זע נאָר, ווער ס'גייט אויפבויען ארץ ישראל... און זע נאָר, ווי ער ליגט דאָ ווי געפּגר'ט. דאָרט איז ניטאָ ביי וועמען זיך איבערצונעמען, דאָרט דאַרף מען זיין אַ מאַן. יאַנקל שמייכלט גוטמוטיק, ווייל אויפהייבן דעם קאָפּ און קאָן ניט...

ענדלעך האָט זיך די שיף דערנעענטערט צום הייליקן לאַנד, פון וועלכן ער האָט אַזויפיל געחלום'ט די לעצטע צייט... אַ באַגייסטערטער פון דער נאָענטקייט פון זיין ענדציל, וואָלט ער איצט יעדן אַרומגעכאַפּט קושן...

איצט הויבט זיך אָן אַ חתונה מיט די שיף, וועלכע ווילן ניט אַרויף אויף די פיס, שלעפּ אַהין און שלעפּ אַהער, אַז ס'גייט ניט... קוים מיט שווערער מיה אַריינגעפּענטעט די פיס, אַז ס'צופּט אַזש ביים האַרצן פאַר ווייטיק... נאָר וואָס מאַכט עס אויס, אַז אָט גייט מען שוין באַלד טרעטן אויף דער הייליקער ערד... יאַנקל ווילט זיך אַנידערפאַלן אויף די קני און קושן די ערד... וויפיל נעכט ער האָט ניט געחלום'ט פון דער מינוט, און איצט איז עס אַ ווירקלעכקייט... אין זיין גרויס באַגייסטערונג פאַרגעסט ער אין גאַנצן אָן דעם ווייטאָג פון די פיס... ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן פילט ער זיך אַזוי גליקלעך... אָנגעקומען אין רחובות, זיינען זיי האַרציק באַגריסט געוואָרן פון די דאָרטיגע פּיאָנירן. אַ גליקלעכער האָט יאַנקל אַראָפּגעוואָרפן די שיך, און אַ באָרוויסער גענומען אַרומשפּרינגען...

זיין ערשטע אַרבעט איז געווען, ביים גראָבן קאַנאַוועס. דעם ערשטן טאָג איז ער אַהיימגעקומען אַ מידער, אַ פאַרשוויצטער, די הענט פול מיט מאַזאָליעס, נאָר ס'איז אַזוי גוט אויפן האַרצן... און ער שרייבט אַהיים צו זיינע עלטערן, אַ באַגייסטערטן בריוו, דערציילנדיק זיי ווי גליקלעך ער איז, און ער וואָלט שוין וועלן דערלעבן צו זען, דער טאַטע זאָל אויפגעבן דעם קאַנטאָר מיט די לופטגעשעפטן און אַריבערקומען אַהער, און ווערן אַ קאָלאָניסט, דאָס וואָלט געווען דער גליקלעכסטער טאָג אין זיין לעבן...

דאַן איז ער געוואָרן אַ שומר אין אַ וויינגאָרטן, אָנגעטאָן ווי

אַן אַראַבער מיט אַ ביקס אין האַנט, אַ רעוואָלווער און מעסער, איינגעשטעקט אין גאַרטל, האָט ער זיך אַזוי געלאָזן פּאָטאָגראַפירן, און אַהיימגעשיקט אַ בילד זיינע עלטערן, וועלכע האָבן צוערשט געמיינט, אַז ס'איז עפּעס אַ גזלן, און ערשט שפּעטער דערקאָנט זייער יאַנקעלע, און געבראָכן די הענט, וואָס ער קוקט נעבעך אויס אַזוי שלעכט... חיים מיט יאַנקעלען האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען די גאַנצע צייט, און זיך געטיילט מיטן ביסן, ס'איז ביי זיי ניט געווען קיין פראַגע פון דיין און מיין... גרינשטיין האָט באַלד נאָך זיין אָנקומען אַהער, זיך גענומען ביסלעכווייז דערווייטערן פון זיי, ער האָט ניט געטאָן קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער און דאָך איז ער אַלעמאָל געגאַנגען שיין אָנגעטאָן און אים האָט קיין זאַך געפעלט... ער האָט זיך באַלד באַליבט געמאַכט ביי די מיידלעך, און ס'האָט זיך געלעבט גאַנץ באַקוועם... אַלעמאָל אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, און יאַנקל האָט באַמערקט ווי ער שעמט זיך מיט אים צו גיין אין גאַס, נאָר יאַנקל האָט אים אין געדאַנקן פאַרענטפערט, אַז פיליכט דאַכט זיך אים בלויז אַזוי...

ס'איז ניט געווען קיין אַרבעט און יאַנקל האָט גענומען אַביסל אונטערהונגערן, ס'הייסט אַרבעט איז געווען גענוג... נאָר ניט פאַר אידישע אַרבעטער...

די זעלבע קאָלאָניסטן וואָס האָבן זייער לאַנד באַקומען פון באַראָן הירש, האָבן באַשעפטיגט אַראַבישע אַרבעטער, און די אידישע פּיאָנירן געלאָזן אַרומגיין ליידיק, כאָטש זיי זיינען געווען צופרידן צו אַרבעטן פאַר די ביליקסטע פּרייזן, קוים די נשמה צו דערהאַלטן, האָבן אָבער פאָרט ניט געקאָנט קאָנקורירן מיטן אַראַבישן אַרבעטער, וועלכער האָט געאַרבעט כמעט פאַר אומזיסט... און וויפיל מ'האָט ניט איינגע'טענה'ט, אַז ס'איז ניט יושר'דיג אַזוי צו האַנדלען, האָבן די קאָלאָניסטן זיך געהאַלטן ביי זייערן, אַז זיי האָבן ניט געשיקט נאָך אָט די פּיאָנירן און פון זייערט וועגן וואָלטן זיי גאַנץ שיין געקאָנט בלייבן דאָרטן פון וואַנען זיי זיינען געקומען... און אַזוי לאַנג ווי זיי קענען קריגן די אַרבעט געמאַכט ביליגער דורך די אַראַבער, וועלן זיי זיכער ניט גיין צאָלן מער דאַפיר...

יאַנקל גייט אַרום אָפּט אַ הונגעריקער, אַ פאַרביטערטער, זיין יונגער קערפּער וואָס האַלט זיך גראָד אין ענטוויקלען האָט ניט גענוג קיין נאַרונג, ער איז געוואָרן דאַרער און לענגער, אַ שרעק גע־ווען אַ קוק צו טאָן אויף אים... היינט קיין אָנבייסן ניט געגעסן, דאָס האַרץ נאָגט אַזוי שטאַרק... ס'איז ניט אַנגענעם צו זיין הונגעריק, פע, אַ פּאַסקודנע זאַך, ער וואָלט טאַקע געקאָנט שרייבן אַ בריוו צום טאַטן, אַז ס'פעלט אים אויס אַביסל געלט, נאָר ס'פּאַסט ניט, וואָס זאָלן טאָן אַנדערע, וואָס האָבן ניט צו וועמען צו שרייבן נאָך הילף? מיט וואָס איז ער דאָס בעסער פון אַנדערע?... ניין ער וועט דוקא שרייבן פריילעכע בריוו אַהיים, זיי טאָרן גאָרניט וויסן...

יאַנקל קראַצט אויס פון קעשענע אַ שטיקל ציגאַרעט, ער וועט רויכערן, וועט ער ניט פילן ווי ער איז הונגעריק... ער זוכט אַ שוועבעלע און קאָן ניט געפינען, דערזעט ער פון דערווייטן גרינ־שטיינען שפּאַצירן מיט צוויי מיידלעך, קאָלאָניסטנס טעכטער... גרינשטיין מיט די שיינע רויטע בעקעלעך גייט אין מיטן, צווישן די צוויי מיידלעך, ער דערציילט זיי קאָנטיק עפּעס פריילעכס, ווייל זיי לאַכן אַזוי האַרציק... ווי לייכט ער קאָן זיך עס אַזוי צופּאַסן אין יעדן לאַנד, קלערט יאַנקל, אָט ווען אַ פרעמדער זאָל אים אַזוי זען, ווי ער שפּאַצירט זיך אַזוי אַרום, שיין און ציכטיק אָנגעטאָן מיט דעם צופרידענעם שמייכעלע, מיט די שיינע רויטע בעקעלעך, וואָלט מען זיכער געקאָנט שווערן, אַז דאָס איז עפּעס אַ רייכן קאָלאָניסטס אַ זונדעלע, וואָס איז ערשט געקומען פון פּאַריז און פּאַשעט זיך אויפן טאַטנס חשבון... יאַנקל גייט אונטער צו אים מיט אַ „שלום" און בעט אים פּאַר אַ שוועבעלע, גרינשטיין דרייט זיך אויס און גייט ווייטער, ניט אומקוקנדיק זיך אויף אים... און ווענדנדיק זיך צו די מיידלעך, זאָגט ער גאַנץ קאַלטבלוטיג, — איר האָט געזען דעם חברה'מאַן? ער איז ניט פון אונדזער־איינס וואָס איז גע־קומען אַהער צוליב אידעאַל... ער איז אַן איינפאַכער פאַרברעכער, ער האָט דאָרט ביי זיך אין דער היים דער'הרג'עט אַ מענטשן, און איז אַנטלאָפן אַהער, אום אויסצומיידן זיין פאַרדינטע שטראָף... און ער האָט נאָך די העזה מיך צו וועלן אָפּשטעלן ווען איך גיי

מיט אייך... ס'זיינען פֿאַראַנען פֿאַרשיידענע מענטשן אויף דער וועלט, האָט זיך איינע פֿון די מיידלעך אָנגערופֿן...

עס גלויבט זיך מיר עפּעס ניט, אַז ער זאָל קאָנען זיין אַ פֿאַר־ברעכער, האָט זיך די צווייטע אָנגערופֿן, ער האָט עפּעס אַזעלכע פֿאַר'חלום'טע אויגן, און אַז ער קוקט אַזוי אַריין אין די אויגן, ווערט אַזוי ליכטיק אויף דער נשמה, מיט אַזעלכע אויגן קאָן מען ניט זיין קיין פֿאַרברעכער...

אָ, איר רעדט דאָך גאָר ווי איר וואָלט געווען פֿאַרליבט אין אים, האָט זיך גרינשטיין גענומען וויצלען... נאָר ער האָט באַלד פֿאַרקירעוועט דעם שמועס אויף אַן אַנדער ריכטונג...

יאַנקל איז געבליבן שטיין אַן אויפֿגעקאָכטער, נאָר באַלד האָט ער זיך בארואיקט און אים נאָך גענומען ביי זיך אין געדאַנקען פֿאַרטיידיקן, אַז ער האָט זיך געמוזט אויסגעבן אַלס אַ רייכן טאַטנס אַ קינד, און ווער ווייס נאָך וואָס, און דאָ קאָן זיך נאָך יאַנקל אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט, וואָס קאָן אים נאָך אַרויסגעבן, און צווייטנס, גייט ער אַזוי אָפּגעלאָזן אָנגעטאָן, און ער גייענדיק מיט צוויי מיידלעך אַזוי אויסגעפּטרויעט, ווי אַ רייכן טאַטנס קינד.

ביי נאַכט גייט יאַנקל אין דער ביבליאָטעק, וואָס די חלוצים האָבן אַליין געמאַכט, אַריינברענגענדיק יעדער אַ פּאָר ביכלעך, וואָס מ'האָט נאָך געבראַכט פֿון דער היים, צי פֿונעם וועג, ער טרעפֿט דאָרט חיים'ן, נאָר חזר'ט גאַרניט איבער וועגן גרינשטיינען... פֿאַרן אהיימגיין באַגעגנט ער זיך מיט אַ פּאָר אויגן פֿון אַ מיידל, וואָס האָבן אים אויסגעקוקט באַקאַנט צו זיין...

ער קוקט אַן די אייגנטימערן פֿון די אויגן און וויל זיך דער־מאָנען, וואו ער האָט זי געזען, זי קומט צו און ענטשולדיקט זיך פֿאַר אים, וואָס זי מישט זיך אַריין אין פּערזענלעכע זאַכן, נאָר זי מוז עס אויסגעפֿינען, און איז צוליב דעם אהער געקומען... ווייל זי האָט אויסגעפֿונען, אַז ער קומט אהער אין אָוונט...

יאַנקל איז וואָס אַמאָל אַלץ נייגעריקער געוואָרן צו הערן, וואָס דאָס איז אַזוינס, — הערט זיך איין, האָט זי זיך צו אים געווענדט, האָט איר טאַקע דער'הרג'עט אַ מענטשן אין דער היים?... יאַנקל האָט זיך געוואָלט צעלאַכן אויפֿן קול, נאָר זעענדיק אירע ערנסטע

אויגן, וואָס האָבן טיף אַריינגעקוקט אין זיינע, איז אים די זאַך געוואָרן אינטערעסאַנט, און ער פאַרזיעכרט איר, אַז ווי ווייט אים איז באַקאַנט האָט ער עס קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געטאָן און בעט זי, אים צו זאָגן, וואָס ס'מאַכט זי אים צו פרעגן אַזאַ פראַגע? קוקט ער טאַקע שוין אויס ווי אַ מערדער? קוקט זיין רעקל אויס זייער אָפּגעטראָגן, און די הויזן זיינען נאָך צעריסן אין אַ זייער דעליקאַטן פּלאַץ... נאָר דאָס מאַכט אים נאָך ניט אויסצוקוקן ווי אַ מערדער... וואָס האָבן קליידער צו טאָן מיט כאַראַקטער?... זי לאָזט אים ניט לאַנג פילאָזאָפירן, און דערציילט אים אין קורצן, וואָס גרינשטיין האָט איר געזאָגט... און אַז זי האָט עס באַלד ניט געגלויבט, נאָר האָט עס געוואָלט הערן פון זיין מויל, כדי גרינשטיי־נען צו קאָנען זאָגן אין די אויגן, אַז ער איז אַ געמיינער ליגנער...

— חיים! האָט יאַנקל אַ געשריי געטאָן צו חיים'ן, זאָג איר, ווער איך בין, און פון וואַנען איך קום, און ווער ס'האָט באַצאָלט פאַר גרינשטיינס אהערקומען... טרערן האָבן אים גענומען שטיקן אין האַלז, האָט ער זיי ביידן איבערגעלאָזן צוזאַמען און אַנטלאָפן פון זיי...

יאַנקל איז אַנטלאָפן פון זיך אַליין, געוואָלט אַנטלויפן פון זיינע ביטערע געדאַנקען, וואָס האָבן זיך גענומען פאָרמירן ביי אים אין קאָפּ... און מאַטערן אָן אַן אויפהער, ווי אַ געיאָגטע חיה איז ער אַרומגעלאָפן און זיך קיין פּלאַץ ניט געקאָנט געפינען...

אַזוי האָט ער אַרומגעבליאָנקעט ביז שפּעט אין דער נאַכט, זיינע אַלע געדאַנקען האָבן זיך בלויז געדרייט אַרום גרינשטיינען... ער האָט געזוכט עפּעס מיט וואָס אים אין זיינע געדאַנקען צו פאַר־טיידיקן, און ער האָט גאָרניט געקאָנט געפינען... קיין זאַך ניט, און ווען ס'האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן, האָט יאַנקל געפּאַסט אַ באַשלוס, אַז גרינשטיין מוז שטאַרבן, — אַזעלכע ווערים טאָרן זיך ניט אַרומדרייען און פאַראומרייניקן דאָס הייליקע לאַנד מיט זייערע גיפטיקע טריט... און ס'ווערט ביי יאַנקעלען קלאָר, אַז אַזעלכע חברה, ווי אָט דער גרינשטיין, האָבן אין רוסלאַנד געמוזט זיין פּראָוואָקאַטאָרן... און אַרויסגעגעבן די אייגענע חברים צום הענ־קער, פאַר אַ פּאָר גראָשן, וואָס זיי וואָלט אַריינגעקומען אין קע־

שענע, אַ סך האָט זיך יאַנקל אָנגעלייענט מיט רוסישער ליטעראַ־טור איבערזעצט אין דייטשן, ווען אָט די חברה־לייט... און אים האָט אָפטמאָל פאַרדראָסן, וואָס ער איז ניט געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד... ער וואָלט זיכער געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער, און גע־נומען אויף זיך די געפערלעכסטע מיסיעס פאַר דער פאַרטיי... אָט, צום ביישפּיל אַזאַ וואָרים ווי אָט דער גרינשטיין, וואָס ר׳האָט אין זיך אַלע איינגעשאַפטן פון אַ פּראָוואָקאַטאָר... מיט די זיסע ריידעלעך, מיט דעם לייכטן באַפריינדן זיך מיט מענטשן, דאָס ארומגיין פּוסט און פּאַס, און דאָך מאַכן אַ לייכטן לעבן... ניט אַנדערש, ער מוז עפּעס זיין אַ פּראָוואָקאַטאָר, צי עפּעס אַזאַ סאָרט מענטשל...

יאַנקל קאָן זיך ניט באַפרייען פון דעם געדאַנק, אַז ער מוז, און ס׳איז זיין חוב צו דער׳הרג׳ענען אָט דעם פּאַסקודנעם נפש, מיט די אייגענע הענט... און דער געדאַנק גראָבט זיך אַלץ פעסטער איין ביי אים אין מוח, און לאָזט אים ניט רוען, אויף אַ מינוט...

ווי אַזוי זאָל ער עס טוען?... גאַנץ איינפאַך, אָט מיט דעם מעסער, וואָס ער טראָגט דאָ אַרום מיט זיך אין גאַרטל, מוז ער אים אָפּוואַרטן און אַריינזעצן אין האַרץ אַריין... און ס׳קומט ביי אים אויס גאַנץ לאָגיש און איינפאַך, ווי אַנדערש וואָלט עס גאָרניט געקאָנט זיין...

אָן איראָנישער געדאַנק גנב׳עט זיך אַריין אין מוח, און נעמט אָפּלאַכן פון אים, — יאַנקל, ווי וועסטו עס גאָר קאָנען טוען?... דו, וואָס קאָנסט ניט זען ווי מען הרג׳עט אַ פליג, דו וועסט גאָר קענען דער׳הרג׳ענען אַ מענטשן? אויף דעם ענטפערט באַלד אַ צווייטער געדאַנק, דאָס איז ניט קיין פליג, אַ פליג וואָלט ער טאַקע ניט דער׳הרג׳עט... דאָס איז אָבער אַן עקלהאַפטער וואָרים, וואָס גראָבט אונטער די בעסטע פּלאַנצונגען, אָט די איז אַ מצוה צו צע־טרעטן מיט די פיס, אַז זיי זאָלן מער קיין שאַדן ניט קאָנען אָנטוען...

יאַנקל גייט אַרום אַ צעמישטער, קאָן ניט עסן, ניט שלאָפן, חיים דערשרעקט זיך פאַר אים. ער ווערט דאַרער פון טאָג צו טאָג, און די אויגן זינקען אַריין טיף אין די אויגנלעכער... ער לייגט עס אָפּ פון טאָג צו טאָג, און מאַכט דורך אַ שרעקלעכן קאַמף מיט זיך... גרינשטיין באַגעגנט אים און לאָזט זיך צוגיין צו אים מיט זיין

געוויינטלעכן שמייכעלע, ווי גאָרניט וואָלט פּאַסירט, שוין גרייט מיט א תירוץ אים צו פּאַררײדן די ציין... נאָר דערזעענדיק יאַנקלס פינצטערן בליק, טראָגט ער זיך גיך אָפּ.

יאַנקל גייט ארום ווי א שאָטן, הערט ניט וואָס מ׳רעדט צו אים, מיידט אַלעמען אויס, ער פילט, אז ער וועט ניט קאָנען רוען ביז ער וועט ניט פּאַרטיק ווערן מיט גרינשטיינען... אייגנטלעך וואָלט ער עס דאָך געקאָנט איצט טאָן... איז דאָך איצט די בעסטע געלעגנהייט דאַפיר, איז ער דאָך געשטאַנען מיט אים אויג אויף אויג... ניין ניט איצט איז די צייט דאַפיר... דאָס מוז געטאָן ווערן פאַר אַלעמען אין די אויגן... גראַד ווען ער וועט שטייען ארומגערינגלט מיט מיידלעך, און שמייכלען צו זיי מיט זיין זיסן שמייכעלע... און די מיידלעך וועלן באַוואונדערן זיינע סאַמעט־רויטע בעקעלעך... אָט דאַמאָלס וועט ער צוגיין צו אים און הויך אויפן קול אויסשרייען „דו געמיינער וואָרים, וואָס דו ביסט, דו פּאַסקודנע פּיאַווקע, וואָס זעצסט זיך אָן אויף יענעם אויסצוזויגן זיין בלוט... אים אָנשפּייען אין פּנים אריין, ארויסציען דאָס מעסער פון גאַרטל, און אים אריינשטעכן גלייך אין האַרצן... און יאַנקל לעבט אין געדאַנקען איבער דעם טומל און שפּעקטאַקל, וואָס ס׳וועט זיך אָפּטוען... דאַן וועט ער פאַרלייגן די הענט אויף דער ברוסט, און א זאָג טאָן, „אָט איצט קאָנט איר מיך נעמען און טאָן מיט מיר וואָס איר ווילט״ איך האָב בלויז געטאָן מיין פליכט...

אפשר וואָלט גאָר געווען בעסער, ווען ער דערשיסט אים מיטן ברויינינג, גנב׳עט זיך אונטער א נייער געדאַנק... ניין ענטפערט א צווייטער געדאַנק, ער מוז דער׳הרג׳עט ווערן ווי א חזר...

ס׳איז ענדלעך געקומען דער באַשטימטער אָוונט ווען דאָס האָט געזאָלט געשען, יאַנקל האָט אויסשפּיאָנירט א גאַנצן טאָג און אויסגעפונען, אַז ער דאַרף היינט אָוונט זיין אין ביבליאָטעק...

יאַנקל קוקט אריין דורכן פענצטער, און זעט גרינשטיינען שטיין ארומגערינגלט מיט מיידלעך, און ער פירט די גרענדע... שמייכלט זיס צו איינער און באַלד צו אַן אַנדערער, און מאַכט זיינע זיסע חן׳דעלעך, וועלכע יאַנקל קאָן אַזוי גוט. גראַד ווי ביי יאַנקעלען אין שטאָט, ווען ער פלעגט מיט די מיידלעך ארומגיין

אין שטאָט־גאָרטן, אויסמאָלנדיק זיי די גליקן, וואָס ער וואָלט אויפ־געטאָן אין ארץ ישראל, ווען ער וואָלט נאָר האָבן די געלעגנהייט אהינצופאָרן... און דאָ איז ער שוין אַ יאָר צייט און האָט נאָך ניט געטאָן אַ האַנט אין קאַלטן וואַסער, ווערנד ער מיט חיים'ן און די אַנדערע חברים אַרבעטן שווער און ביטער מ'זאָל זיי נאָר אַזוי פיל געבן אַרבעט וויפיל זיי וואָלטן געאַרבעט... און אָט דער פּאַראַזיט, גייט נאָך אויסטראַכטן אַ בלבול אויף אים....

יאַנקל פאַרבייסט די ליפּן און נעמט דאָס מעסער אַרויס פון גאַרטל, דריקט דאָס הענטל פעסט אין זיין האַנט, און פילט ווי די אָדערן ציען זיך אָן שטייף, נאָר אויף צו פּלאַצן... רייכערט נערוועז דעם ציגאַרעט, און מאַכט שוין אַ טריט נאָענטער צו דער טיר... אַז פּלוצים דאַכט זיך אים, ווי ער זעט זיין פאָטער, גאַנץ דייטלעך, ווי ער שיילט זיך אויס פון דער פינצטערניש פון דער נאַכט, און קומט אַלץ נאָענטער און נאָענטער... און עס דאַכט זיך אים ווי ער וואָלט זאָגאַר הערן זיין שטימע, ווי ער רעדט צו אים מיט זיין זיסער אַנ־גענעמער שטימע. — „יעקב לעבן! טייער קינד מיינס, וואָס גייסטו טאָן?... גייסט פאַרשעמען דיין טאַטע, מאַמע, און דיין גאַנצע משפחה?... נעם זיך אין די הענט מיין טייערער זון... טו אונדז ניט אָן אַזאַ בושה”...

ווי אַ פאַרשטיינערטער בלייבט יאַנקל שטיין, ווי אַ שוידער גייט אים דורך דורכן גאַנצן קערפּער... ער וואָלט קענען שווערן, אַז ער האָט דעם טאַטנס קול געהערט... ווי קומט עס, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט גאָרניט געטראַכט וועגן דעם?...

ער נעמט אַרויס דעם ציגאַרעט פון מויל מיט דער לינקער האַנט, און דריקט עס צו מיט דער ברענענדיקער זייט צו דער רעכ־טער האַנט אין וועלכער ער האַלט נאָך פעסט איינגעקלאַמערט דאָס הענטל פון מעסער, דריקט עס שטאַרק צו, און לאָזט אַזש אַרויס אַ קוויטש פון ווייטאָג...

מיט שווערער מי רייסט ער זיך אוועק פון פּלאַץ, וואו ער שטייט ווי צוגעשמידט, און לאָזט זיך לויפן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט...

טשוויי סקאַטשים

זיך באַפרייט פון שטאָטישן יאָך, און אַרויס אין דער פרײַ, אין די קעטסקיל־בערג. ווילט זיך אײַנאָטעמען די גאַנצע פרישע לופט מיט אַמאָל, מ׳זאָל סטאַיען פאַר אַ גאַנצן יאָר, וואָס מען מוז פאַרברענגען אין שטאָט...

ווירקט די צוּיבערלופט מחיה׳דיק אויף דער מענטשלעכער נשמה, און מענטשן גאַנץ פרעמדע פון פאַרשיידענע שטעט ווערן זיך באַלד באַפרײַנדעט און מ׳עפנט אויף דאָס האַרץ איינער פאַרן צווייטן, ווי מען וואָלט זיך גאַנץ נאָענטע פרײַנט געווען. דאָס באָר־דינג־הויז, הויך אויבן אויפן באַרג, איז אַרומגערינגלט מיט שיינע הויכע ביימער, און פון שטראָס אונטן אַרויפקוקנדיק מאַכט עס אַ קאָלאָסאַלן אײַנדרוק, ווי עפּעס אַ וואונדערבאַרער שלאָס, פאַרבאַהאַלטן אין אַ געהיימניספולן וואַלד...

אָפּגעגעסן אַ גוטן נאַכטמאָל, פילט מען גוט אויפן האַרצן און עס וואָלט זיך אַזוי וועלן זיצן אַ גאַנצע נאַכט אויפן פּאָרטש און אײַנאָטעמען די כשוף׳דיקע לופט. זעט מען העט ווייט פון אונטן אויטאָמאָבילן וואָס קוקן פון אויבן אויס ווי קינדישע וועגעלעך, באַלייכטן פאַר אַ ווײַלע דעם שטאָטישן שטראָס אונטן, און פאַרשווינדן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט...

ס׳איז נאָך פרי אין זומער, די יונגע לײַט, וואָס פאָרן פאַר וואַקאַציע, דאַרפן ערשט קומען אין אַ וואָך צוויי אַרום... ס׳געפינען זיך בלויז אַרום צען מענטשן איצט, מייסטענס מענער, וואָס זײַנען זיך געקומען אויסרוען פאַר אַ צוויי וואָכן, און קומען אייגנסט פריער, דאַמיט ניט צו זײַן מיט די יונגוואַרג אין רעכטן טומל...

קומט צורייד וועגן גויאישע שכנים; דערציילט איינער ווי ער האָט פּרובירט וואוינען אין אַ פּריוואַטן גויאישן געגנט, ער האָט זיך אָפּגעמוטשעט אַ צוויי יאָר און געמוזט אַנטלויפן פון דאָרטן. מען פלעגט די קינדער דערקוטשען אין גאַס און אַלע טאָג איז אַן אַנדער קינד אַרויפגעקומען מיט בלויע אונטערגעשלאָגענע אויגן,

מיט אַ געוויין, אַז מען רופט אים שיני... ביז מ'האָט זיך אים איינגעגעסן דער גאַנצער עסק און ער איז אין גאַנצן אַרויס פון דאָרטן, און צוריקגעצויגן זיך צווישן אייגענע...

דערציילט אַ צווייטער, אַז פאַרקערט, מיט גוטן קאָן מען מיט אַלעמען דורכקומען. — אָט וואוינט ער ערשט דריי מאָנאַטן אין אַ גויאישן פערטל, פלעגט זיך איין שגץ'ל אַלעמאָל פאַרטשעפּן מיט זיין אינגל, וועלכער איז גראָד ניט קיין שיפּע־זיבעלע, האָט ער יענעם גוט אָנגעבראָכן די ביינער. איז דער שגץ'ל אַוועק אַהיים מיט אַ געוויין, אַז דער אידישער אינגל האָט אים צע'מזיק'ט... וואַרטן שוין דעם שגץ'לס טאַטע און אָנקל אָפּ זיין אינגל, ווען ער קומט אַהיים פון סקול, זיי נאַרן אים אַריין אין אַ האָל און זיי נעמען אים שלאָגן ווי אַ גרויסן, וויל ער זיך אויסרייסן פון זיי און אַנטלויפן, פאַרטשעפּעט ער זיך און פאַלט, האַלט אים איינער צו, ער זאָל ניט קאָנען אַנטלויפן און דער צווייטער טאַנצט אויף אים מיט די גראָבע שיך אויף דער פּלייצע... פילט דאָס קינד, אַז אָט הרג'ענען זיי אים אַוועק, נעמט ער מאַכן געוואַלדעס, נאָר ניט מיט זיינע כוחות, דערהערט עס די מאַמע, און קומט צולויפן; טרעפט זי דעם אינגל ליגן אַ צע'מזיק'טן אויפן דיל, גיט זי די צוויי מענער אַוועק אַ גאָב אַזוי ווי זיי קומט... איר קאַוואַרדס וואָס איר זייט, העלדן זייט איר איבער אַ קליינעם אינגל, פאַרוואָס פאַרמעסט איר זיך ניט מיט אייערסגלייכן? איר פּאַסקודניאַקעס וואָס איר זייט...

פאַרדריסט זיי גאָרניט וואָס זי רופט זיי אָן מיט די ערגסטע נעמען, עס פאַרדריסט זיי בלויז וואָס זי רופט זיי קאַוואַרדס (פייגלינגם) ווייל זיי פילן אַז דאָס איז אַן אמת... זיי צוויי דערוואַקסענע מענער האָבן זיך פאַרמאָסטן אַנטקעגן אַ קליינעם אינגל. — שיק אַראָפּ דיין מאַן, רופט זיך אָפּ איינער פון זיי, און איך וועל עס איינער אַליין מיט אים אויספייטן... מיין מאַן וועל איך דיר שיקן? האָט די פרוי אַן אויפגערעגטע געשריגן; אין פּריזן אַריין וועל איך דיר שיקן, און זעענדיק, אַז ס'פאַרדריסט אים דאָס וואָרט קאַוואַרד, האָט זי גענומען העכער שרייען, דו קאַוואַרד, דו קאַוואַרד... אפשר וועסטו מיך אויך פייטן, דו קאַוואַרד?... וואַרט, דו קאַוואַרד, איצט וועל איך דיר ערשט אַרויסנעמען אַ סאַמאָנס און דיך לאָזן

אַרעסטירן... און ביי נאַכט, ווען ער איז אהיימגעקומען, האָט אים די פרוי געצייגט די ברוינע און בלויע צייכנס אויף דעם קינדס פּלייצע, און זיך אַליין ניט געקאָנט באַרואיקן, וועגן דעם, אַז זי האָט שוין אַרויסגענומען אַ סאָמאָנס און וועט אים דאָרט אין גע־ריכט פאַרן דזשאַדזש דערציילן וואָס פאַר אַ קאָוואַרד ער איז. מיט שווערער מי, האָט ער דעם ווייב קוים געקאָנט באַרואיקן, און זי געבעטן און באַשוואוירן ניט צו גיין אין קאָרט...

דער גוי האָט זיך דערשראָקן, און טאַקע איינגעזען, אַז ער איז באַגאַנגען אַ נאַרישקייט און ניט באַדאַרפט אַזוי צו האַנדלען...

און די קינדער זיינען זיך איצט די בעסטע פריינט, שפּילן זיך און פאַרברענגען צוזאַמען, און דער פאָטער זייענדיק צופרידן, וואָס מען שלעפּט אים ניט אין קאָרט, באַגריסט זיך נאָך גאַנץ פריינט־לעך, ווען מען טרעפט זיך אין גאַס... עט, נאַרישקייטן! כאַפּט אונטער מיסטער גאָלדמאַן, דער אייגנטימער פון האָטעל. „איך זשאָג, אַזש פאַר אַ קלאַפּ, דערלאַנגט מען טשוריק אַ זשעטש אין נאָזש... מיסטער גאָלדמאַן, אַ ליטוויש אידל, קורץ און פעסט געבויט, מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס, אַ פּראָסטן פּנים, מיט אַ פּאָר גראָבע ליפּן, פון זיין אויסזעען האָט מען געקאָנט זעען, אַז ס'שטעקט אין אים אַ גרויסע גבורה...

איך וועל אייך דערציילן וואָס ס'האָט געטראָפן מיט מיר אַ צוואַנציק יאָר צוריק. פאַרשטייט איר מיך, אַז איך האָב דאַמאָלט אַריינדערלאַנגט אַ זעטץ אין נאָז, איז שוין דאָרטן מער קיין גראָז געוואַקסן... איך האָב דאַמאָלט גראָד אָנגעהויבן גיין אין די באָר־דינגג ביזנעס און געפונען אַ פּלאַץ אין, ס....וויל. אידען זיינען דאָרט אין גאַנצן ניט געווען, און די פּאָר וואָס זיינען דאָרטן געווען האָבן געהאַט צו זינגען און צו זאָגן, און איז אַ נייער איד אַהין געקומען, האָט ער ניט געקאָנט דעם קאָפּ אויפהייבן... דערציילט מיר מיין פרוי, אַז איר ברודער, וואָס איז ערשט אַריבער געקומען אַהער פּעדלען, ליגט שוין אין האָספּיטאַל אַ צו'מזיק'טער דאָס האָבן אים די „טשוויי סקאַטשים" (צוויי שקצים) אַזוי צע'הרג'עט, ביי אים פאַרנומען די גאַנצע סחורה מיט וואָס ער האָט זיך געקליבן צו גיין פּעדלען, און אים צעבראָכן צוויי ריפּן; ווייטער דערציילט אים

זיין פרוי, אַז זיי האָבן אים געזאָגט, אַז מער ווילן זיי אים דאָ אין ווילעדזש ניט זען... און וועלכער אידל עס וועט וואַגן אַריינצוקומען אַהער וועט כאַפּן דעם זעלבן סוף ווי אַט דער גאַד דעם דזשו (גאָט פאַרדאַמטער איד)...

דערהערנדיק דאָס, איז גאָלדמאַן געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער, ס'האָט זיך אָנגעצונדן אין אים די רציחה, און ער איז שוין געווען גרייט זיך צו טרעפן מיט זיי... דער פרוי האָט שוין באַנג געטאָן פאַר די עטלעכע הונדערט דאָלאַר וואָס זי האָט אַריינגעלעגט אַהער, אַז קיין אידן וועלן זיי אַהער ניט אַריינלאָזן, טאָ, וואָס וועט זי מאַכן מיט דעם באָרדינג־הויז?... נאָר גאָלדמאַן איז זיך אָנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט, ווי גאָרניט וואָלט פּאַסירט, ער האָט זיך איינגעשפּאַנט פערד און וואָגן, און אַוועק אין שטאָט אַריין נאָך די בעטן וואָס ער האָט דאָרט איינגעהאַנדלט אין אוקשן...

פאָרנדיק צוריק אַהיים, דערזעט ער ניט ווייט פון זיין הויז שטיין צוויי חברה'לייט, און דאָס ווייב ווערט אַ פּאַרציטערטע... אָט, אָט, שטיין זיי די צוויי שקצים... איז ווי איך הער דאָס ווער איך אַן אָפּגעקאָכטער — כאַפּ אַ שטיק אייזן פון וואָגן, שפּרינג אַראָפּ פון וואָגן און לויף זיי גלייך אַנטקעגן...

איז איין חברה'מאַן אַ זעקס־פוס די הויך און דער צווייטער, אַ קאָפּ העכער פאַר אים... איז לויף איך גלייך צו צום גרעסערן סקאָטש... און דערלאַנג אים מיט דעם אייזן גלייך איבער דעם קאָפּ, און מיטן ערשטן קלאַפּ, שטרעק איך אים גלייך אויס ווי לאַנג ער איז, און בלוט נעמט רינען פון אים ווי פון אַ חזר... דער צווייטער נעמט אַנטלויפן, און איך נאָך אים, מיטן אייזן אין האַנט. איז לויפט ער צום וועלדל און איך דערלאַנג אים לויפנדיק איבער די פיש... מאַכט ער אַ געוואַלד און אַנטלויפט הינקענדיק אויף איין פוס אין וואַלד...

אָפּגע'פטר'ט די טשוויי סקאָטשים, גיי איך זיך צוריק צום וואָגן... הייבט זיין פרוי אָן היסטעריש צו שרייען און געוואַלדעווען, אַז ער האָט איר אומגליקלעך געמאַכט... אוי, אוי, אוי, האָסט אים דער'הרג'עט, מ'וועט דיר געבן די עלעקטריק־טשער... ווײַ איז צו מיר, אוי, אוי, אוי...

דערשרעקט זיך טאַקע גאָלדמאַן פאַר דעם ווייבס געשרייען...
און דאָ נעמט מען דעם שגץ אוועק צו אַ דאָקטאָר באַנדאַזשירן דעם קאָפּ, און דער שעריף קומט צוגיין נאָך גאָלדמאַנען אים אַרעס־טירן... נעמט גאָלדמאַן דעם שעריף אָן אַ זייט און דערלאַנגט אים אין האַנט אַריין... און דער שעריף לאָזט שוין צו זיך ריידן...
ער דערציילט דעם שעריף, ווי זיי האָבן זיין שוואָגער צעבראָכן

צוויי ריפּן, און אַז זיי ווילן דאָ קיין אידן ניט אַריינלאָזן אין שטעטל... און לייגט אים דערוויל אַריין אַ פינגער אין מויל אַריין, אַז ער קאָן גראָד אָפּלעקן אַ ביינדל, ווען דאָס שטעטל וועט זיך אויסבויען און זיך פאַרגרעסערן, ווייל אידן זיינען אַ רירעוודיק פאָלק, אַז זיי גיבן זיך אַ ריר ווערט פון אַ דערפל אַ שטעטל... פאַר־שטייט דער שעריף אַ געשעפט, לייגט דאָס געלט אַריין אין קעשענע, און רופט זיך אָפּ צו גאָלדמאַנען, „יו אַר אָל־רייט” דאַרפסט גאָרניט קיין מורא האָבן. איך וועל שוין זען, אַז די לויפערס זאָלן אייך מער ניט טשעפּן: און דעם שגץ האָט ער אַריינגעזעצט אויף עט־לעכע טעג אין פּריזאָן אַריין, אַז ער זאָל זיך אויסרוען אַביסל פון דעם כמאָל, וואָס ער האָט אַריינגעכאַפּט...

ס'גייט אַוועק אַ צוויי וואָכן און אַלעס איז שטיל די פּאָר אידן אין ווילעדזש האָבן פריירער אָפּגעאָטעמט, און האָבן מער ניט מורא ביי נאַכט אַרויסצוגיין פון הויז, ער קריגט צוביסלעך באַר־דערס, און ס'ווערט לעבעדיק און פריילעך.

פאָרט ער אַזוי פון שטעטל צו זיך אין באָרדינג הוז, און קומט אַלץ נאָענטער אהיים, ער קומט צום וועג, וואו פון ביידע זייטן גע־פינט זיך אַ געדיכטער וואַלד, זעט ער פון ווייטן ווי צוויי פערדר שטייען אין מיטן וועג אין דער ברייט און פאַרשטעלן אים דעם וועג... וואָס קאָן דאָס זיין? ער פאָרט אונטער אַביסל נאָענטער, דערזעט ער די צוויי שקצים, איינער האַלט צו די פערד פאַרשטעלנ־דיק מיט זיי דעם וועג און דער צווייטער שטייט דאַנעבן, קאָנטיק, אַז ער וואַרט דאָס פאַר גאָלדמאַנען... און דאָ איז ער איינער אַליין און האָט קיינעם ניט מיט זיך... און זיי קאָנען ביי זיך נאָך האָבן אַ רעוואָלווער, צי וואָס... און קאָנען אים נאָך דערשיסן, אַז אַ

האָן זאָל ניט קרייען... נאָר דאָ צינדט זיך אין אים אָן די רציחה. כאַפּט ער דאָס שטיק אײַזן און שפּרינגט אַראָפּ פון וואָגן, און לאָזט זיך לויפן צו זיי אַנטקעגן... זיי שטייען אַ ווײַלע קוקן זיך איבער איינער מיטן צווייטן, כאַפּן זיך שנעל אַרויף אויף די פערד און לאָזן זיך לויפן אַוועק אין גאַלאָפּ... גאָלדמאַן כאַפּט אַ שטיין און וואַרפט זיי נאָך אַ זיי געזונט, וואָס טרעפט איינעם פון די פערד וואָס פּאַלאָשעט זיך העט ווייט אַוועק, און ווערט פאַר־שוואונדן ערגעץ אונטערן וואַלד... אָט, דאָזש איזש געווען אַ שאָף טשו די טשוויי סקאָטשים... האָט גאָלדמאַן פאַרענדיקט די מעשה, מיט די צוויי שקצים...

אַנדערע פון די געסט האָבן געוואָלט דערציילן, אַן ענלעכע געשיכטע, נאָר גאָלדמאַן האָט זיי איבערגעשלאָגן... אָט אַזוי דאַרף מען זיי אָנלערנען... מיט גוטן קאָן מען ביי זיי גאָרניט אויספירן, ווען מען צייגט זיי אָבער, אַז מען איז שטאַרקער פאַר זיי, דאַן האָבן זיי שוין גרויס אָפּשיי... פאַר אַ כמאָל אין נאָז האָבן זיי גרויס רעספּעקט...

די צוויי שקצים זיינען אַוועק און פאַרפאַלן ווי אין וואַסער אַריין... מער האָט מען פון זיי ניט געהערט... די אידן אין שטעטל האָבן אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, און יעדער איינער האָט אויפגעלעבט, ס'האָט זיך געעפנט איין באָרדינג הויז נאָכן צווייטן, אין שטעטל איז געוואָרן לעבעדיק און פריילעך... און די באָרדינג־הייזער האָבן געטאָן גוטע ביזנעס... גאָלדמאַן האָט פאַרענדיקט דערציילן, ס'איז פאַר אַ ווײַלע שטיל געוואָרן, יעדער איז געווען פאַרזונקען אין איי־גענע געדאַנקען...

מחיה'דיק האָט די לופט געשמעקט און פאַר'שיכור'ט מיט איר אנגענעמען אַראָמאַט די אַנוועזענדע, און זיי פאַרטראָגן אין אַן אַנדערער וועלט... שטאָט מענטשן קאָנען זיך די ערשטע עטלעכע טעג ניט זאַט אָנשמעקן מיט דער פרישער לופט פון די פרייע הויי־כע בערג... גאָלדמאַן, וואָס ביי אים איז עס ניט געווען קיין נאָווינע האָט זיך דער ערשטער אויפגעהויבן און אַוועק שלאָפן. די געסט

זיינען געבליבן זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט, און אַרומגערעדט, דאָס ערשט דערציילטע, און ווען זיי האָבן זיך העט נאָך מיטנאַכט אויפגעהויבן צו גיין שלאָפן, האָבן זיי נאָך אַלץ גערעדט פון די צוויי שקצים... און איין ליץ וועלנדיק אימיטירן גאָלדמאַנען, האָט איבערגעמאַכט מיט זיין אויסשפּראַך... אָט אזשוי איזש מען פּטור געוואָרן פון די טשוויי סקאָטשים"...

און זע נאָר וואָס ס׳טוט זיך

אָפּגעריסן פון דער היים, און קיין וואָרט הערט מען ניט, וואָס ס׳טוט זיך דאָרטן אויף יענער זייט ים מיט זיינע עלטערן...

און אשר, הגם פאַרנומען מיט דעגות פרנסה, גייט אים אַלץ ניט אַרויס פון קאָפּ, וואָס ס׳טוט זיך דאָרטן אין דער אַלטער היים... וואָס מאַכן זיינע אַלטע, טאַטע, מאַמע?... שוין אַזאַ לאַנגע צייט פון זיי ניט געהערט; און זייט אַמעריקאַ איז אַריין אין דער וועלט־מלחמה, איז אין גאַנצן ווי אָפּגעהאַקט, און קיין וואָרט פון זיי...

ס׳לעצטע מאָל ער האָט פון זיי געהערט, איז געווען, אַז זיי מוזן פון שטעטל אַנטלויפן, ווייל מ׳איז ניט זיכער מיטן לעבן: אַז דאָס אַלטע שפּיטאָל, וואָס איז איבערגעמאַכט געוואָרן פאַר אַ סטאַנציע פון רויטן קרייץ, איז אויך ניט געשאַנעוועט געוואָרן, און ס׳איז אַריינגעשאָסן געוואָרן עטלעכע שראַפּנעלן... און אַז דער פעטער יאַנקל איז דערביי דאָרט דער׳הרג׳עט געוואָרן...

אויפן האַרצן איז אַזוי שווער, און העלפן קען מען גאָרניט... ער ווייסט אפילו ניט וואו זיי געפינען זיך. און מיט אַמעריקאַס אַריינטרעטן אין מלחמה איז שוין אַלעס גאָר אָפּגעשטאָרבן...

און אשר זעט אין חלום זיינע ליבע אַלטע, טאַטע, מאַמע, ווי זיי וואַנדערן אַרום עלענד, אַליין אין דער פרעמד, אַלט און צעבראָכן, אַנטלויפן אַלץ ווייטער, און ווייטער פון מלחמה ראַיאָן: און דאָס מיליטער רוקט זיך אַלץ נאָענטער און נאָענטער... און ווידער מוזן די אַלטע, טאַטע, מאַמע, איינפּאַקן די פּאָר זאַכן און ווייטער וואַנדערן, און זיי שטרעקן אויס די הענט צו אים, און בעטן זיך ביי אים „ראַטעווע אשרל, ראַטעווע, איידער ס׳ווערט צו שפּעט...

און אשר כאַפּט זיך אויף מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, קוקט אַריין אין דער פינצטערער נאַכט און בייסט זיך די פינגער ביז בלוט... ליגט אָפּ אַ גאַנצע נאַכט און גריבלט זיך אַלץ, ווי אַרומעט מען קאָן געוואויער ווערן, וואו זיי געפינען זיך ערגעץ. אשר לויפט דעם נעקסטן טאָג אַרום צו לאַנדסלייט, און האַלט זיך אין איין נאַכ־

פרעגן: נאָר אומזיסט איז זיין מיה — מען מוז האָבן געדולד און וואַרטן.

„אַרמיסטיס" (וואַפנשטילשטאַנד) וואָס פאַר אַ הערלעך וואָרט, געקומען פּלוצים, געפלויגן פון מויל צו מויל, און ספּאָנטאַן וואַרפן אַרבעטער די אַרבעט, געשעפטסלייט פאַרמאַכן די געשעפטן און מען לאָזט זיך אַרויס אין גאַס מיט אַזאַ האַרציקער פרייד, מענטשן כאַפּן זך אַרום און קושן זיך אין מיטן גאַס... פון די הויכע הימל־קראַצערס שיטן זיך פון אַלע פענצטער צעריסענע שטיקלעך ציימונג־פּאַפּיר, אַ ווייסער פּאַפּיר־שניי אין מיטן זוניגן טאָג, אַ ניו יאָרקער אויסדרוק פון פרייד און גליק...

און יונג און אַלט לאָזן זיך לויפן אין גאַס מיט אַ קוויטש, אַ פייף... יעדער דריקט אויף אַן אַנדערן אופן אויס זיין פרייד...

בראָדוויי און אַנדערע הויפט גאַסן ווערן שוואַרץ פון מענטשן, די גרעסטע וועלט־שטאָט, ניו יאָרק, איז משוגע געוואָרן פאַר פרייד... פרעמדע מענטשן כאַפּן זיך קושן אין גאַס, טאַנצן און שפּרינגען, און ווייסן אַליין ניט וואָס צו טאָן פאַר פרייד...

אשר וואַרפט די אַרבעט און מישט זיך אויס מיט אַלעמען אין גאַס; טרערן פון פרייד שטיקן אים אין האַלז... ענדלעך, ענדלעך, זיך דערוואַרט, אָ, ווי לאַנג ער האָט שוין אויף דעם געוואַרט, און זיך ענדלעך דערוואַרט.

עס זיינען געקומען טעג פון האָפנונג און דערוואַרטונג, צו הערן פון זיינע ליבע עלטערן — און אָט איז דער גליקלעכער טאָג געקומען, ער האָט באַקומען אַ בריוו פון דער היים, די עלטערן האָבן זיך אומגעקערט צוריק אַהיים. די מאַמע שרייבט אַ לאַנגן אויספירלעכן בריוו, ווי אַזוי זיי האָבן זיך געראַטעוועט און אַנט־לאָפן העט ווייט פון מלחמה־ראַיאָן אין אַ ווייטער שטאָט, און ווי אַזוי זי האָט זיך דאָרטן איינגעאָרדנעט, און אין קורצן דעם טאַטן אַזוי אַרויפגעאַרבעט, אַז ער האָט באַקומען אַ נאָמען ווי ביי זיך אין דער היים... און ווייטער שרייבט זי אין געדיכטע אותיות, אַז זי האָט זיין בריוו דערהאַלטן, וועלכן ער האָט גלאַט אַזוי געשריבן צו זיי, ניט ווייסנדיק, צי זיי וועלן זיך נאָך אַמאָל אומקערן אין דער־זעלבער שטאָט...

און אשר קושט דער מאַמעס לאַנגן בריוו און דעם טאַטנס צושריפט, און קיין גליקלעכער פון אים איז גאָר ניטאָ, ער ווייסט גאָר ניט וואָס צו טאָן פאַר פרייד... ער קראַצט צוזאַמען זיינע לעצ־טע פינף און צוואַנציק דאָלאַר, און שיקט אַהיים צו זיינע ליבע עלטערן; און דאָס פאַרשאַפט אים אַזויפיל פרייד, גאַנצע פינף הונדערט פוילישע מאַרק וועלן זיי דאָרטן קריגן דערפאַר.

ס'איז אַוועק אַ מאָנאַט, צוויי און אשר האָט אַלץ ניט געקראָגן קיין ענטפער אויפן געלט, ער לויפט צו דער קאָמפּאַני און פרעגט זיך נאָך אויפן געלט, נאָר זיי האָבן זיך צייט, דער מאַרק האַלט אין איין פאַלן, און וואָס לענגער זיי האַלטן דאָ אָפּ דאָס געלט, אַלץ וויניקער וועלן זיי דאָרט דאַרפן אויסצאָלן...

ביז זיי האָבן ענדלעך דאָס געלט באַקומען, האָבן די פינף הונדערט פוילישע מאַרק, קוים דער ווערט געווען קנאַפּע פינף אַמעריקאַנער דאָלאַרן...

און די מאַמע שרייבט, אַז מער זאָל ער זיי קיין געלט ניט שיקן, זי וואָלט אים דאָס געלט אויך צוריקגעשיקט, נאָר זי האָט מורא, אַז ער וועט זיך באַליידיקן, דערפאַר האָט זי דאָס געלט צע־טיילט צווישן דער אָרימער משפחה; נאָר זי בעט אים, אַז מער זאָל ער ניט שיקן, ווייל זי ווייסט גאַנץ גוט, ווי שווער מען אַרבעט דאָרטן אין אַמעריקאַ...

און אשר לייענט דער מאַמעס בריוו, און בענקט אַזוי שטאַרק נאָך זיינע ליבע עלטערן, ווי וואָלט ער זיי איצט וועלן זען?... די מאַמע, די זעלבע גוטינקע, טייערע נשמה געבליבן, וואָס פאַר זיך דאַרף זי קיין זאַך ניט האָבן, נאָר אַלעס פאַר יענעם, אַלעם פאַר יענעם...

ווייטער שרייבט זי; פון פאָרן קיין אַמעריקאַ, קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין, ס'איז גאַנץ שיין פון איר, וואָס זי קאָן נאָך טאָן איר הויז־אַרבעט, און אַרויסהעלפן דעם טאַטן אין געשעפט. זי פילט זיך זייער אָפּגעשוואַכט פון די אַלע צרות און שרעק, וואָס זי האָט זיך געהאַט אויסצושטיין די מלחמה־צייט.

נאָר געוואוסט האָט אשר, אַז מער פון אַלעם ליידט זי, וואָס זי האָט פאַרלוירן איר מיזינקל יאָסעלע... אַ שיינער יונג געווען,

פון א יאָר צוואַנציק, געראָטן אין אַלעמען; שיין, הויך, קלוג און פיין דערצויגן, גראָד ווי א שפּיצל פון שיקזאַל, אַז גראָד דאָס, וואָס מען דאַרף פאַרלירן, זאָל זיין געראָטענער פון אַלעמען... און דער פאַרלוסט פון איר יאָסעלע, האָט אונטערגעגראָבן איר געזונט און ווי לאַנג דער טאַטע האָט זיך געגוויטיקט אָן איר זייענדיק אין דער פרעמד, וויסנדיק, ווי אומבאַהאָלפן דער טאַטע איז אָן איר, האָט זי מוטיק אַריבערגעטראָגן אירע ליידן, און אַרויס דער זיגער אינם קאַמף מיטן לעבן...

נאָר אַט האָט זיך איר מיסיע געענדיקט, דעם טאַטן צוריק אַהיים געבראַכט אין זיין געבורטסשטאָט, צוריק איינגעאָרדנעט זיין געשעפט, און אַלעס האָט זיך גענומען צוריק גיין זיין געוועג־לעכן גאַנג ווי געוועזן... און די מאַמע לייגט זיך אַוועק אין בעט, און פילט אינסטינקטיוו, אַז מער שטייט זי שוין ניט אויף, און זי נעמט זיך שרייבן איר לעצטן בריוו צו איר געליבטן אָשרן...

טייער קינד, זאָרג זיך ניט פאַר מיר, וואָס איך ליג איצט אין בעט, די פיס זיינען ביי מיר שוואַך און געשוואָלן: עס פאַרדריסט מיך נאָר, וואָס דער טאַטע זאָל געזונט זיין, ליידט נעבעך צוליב מיר, און מוז זיך אַליין באַדינען.

טייערע, גאָלדענע, נשמה: פאַר זיך אַרט איר גאָרניט, זי פילט אַז אירע טעג זיינען געציילטע, און זי זאָרגט זיך נאָר פאַר יענעם... דער מאַן זאָל נעבעך ניט ליידן צוליב איר... און זי בעט אַזוי ווי ענטשולדיגונג פאַרוואָס זי מוז שטאַרבן.

און אשר פילט אינסטינקטיוו, אַז דאָס איז איר לעצטער בריוו, און ער לייענט פון צווישן די שורות, אַז זי לאָזט אים וויסן, אַז ער זאָל זיין גרייט צו דער שלעכטער נייעס... און זי בעט אים ווי ענטשולדיגונג פאַר דעם צער, וואָס זי גייט אים פאַרשאַפן; ס'איז ניט איר שולד, ווען זי זאָל האָבן כח וואָלט זי נאָך לענגער גע־לעבט...

אשר פאַרגיסט ביטערע טרערן לייענדיק דעם בריוו... לייענט אים נאָך און נאָך אַמאָל, און מיט יעדן מאָל לייענען זעט ער אַלץ מער און מער גוטסקייט פון יעדן וואָרט אירן און ער קושט דעם בריוו און באַהאַלט אים צווישן זיינע וויכטיקע פּאַפּירן.

זיין האַרץ האָט אים ניט גענאַרט, ווען ער האָט איר ברייוו געליינט, איז זי שוין געווען איבער אַ וואָך טויט...

ער האָט געקראָגן אַ בריוו פון טאַטן, אַז פיר טעג נאָכדעם, וואָס די מאַמע האָט אים געשריבן דעם בריוו, איז איר כשרה נשמה אויסגעגאַנגען... איר נשמה איז זיכער אין ליכטיקן גן עדן, אַן אמת'ע צדקנית געווען...

אשר'ן איז אַזוי שווער אויפן האַרצן, דער ווייטאָג איז צו גרויס, ער זאָל קאָנען וויינען. אים קומען אויפן זינען די אַלע צרות, וואָס ער האָט אינגלווייז דער מאַמען אָנגעטאָן, וואָס פאַר אַ ווייטאָגן... ער האָט דאַמאָלט ניט בעסער פאַרשטאַנען; אַ קליינער אינגל און אַ גרויסער ווייסער־חברה'ניק געווען... און איצט ווי גליקלעך וואָלט ער געווען, ווען ער וואָלט איר קאָנען אָפּצאָלן פאַר די אַלע צרות, וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט... כאָטש אביסעלע פאַרגניגן פאַרשאַפן... נאָר וואָס איז דאָ צו ריידן, ס'איז צו שפּעט...

אשר גייט אַרום אַ פאַר'חלומ'טער, זעט אַלץ בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט... אַלץ וועגן דער מאַמען, אַ מין זעלבסט־פּייניגונג, וואָס האָט געשניטן דאָס האַרץ. אָט זעט ער אַ פּסח; ער, אַ אינגל, פאַרנומען מיט די אינגלעך שפּילנדיק אין ניס. די מאַמע קומט אַרויס אין הויף צו אים מיט אַ טעלער קאַרטאָפּלעס, איינגעהאַקט מיט אייער, מיט ציבעלעס און שמאַלץ, אין איין האַנט, און אין דער צווייטער אַ מצה — ביזט אַזוי פאַרשפּילט קינד מיינס, אַז דו הערסט גאָרניט ווי די מאַמע רופט דיך, און ער אַן אויסגעהונגערטער כאַפּט פון איר האַנט אַרויס דעם טעלער, קריכט אַרויף אויף דער האַלץ־קאַמער זיך אָנהאַלטנדיק מיט איין האַנט אָן לייסטלעך און ברעטלעך, און פלינק ווי אַ קאַץ איז ער שוין אויבן אויפן דאַך, און די מאַמע שטייט אונטן און ברעכט די הענט... אשר'ל, קינד מיינס, וועסט נאָך, חלילה, אַראָפּפאַלן... און ער אַ לאַכנדיקער קריכט אַלץ העכער; אָט איז ער שוין אויפן סאַמע שפּיץ און זעצט זיך דאָרט רייטנדיק אויפן שפּיץ דאַך און קוקט לאַכנדיק אַראָפּ אויף דער מאַמען אונטן, וועלכע קוקט אויס אַזוי קליין אונטן, אַזאַ פּיצעלע, אַזאַ קליינינקע, און ער אַזוי הויך אויבן — ס'אַ מחיה... און ער נעמט זיך מיט אַפּעטיט עסן פון טעלער, און

זי שטייט ווי אַ הון בײַם טײַך, וואו אירע יונגינקע אויסגעבריטע קאַטשקעלעך שווימען אַרום אין טײַך, און זי, ניט קענענדיק שווימען ציטערט פאַר אירע יונגינקע קאַטשקעלעך, זיי זאָלן, חלילה, ניט דערטרונקען ווערן...

דאָס און נאָך פילע אַנדערע ווייס־חברה׳שע שטיק קומען אים אויפן זינען, וואָס ער האָט אַלץ אָפּגעטאָן דער מאַמען פאַר אַ צרות... און זי די ליבע, גוטע מאַמיטשקאַלע האָט אַלעס אָנגענומען פאַר ליב, אַלעס פאַרענטפערט, און אָוועקגעמאַכט מיטן האַנט... עט, ער וועט דאָך ניט תמיד אַזוי בלײַבן, ער וועט עלטער ווערן, וועט ער פאַרגעסן אָט די אַלע קינדישע שטיק, און מיר וועלן נאָך אין אים נחת דערלעבן. איצט ווען ער ווייסט שוין, ווי זי אָפּצור־שעצן, און וואָלט איר וועלן אָפּצאָלן מיט אַביסעלע גליק פאַר אָט די אַלע צרות, איז ניטאָ שוין פאַר וועמען...

אַ מאָנאַט שפּעטער קומט אָן אַ בריוו פון טאַטן, און צווישן אַנדערעס שרײַבט ער, אַז די מאַמע האָט אים צוגערופן צו איר טויטנבעט, און אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיך ניט פאַרנאַכלעסיקן, און זאָל זיך ניט נעמען שטאַרק צום האַרצן איר טויט, ווײַל ער קאָן נאָך, חלילה, קראַנק ווערן, און ער זאָל זען חתונה האָבן, ווײַל ס׳וועט אים נעבעך שווער זײַן צו זײַן אָן אַ פרוי. ס׳וועט נעבאָך ניט זײַן ווער אים צו באַדינען... אַזוי ווי וועלנדיק זיך פאַר אים פאַרענטפערן, פאַרוואָס זי גייט שטאַרבן, ס׳איז ניט איר שולד, זי האָט ניט מער קיין כח די ווייטאָגן אַריבערצוטראָגן, און אַ טרער באַווײַזט זיך אין אירע גוטע אויגן; אַ רחמנות אויף איר מאַן זאָל לעבן, ער וועט נעבאָך בלײַבן אַליין...

אשר גייט אַרום אַ שווײַגער, שטיקט דעם ווייטאָג אין זיך, ווײַל גאָרניט דאַריבער ריידן, ווײַל איינער אַליין לײַדן... זאָל ער אָמ־ווײניקסטענס אַביסל לײַדן, פאַר די אַלע צרות, וואָס ער האָט איר צוגעטיילט...

אַ מאָנאַט שפּעטער קומט ווייטער אָן אַ בריוו, אַז ס׳איז זייער שלעכט אָן דער מאַמען און אַז ער וועט זיך מוזן די לאַגע פאַר־בעסערן... אשר האָט ניט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס דער טאַטע

מיינט דערמיט, געווען צופיל פאַרנומען מיט זיינע אייגענע געדאַנקען, וועגן זיין ליבער מאַמען...

גייען אַרום מענטשן, פאַרנומען מיט זייערע טעגלעכע זאָרגן, און ווען איר קוקט אויף זיי זעט איר גאָרניט, דאַכט זיך געוויינלעכע מענטשן פון אַלע טאָג, צייכענען זיך מיט גאָרניט אויס... אַ אידענע, דאַכט זיך ווי אַלע אַנדערע פרויען, און דאָך וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע נשמות ס'ליגן פאַרבאָרגן אין אָט די געוויינלעכע מענטשן, וואָס פאַר אַ גרויסמוטיקייט, וואָס פאַר אַ זעלבסטאָפּפּערונג, אָט די מענטשן זיינען אימשטאַנד אַרויסצוצייגן אין דער ריכטיגער צייט...

אַ מאַנאַט שפּעטער קומט אָן נאָך אַ בריוו פון טאַטן, אַז ער האָט זיך די לאַנגע שוין פאַרבעסערט... און אַז מען קאָן זיך ניט שטעלן אַנטקעגן גאָטס ווילן, א. אַז. וו... מ'זעט באַשיינפּערלעך, אַז ס'איז גאָטס ווילן דערביי... אָט די נייע פרוי זיינע איז נאָך גאָר אַ קינד געווען און זיך געשפּילט אין זאַמד, בשעת ער איז שוין געווען אַ פאַרהייראַטער מאַן, און שוין געהאַט גרעסערע קינדער, ווי אָט דאָס מיידעלע... נאָר אויבן אין הימל איז אָנגעשריבן, אַז אָט די און די מיידעלע, דאַרף חתונה האָבן מיט אָט דעם און דעם אידן... סטייטש? ... דער איד איז דאָך שוין פאַרהייראַט... און האָט שוין אַליין פאַרהייראַטע קינדער? ... און די פרוי זיינע איז דאָך אַזאַ טייערע פרוי, ממש אַ צדקנית... ס'העלפט אָבער גאָרניט; מען רופט זי פאַר דער צייט צוריק אין גן עדן אַריין, כדי דער פון פריער באַשטימטער זיווג זאָל קאָנען דורכגעפירט ווערן...

אשר בלייבט ווי פאַרשטיינערט; גרויס געגנוג איז געווען דער ווייטאָג, ווען די מאַמע איז געשטאָרבן, נאָר דער קלאַפּ איז דאַכט זיך נאָך גרעסער פאַר יענעם... אָט לעבט מען אָפּ צוזאַמען מיט אַ מענטשן איבער דרייסיק יאָר, דורכמאַכנדיק צוזאַמען פריידן און ליידן, און קוים שטאַרבט מען נאָר אַוועק, איז אַלעס אויס... און פאַרטיק, מען האָט שוין ווייטער חתונה מיט אַ מיידל, ווי קיין זאַך וואָלט ניט פּאַסירט... און דאָס געווויסן? ... דאָס שטילט מען איין מיט דעם וואָס מען לייגט אַלעס אַרויף אויף גאָט... ס'הייסט,

אַז דאָרט אויבן אין הימל האָט מען דאָס אַלעס אַזוי אַראַנזשירט...
און ער אַליין מוז בלויז דורכפירן דעם רצון פון אויבן...

אַ גאַנץ פּראַקטישע פילאָזאָפיע... מ'קאָן זיך טאָן וואָס ס'איז בעסער און אַנגענעמער פאַר זיך, מיט דעם אויסרייד, אַז אויבן האָט מען שוין פון פריער אויסגעאַרבעט אָט די קאָנספּיראַציע, און ער מוז בלויז אויספאָלגן דעם באַשלוס פון אויבן...

אשר איז אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער, ער האָט ניט געוואוסט וואָס מ'רעדט צו אים; גענוג גרויס איז געווען דער ווייטאָג ווען די מאַמע איז געשטאָרבן, נאָר דאָס איז נאָך געווען אַ גרעסערער קלאַפּ פאַר אים...

אַזאַ געטרייע פרוי געווען, וויפיל ליבע און רעספּעקט זי האָט איינגעפלאַנצט אין די קינדער צום טאַטן... סטייטש דער טאַטע איז דאָך געווען דאָס אויבערשטע פון שטייסל, אַזאַ דימענטענער מענטש, אַ מענטש אָן אַ גאַל... און אַזוי איז עס געבליבן ביי אים, אַז זיין טאַטע איז דער פיינסטער און דער בעסטער מענטש אויף דער וועלט... און דאָ פּלוצים איז ער ביי אשר'ן אין די אויגן אַראָפּגעפאַלן פון זיין אומגעהייערער הויך און זיך אויסגעצייגט צו זיין אַ מענטש ווי אַלע אַנדערע מענטשן, און דאָס האָט אַזוי שטאַרק וויי געטאָן.

אשר גייט אַרום אַ וואָך צייט און שווייגט, און אין האַרצן טאַטשעט אַ וואָרעם... די גאַנצע וואָך איז נאָך ווי עס איז צו דערליידן, מ'איז פאַרנומען מיט דער אַרבעט, מיט דעגות־פּרנסה... נאָר אָט קומט שבת נאָכמיטאָג און ער קאָן זיך קיין פּלאַץ ניט געפינען, דאָס הויז איז אים צו ענג...

ער לאָזט זיך אַרויס אין גאַס, שפּאַנט אַרום איבער די גאַסן, אָן אַ ציל, גאַס איין, גאַס אויס... עט, אַ פּאַסקודנער לעבן, וואָס לוינט זיך אין גאַנצן צו לעבן?... אָט לעבט מען אָפּ מיט אַ מענטשן איבער דרייסיק יאָר, מען ברענגט קינדער אויף דער וועלט, מען מאַכט מיט, די זעלבע ליידן און פריידן, און אָט שטאַרבט מען אַוועק, און גאָרניט גלייך יענער וואָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען...

און קוים דריי מאָנאַטן אַוועק און שוין האָט מען חתונה מיט

אַ מיידל... דאַכט זיך, אַז נאָך אַ געטרייען דינער וואָס האָט אָפּ־געדינט אַזאַ לאַנגע צייט, וואָלט מען געברויכט לענגער צו טרויערן, גריבלט זיך אשר אין זיין אייגענער וואונד, רייסט דעם באַנדאַזש אַרונטער, און לאָזט דאָס בלוט רינען...

גייענדיק אַזוי איבער די גאַסן אָן ציל, האָבן זיך זיינע אויגן אָנגעטראָפן מיט אַ שילד, „וויינקעלער" און אַליין ניט ווייסנדיק פאַרוואָס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע. ער האָט אָפט געהערט אַז צרות לאָזן זיך פאַרטרינקען אין וויין, ניט לאַנג טראַכטנדיק לאָזט ער זיך אַראָפּ די שטיגן צום קעלער; ער זעצט זיך אַוועק אין אַ ווינקל, און באַשטעלט אַ קריגל וויין. מיט יעדן גלעזל ווײַן ווערט אים אַלץ שווערער אויפן האַרצן, און די טרערן שטיקן אים אין האַלז... ער זיצט אין זיך אַליין פאַרזונקען, און זעט און הערט דאַכט זיך קיין זאַך ניט...

פון צווייטן טיש הערט זיך אַ טומל און געלעכטער, וואָס האָט אים פון זיין פאַרזונקנקייט אַרויסגעריסן... אשר קוקט זיך אום און דערזעט ביים צווייטן טיש, דריי יונגע חברה און איין אַלטן מאַן; דער אַלטער האָט געצויגן אשר'ס אויפמערקזאַמקייט; אַ שיינער אַלטער מאַן, פון הויכן וואוקס, אַ שיין ווייס בערדעלע, שיין אַרומ־געשוירן, אַ געזונט לאַכנדיק פּנים, מיט אַ רויטן קאַרק וואָס זעט זיך גוט אָן, ביי יעדן פרישן געלעכטער וואָס ער שיסט אויס, בויגט ער דעם קאָפּ אויף צוריק, אַז דער קאַרק נעמט זיך פאַלדעווען אין גאָרנס, אַ ריכטיגער בעסאַראַביער טיפּ.

אשר ווערט אויפמערקזאַם; דער אַלטער פירט די קאָמאַנדע, דער אַלטער רעדט און חברה לאַכן, טרינקען וויין און קנאַקן ניס... טרינקט חברה, טרייבט זיי דער אַלטער אונטער... און צו מיין חתונה וועט איר מוזן מער טרינקען...

אשר'ן ווערט עס אינטערעסאַנט, אַז אַלטער איד רעדט גאָר פון חתונה האָבן...

דער אַלטער ווערט מיט יעדן גלעזל אַלץ מער לעבעדיקער, און ריידעוודיקער, געהערט אַ מעשה? קאָכט זיך דער אַלטער, זיי האָבן געהערט, אַז איך גיי חתונה האָבן, האָבן זיי אַלע אַראָפּגעלאָזן די נעזער...

— שוין פינף יאָר אַז מיין שרה איז געשטאָרבן, כ'האָב נאָך דאַמאָלט געהאַט צוויי קינדער חתונה צו מאַכן, איך האָב געדולדיק געוואַרט... ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע... אַ טײַערע זאַך צו וואוינען ביי קינדער, האָט ער ווי צו זיך אַליין גערעדט, נאָר גאָט האָט מיר געהאָלפן און איך האָב חתונה געמאַכט איין קינד, איז מיר אַראָפּ ווי אַ שטיין פון הארצן. נאָר ווען ס'איז געקומען צו דער מוזיינקע מיינער, איז גאָר געווען אַ שווערע זאַך, דעם וויל זי ניט און דער געפעלט איר ניט, און גיי מאַך... נאָר לעצטע וואָך האָב איך זי מיט מזל חתונה געמאַכט, טאָ, ווער איז מיר גלייך?... און איצט וועל איך מיך אַליין חתונה מאַכן... נו, חברה, וואָס טרינקט איר ניט? היי ווייטער, דערלאַנג נאָך אַ קריגעלע... וואָס אַמאָל איז ער אַלץ פרייליכער געוואָרן... געהערט אַ מעשה? — ניין קינדער האָב איך אונטער דער חופּה געפירט, ביי אַלע ניין קינדער געטאַנצט ביזן ווייסן טאָג אַריין, און גאָרניט... און איצט, אַז זיי דאַרפן איין טאַטן חתונה מאַכן, טאָ זעט נאָר, וואָס דאָ טוט זיך?... כ'האָב זיי געקווילעט די קאָפּאָטע. חברה האָבן זיך צעלאַכט הויך אויפן קול, שוין שיכור'לעך אביסל... און דער אַלטער האָט געהאַלטן אין איין אײַנ'טענה'ן מיט זיי, וואָס פאַר אַן אומרעכט זיינע קינדער טוען אים אָן, און צאָלן אים אָפּ פאַר ברויט, שטיינער... ער האָט אויף יעדנס קינדס חתונה געטאַנצט און זיי אַלעמען פריילעך געמאַכט, און איצט, אַז ס'קומט צו זיין חתונה לאָזן זיי גאָר אַראָפּ די נעז...

גייענדיק אהיים האָט זיך אשר'ן אַלץ געפּלאָנטערט אין קאָפּ דעם אַלטנס טענה צו די קינדער... ניין קינדער האָב איך חתונה געמאַכט און געטאַנצט ביי זיי אַלעמען אויף דער חתונה און איצט דאַרפן זיי חתונה מאַכן אײַנגאַנצן איין טאַטן... און זע נאָר, וואָס דאָ טוט זיך...

די לעצטע נאַכט

די שניידער־פאַבריקאַנטן האָבן געדענקט, אַז ס'איז גראָד די פּאַסיקע צייט אַראָפּצודריקן דאָס וואָס די אַרבעטער האָבן לעצטנס בישלאַכוויז געוואונען, און זיי האָבן דערום געמאַכט אַ "לאָק־אויט". פאַרמאַכט די פאַבריקן, און פּראָבירט די באָלשעוויקעס אַביסל אויסהונגערן... ס'איז אַל־רייט, זיי וועלן זיך שוין קומען בעטן צוריק צו דער אַרבעט.

אויף דעראויף האָבן די אַרבעטער, די שקצים, נאָר געענטפערט מיט אַ גענעראַל־סטרייק, מיט פאָדערונגען אויף אַ העכערונג אין לוין און אַ 44 שטונדיקע אַרבעטס־וואָך... אַ חוצפּה פון די שקצים.

שטיין אַזוי די פאַבריקן און פּוסטעוועט, איין וואָך נאָך דער צווייטער ס'איז גאָר ניט נויטיק צו פּיקעטן די שעפּער, אַז קיינער פּרובירט גאָר ניט עפענען זיין פאַבריק. ס'פּאַסט דאָך גאָר ניט, ס'טייטש מ'האָט דאָך אַליין געמאַכט אַ לאָק־אויט...

בערל האָט שוין דורכגעמאַכט פאַרשיידענע סטרייקס: ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דער סטרייק וועט זיך לאַנג פאַרציען, און זייענדיק אין אַ זייער שלעכטע פינאַנציעלע לאַגע, האָט זיך באַלד גענומען זוכן אַן אַנדערע אַרבעט, ביי וועלכער ער זאָל זיין פאַמיליע קאָנען דערנערן דורך דער צייט פון סטרייק.

זאָלן די שוואַכערע, וואָס קאָנען ניט טאָן קיין שווערע אַרבעט שטיין אַרום סטרייק, און נעמען בענעפיט (אונטערשטיצונג) פון דער יוניאָן: נאָר ער, בערל, מיט זיינע שטאַרקע מוסקלען, וועט בעסער אַרבעטן ביי דער שווערסטער אַרבעט, ווערענד דער צייט פון סטרייק און אַזוי אַרומעט העלפן געווינען דעם סטרייק.

געהערט, אַז אין ניו־דזשוירסי בויעט מען שיפן און מ'נעמט יעדן טאָג אַן נייע הענט. האָט זיך בערל אויסגעסטרויעט מיט אַ שוואַרצן העמדל. דעם קאַפּעליוש פאַרביטן אויף אַ היטל. אַנגע־טאָן דעם ערגסטן אַנצוג וואָס ער האָט נאָר געהאַט, און זיין אויס־זען האָט זיך אין גאַנצן געביטן. ער האָט אויסגעקוקט מער ווי אַן איטאַליענישער האַראָפּאַשניק איידער אַ אידישער שניידער.

אַזוי אויסגעסטרויעט האָט ער זיך פאַרטאָג אַוועקגעלאָזן זוכן אַרבעט צום שיפּ־יאַרד. ס'האָט גענומען עטלעכע שטונדן דאָס פאָרן אַהין צו.

און אָנקומענדיק אַהין, איז מען געוואָרן אויסגעמאַטערט אַזוי ווי פון אַ שווערן טאָג אַרבעט. עס איז נאָך געווען גאַנץ פרי ווען בערל איז אַהין אָנגעקומען: פינצטער און קאַלט, איז דער פרי־מאָרגן געווען, און זייענדיק ניט אויסגעשלאָפן, האָט ער געציטערט פון קעלט.

פון דעם קליינעם הייפעלע מענטשן, וואָס איז געשטאַנען ביים אָפיס, וואו מען נעמט אָן יעדן טאָג פרישע הענט צו דער אַרבעט, איז אויסגעוואַקסן אַ גאַנצע מאַסע, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין שטופּן, און געוואָלט זיין וואָס נאָענטער צום אָפיס, דאַמיט צו זיין פון די גליקלעכע אָנגענומען צו ווערן צו דער אַרבעט.

יעדן טאָג האָט מען בלויז גענומען אַ געוויסע צאָל אַרבעטער וואָס מען האָט גראָד געברויכט דעם טאָג, און אַלע אַנדערע האָבן געמוזט קומען אַ צווייטן, אַ דריטן מאָל, און אָפטמאָל אַזוי אַ גאַנצע וואָך, ביז מען האָט געהאַט דאָס גליק אָנגענומען צו ווערן צו דער אַרבעט.

די פינצטערניש איז פּאַמעלעך פאַרשוואונדן, מאַסן אַרבעטער האָבן גענומען שטראָמען דורך די ברייט־געעפנטע טויערן פון שיפּ־יאַרד אין וועלכע ס'איז אין דער ברייט געווען אויסגעשטעלט וועכ־טער, וועמען די אַרבעטער האָבן געמוזט ווייזן זייער פּעס.

ענדלעך, אום אכט אַזייגער האָט זיך דער אָפיס געעפנט, די ליין האָט זיך גענומען לאַנגזאַם באַוועגן פאָרוועטס, און אַזוי ווי בערל איז געווען פון די ערשטע, איז ער אין אַ פּאָר מינוט שוין געווען ביים פענצטער וואו דער קלוירק האָט אים אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ און אַ פּנים צופרידן פון זיין אויסזען האָט ער אים אויסגעפרעגט פאַרשיידענע פראַגעס, פאַרשריבן זיין נאָמען און אַדרעס, און אים דערלאַנגט אַ „פּעס" מיט אַ „טיים־קאַרד" אויף וועלכער ס'איז געווען פאַרשריבן, אַז ער האָט זיך געשטעלט אכט אַזייגער צו דער אַרבעט.

בערל כאַפּט אַ קוק אויפן זייגער, וועלכער ציינט 25 מינוט נאָך

אכט און ער לאַכט צו זיך אַליין... הייסט עס שוין אָפּגעאַרבעט 25 מינוט. איינער פון די וועכטער האָט נאָכגעקוקט זיין פּעס און אים אַריינגעלאָזן אין יאַרד, וועלכער איז געווען אומגעהייער גרויס.

בערל נעמט אַרומשפּאַנען אין יאַרד, און פרעגט זיך נאָך ביי די פאַרבייגייענדיקע אַרבעטער, וואָס ער דאַרף איצט טאָן.

אַרומבליאָנקענדיק אַזוי אַרום צען מינוט אין יאַרד, האָט ער זיך ענדלעך דערפרעגט צו אַ ביידל, וואָס איז געווען אָן אָפּיס אַרויס־צוגעבן נומערן צו נייע אַרבעטער, און אָפּוואַרטענדיק אַזוי אַרום אַ שטונדע צייט האָט מען ענדלעך אים דערלאַנגט זיין נומער, און ער האָט זיך צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן דערוואוסט, אַז ער הייסט גאָר ניט בערל — אַז הייסן הייסט ער גאָר 12722. דער קלוירק האָט אים אויך אָנגעזאָגט, אַז דאָס בלעכל, דאָס הייסט דעם נומער מוז ער צושפּיליען צום היטל, אָדער צום רעקל, דאָמיט יע־דער זאָל עס קענען זען.

בערל האָט שוין געהאַט אַ פּעס, אַ טיים־קאַרד און אַ נומער, און נאָך אַלץ ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַן אַרבעט ער וועט עס אייגנטלעך דאַרפן טאָן. ער כאַפּט אַ קוק אויפן זייגער, שוין האַלב נאָך ניין און גאָר ניט.

איצט זאָגט מען אים דאַרף ער נאָך קריגן טולס (ווערקצייג). זיך שוין דערפרעגט צום ביידל, וואו מען קריגט די טולס, אויך דאָ איז פאַראַן אַ ליין, מען מוז אַלזאָ שטיין און וואַרטן.

בערל פאַרגלייכט עס מיט זיין שאָפּ, וואו יעדע מינוט איז אויסגערעכנט, וואו אַ פאָרמאַנס אויג האַלט אין איין אַכטונג געבן, אַז ס'זאָל קיין איין מינוט, חלילה, ניט פאַרלוירן גיין אומזיסט. אַזוי קלערנדיק, האָט זיך בערל אַלץ גערוקט אין ליין, ביז ס'איז געקומען זיין נעקסט.

מען האָט אים דערלאַנגט אַ לאַנגן, שווערן האַמער, צוויי רענטשעס און עטלעכע שטאָלערנע פּינס. און ער האָט זיך דער־וואוסט, אַז ער איז „אַ באָלטער אָפּ". ער האָט נעבאַך ניט גע־וואוסט מיט וואָס מען עסט עס. און ער האָט שוין אָנגעהויבן צו ווערן נייגעריק, וואָס זיין אַרבעט וועט אייגנטלעך זיין. נאָר

ס'טוט זיך ניט אַזוי שנעל ווי ס'רעדט זיך... איצט האָט ער נאָך באַדאַרפט צוואַוואַרטן אויף אַ פאָרמאַן.

ס'איז אויף יעדער שיף געווען פילע פאַרלייטע, און וועמען פון די פאַרלייטע ס'האָט אויסגעפעלט אַן אַרבעטער, איז געקומען צו דערביידל, זיך אויסקלייבן וועמען ער האָט געברויכט.

ס'איז שוין עלף אַזייגער, בערל הויבט שוין אָן צו ווערן אומגעדולדיק פון דעם לאַנגן וואַרטן; ער וואָלט שוין וועלן עפּעס טאָן. ער האָט געפילט אַ חשק צו קלאַפּן מיטן האַמער אַביסל... נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן האָט ער נאָך אַזאַ גרויסן האַמער אין דער האַנט ניט געהאַלטן.

„קאָם־אָן" האָט ער דערהערט אַ באַסאָווע שטימע מיט אַן אייִרישן אַקצענט, דאָס איז געווען דער פאָרמאַן, אונטער וועמען בערל האָט עס באַדאַרפט צו אַרבעטן.

בערל האָט צוזאַמען גענומען זיינע קלאַפּער־געצייג און גענומען נאָכשפּאַנען דעם פאָרמאַן. ער איז צוגעקומען צום שיף נומער זעקס און גענומען אַרויפגיין אויפן סקעַרפאָלד (רישטאָוואַניע) און בערל איז אים נאָכגעגאַנגען מיט אומזיכערע טריט.

אָנגעקומען אויבן, האָט אים דער פאָרמאַן צוגעפירט צו אַ מאַן וואָס איז דאָרט געשטאַנען וואַרטנדיק אויף אים; היר איז דיין פאַרטנער, האָט ער זיך אָנגערופן צום מאַן, אָנווייזנדיק אויף בערלען, און נעם זיך צו דער אַרבעט — אָפּגעזאָגט און זיך אַוועקגעגאַנגען.

בערל האָט אַוועקגעלייגט די טולס און זיך באַקאַנט מיט זיין פאַרטנער, וועלכער האָט אים דערציילט, אַז ער וואַרט שוין אַזוי אַ האַלבן טאָג אויף אַ פאַרטנער. טאַ, וואָס האָסטו געטאָן די גאַנצע צייט, האָט אים בערל געפרעגט? גאָרניט, האָט זיך דער פאַרטנער צעלאַכט; איך האָב געוואַרט אויף דיר...

אַ הילכיקער פייף האָט געלאָזן וויסן, אַז ס'איז שוין צוועלף. קום פאַר לאָנטש, האָט אים זיין פאַרטנער גערופן, נאָכמיטאָג וועלן מיר זיך נעמען צו דער אַרבעט.

אונטן אין יאַרד, ביי אַ הילצערן ביידל, וואו מען קאָן קריגן אַ סענעוויטש, קאַפּע און פּיי, איז שוין געשטאַנען אַ היבשע ליין.

ווי עס זעט אויס, האָט זיך בערל אָנגערופן צו זיין איידישן פּאַרטנער, פאַרברענגט מען דאָ די מערסטע צייט מיטן שטיין און וואַרטן אין ליין. קאָנסט עס נאָך אַמאָל זאָגן, האָט זיך דער פּאַרט־נער צעלאַכט. אַזוי וויצלענדיק זיך, האָבן זיי זיך פּאַמעלאַך גע־רוקט פאָרווערטס אין ליין, ביז ס׳איז געקומען זייער נעקסט, און זיי האָבן אויך געקראָגן עפּעס אָפּצועסן.

אַ הילכיקער פייף האָט ווייטער געלאָזן וויסן, אַז ס׳איז צייט זיך אומצוקערן צוריק צו דער אַרבעט.

ווי איך זע, האָסטו שוין חשק צו אַרבעטן; האָט זיך דזשאַני אָנגערופן צו בערלען. וועל, דאָס איז זייער לייכט אויסצולערנען. אָט די באָלטס (שרויפן), וואָס איך שטעק דאָ אַריין אין די אויס־געבויערטע לעכער, דאַרפסטו פון צווייטן זייט פאַרשרויפן, און ווען דאָס לעכל איז צו קליין און די שרויף קאָן ניט אַריין, דאַן נעם איינע פון די שטאָלערנע פינס און קלאַפּ מיט אָט דעם האַמער אַריין, אַזוי אַז דאָס לעכל זאָל ווערן גרעסער, און די שרויף זאָל קענען אַריין. דאָס איז אַלעס? האָט זיך בערל געוואונדערט?

— וואָס דען האָסטו געמיינט? האָט זיך דזשאַני געוויצלט, האָסט אפשר געמיינט, אַז וועסט דאַרפן מאַכן אַליין די גאַנצע שיף?...

בערל האָט מיט אינטערעס געאַרבעט. און די צייט איז זייער שנעל אַוועק, און איידער ער האָט זיך צייט געהאַט רעכט אַרומ־צוקוקן, איז שוין דער נאָכמיטאָג אַוועק. און מיט פאַרוואונדערטע אויגן האָט ער געקוקט אויף דזשאַנין, ווען יענער האָט אים גע־הייסן איינפּאַקן און באַהאַלטן די טולס.

ס׳איז דאָך ערשט פיר אַזייגער, האָט אים בערל געצייגט דעם זייגער, קום פאַנטשן די טיים־קאַרד, האָט אים דזשאַני באַפוילן; איכ׳ל דיר ווײַזן, אַז דו וועסט שוין אָנטרעפן דאָרט אַ גרויסע ליין.

דזשאַני האָט געוואוסט, וואָס ער רעדט. אָנקומנדיק צום ביידל וואו מען פאַנטשט אָפּ די טיים־קאַרד, איז שוין דאָרטן געשטאַנען אַ גרויסע ליין און געוואַרט אויפן „פייף".

שטייענדיק אין ליין, האָט עס בערל פאַרגליכן מיט זיין שאַפּ,

וואו מען מוז אַרבעטן ביז צו דער לעצטער מינוט, און דאָ איז ערשט נאָך פיר און מען שטייט שוין און מען וואַרט אויפן פייף...

דזשאַני האָט אָנגעזאָגט בערלען, אַז ער זאָל ניט פאַרגעסן, אַז ער אַרבעט אויף שיף נומער זעקס, און ער זאָל בעסער וואַרטן אויף אים אונטן ביים שיף.

דאָס אַהיימפאָרען האָט גענומען זייער לאַנג, און ס'איז שוין געווען נאָך זיבן, ווען בערל איז אַהיימגעקומען אַן אויסגעמאַטערטער פון דעם לאַנגן פאָרן.

— ווי איך זע, האָסטו היינט שווער געאַרבעט, מיין ליבער מאַן, האָט אים זיין פרוי עמפּפאַנגען... גאָרניט אַזוי שווער האָט איר בערל דערקלערט, כ'האָב היינט אַ גאַנצן טאָג פאַרשרויפט אַ צוואַנציק שרויפן, דאָס ערשט איך און אַ פאַרטנער, אויף מיין חלק הייסט עס אַ צען שרויפן, נאָר מאָרגן האָף איך שוין מער אויפצוטאָן...

— טאָ פון וואָס ביסטו עס אַזוי שמוציק, האָט זיין פרוי געוואָלט וויסן? וועל, אַזוי איז עס, האָט איר בערל דערקלערט, די אַרבעט וואָס ווערט פון יעדן איינעם אויפגעטאָן איז ווערט אַ גאָר מיט אַ ניט. נאָר עס זיינען דאָך פאַראַן אַזויפיל טויזנטער אַרבעטער, און יעדער מאַכט אַביסל, ווערט פאָרט עפּעס פאַרטיק. נאָר מען זאָל וועלן רעכענען וואָס אַ שניידער פאַבריצירט אין שאַפּ, מיט דער אַרבעט פון אַ שיף אַרבעטער איז די אַרבעט פון לעצטן ניט ווערט מער ווי אַ האַלבן דאָלאַר אַ טאָג. נאָר גאָרניט, האָט בערל פאַרענדיקט, ווען מען באַרעכנט דעם אַהין און אַהער פאָרן וואָס פאַרנעמט, וועלכע 6 שטונדן אַ טאָג. איז שוין באַלד אַליין ווערט דאָס געלט, וואָס מען קריגט.

שווער איז בערלען געווען דאָס אויפשטיין אין דער פרי, ווייל אום צו זיין אַכט אַזייגער ביי דער אַרבייט, האָט ער געמוזט אויפשטיין פיר אַזייגער פאַרטאָג, ווייל די פאַרקער מיטל איז ניט זייער רעגלמעסיק אין דער פרי. און וואָלט מען כאָטש געקאָנט פאָרן די דריי שטונדן מיט איין גאַנג, וואָלט מען נאָך געקאָנט אַריינכאַפּן אַ דרימל. נאָר אָט נעמט מען די סאָבוויי און מען מוז אַכטונג געבן ניט צו פאַרפאָרן, און אָט מוז מען כאַפּן אַ פערי און אַריבער

פאָרן איבערן וואַסער קיין דזשווירזי, און דאַן כאַפּן אַ קאַר (טראַמ־וויי) ביז אויסערן שטאָט. און אָנקומנדיק אין שיפּ־יאַרד איז מען אַן אויסגעמאַטערטער אַזוי ווי פון אַ שווערן טאָג אַרבעט.

צו דער אַרבעט האָט זיך בערל שנעל צוגעוואוינט, און עס האָט אים גאָרניט אויסגעמאַכט, עס איז אים אַלעמאָל אויסגעקומען צו אַרבעטן אויף אַן אַנדערער טייל פון שיף, מאַנכעס מאָל גאַנץ אויבן אויפן אויבערשטן דעק, און מאַנכעס מאָל טיף אונטן אין די געדערים פון דער שיף, וואָס איז געווען זייער אַ פּאַסקודנע אַרבעט. דורך אַ לאָך אויסגעשניטן אין דיל, האָט מען זיך אַראָפּ־געלאָזן צו די אונטערשטע טיילן, וואָס האָט באַדאַרפט צו ווערן די וואַסער טענקס, וואָס איז באַשטאַנען פון קליינע, קוואַדראַטנע, אײַ־זערנע קעסטעלאַך.

מיט רונד אויסגעשניטענע לעכער דורך וועלכע מען האָט קוים געקאָנט אַריין און אַרויסקריכן, אין וועלכע מען האָט גע־מוזט אַרבעטן, ניט קענענדיק זיך אויפשטעלן, האָט מען געמוזט זיצנדיק אַרבעטן, און פאַרשרויפנדיק די שרויפן, האָט מען זיך אָפט צעקלאַפּט די עלנבויגנס ניט קענענדיק אויסשטרעקן די הענט.

נאָר ווי שלעכט ס'איז ניט געווען צו אַרבעטן אונטן, איז ביי אים נאָך בעסער געווען צו אַרבעטן אונטן, ווי אויף די דרויסנ־דיקע ווענט פון שיף, וואו מען האָט געמוזט אַרבעטן אויף ריש־טאָוואַניעס אויף וועלכע די ברעטער זיינען ניט געווען צוגענאָגלט, דורך וועלכע ניט איין אַרבעטער האָט שוין פאַרלוירן זיין לעבן...

ס'איז דאָרט געווען אַ לייטער אין מיטן שיף, וועלכער האָט זיך געצויגן אַ פיר פינף שטאָק די הויך, און ווען בערל האָט דאָס ערשטע מאָל געברויכט אַרויפצוגיין אויבן, און זייענדיק גראָד אינ־מיטן האָט זיך דער לייטער גענומען הוידן הין און צוריק, אַזוי ווי אַ הוידאַלקע. און בערל האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן, גיין ווייטער, אָדער צוריק אַרונטער צו גיין... און ער האָט באַשלאָסן צו גיין פאָרווערטס. און שפּעטער, האָט ער זיך צו דעם צוגע־וואוינט, אַז עס איז ביי אים געווען ווי אַ קינדערשפּיל.

אַזוי זיינען אַוועק עטלעכע וואָכן און בערל האָט זיך צוגע־וואוינט צו דער אַרבעט, נאָר ס'האָט אים געקרענקט, וואָס ער איז

אין גאַנצן אָפּגעריסן פון סטרייק, און ער האָט גאָרניט קיין גע־לעגנהייט צו קומען אין האָל, און זיך זען מיט זיינע ברידער סטריי־קער... און ווען ניט די אידישע צייטונגען, וואָלט ער גאָרניט גע־וואוסט, וואָס עס טוט זיך מיטן סטרייק.

נאָר ברלען איז דאָס ניט געווען גענוג, ער האָט געוואָלט אַליין זיין ביים מיטינג, זיך זען מיט די אַרבעטער פון שאָפּ, זיך מיט זיי אביסל דורכריידן, און ער האָט שוין גענומען מאַכן פּלענער ווי אויסצופּעלן איין טאָג פון דער ארבעט און זיך אריבערכאַפּן אין האָל, זיך זען מיט די אַרבעטער.

— „ווער וויל ארבעטן נאַכט־אַרבעט" האָט זיך דערהערט דעם פאָרמאַנס קול: קיינער האָט זיך ניט אָנגערופן.

ביי נאַכט אַרבעטן? איז בערל אויפגעשפּרונגען מיט פרייד, גאָר ווי געוואונשן פאַר אים, ביי טאָג וועט ער סטרייקן ביי שנײ־דעריי און ביי נאַכט וועט ער ארבעטן ביי שיפן.

— איך וויל ארבעטן ביי נאַכט, האָט זיך בערל אָנגערופן צום פאָרמאַן. צוריק קומנדיק פון אָפּיס, וואו דער פאָרמאַן האָט אים פאַרשריבן אויף נאַכט־אַרבעט, האָט אים זיין פּאַרטנער געמאַכט פאַרוווירפע פאַר אָננעמען נאַכט־אַרבעט: ס'וועט דיר זיין קאַלט צו אַרבעטן ביי נאַכט, און דערצו געשעען צופּיל עקסידענטס ביי נאַכט אַרבעט. נאָר בערל האָט פון גאָרניט געוואָלט הערן, פאַר אים איז געווען די הויפּטזאַך, וואָס ער וועט זיך קענען זען מיט די אַרבעטער פון שאָפּ און קענען קומען אין האָל און הערן וואָס ס'טוט זיך מיטן סטרייק.

אהיימקומנדיק, האָט ער זיין פרוי דערציילט די גוטע בשורה, אז ער דאַרף שוין מאָרגן אין דער פרי ניט אויפשטיין...

ס'איז אים אַרונטער ווי אַ שטיין פון האַרצן: ווייל דאָס אויפשטיין גאַנץ פרי פיר אַזייגער פאַרטאָג, איז אים געווען זייער שווער. בייטאָג האָט ער געזאָגט זיין פרוי, איז לייכטער אויפצו־שטיין, ס'איז וואַרעם אין שטוב, מ'קאָן רעדן אַ וואָרט מיט די קינדערלעך, איידער מען גייט אַוועק. און וואָס זיין פרוי האָט אים פּרובירט אויפצואווייזן, אַז ס'טויג ניט קיין נאַכט ארבעט,

איז ביי אים אויסגעקומען, אַז עס איז גראָד זייער גוט, פיין ווי די וועלט...

דעם צווייטן טאָג איז בערל אויפגעשטאַנען שפּעט, אויס־שטרעקנדיק זיך די ביינער, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף גיין אין האָל.

אַ פרייליכער האָט ער אָפּגעגעסן פרישטיק און מיט אומגע־דולד אַוועק אין האָל, וואו ער האָט אָנגעטראָפן פילע באַקאַנטע, וועלכע האָבן אים די גאַנצע צייט ניט געזען, און אים גענומען באַ־פאַלן מיט פראַגן...

— וואו ביזטו עס געווען אין די גרויסע פרעסט? האָט אים איינער אָנגעכאַפּט, אַ שטייגער, וואו ביזטו ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אויף אַזא לאַנגער צייט.

און בערל האָט זיי דערציילט פון זיינע דערפאַרונגען ביי די שיפן, און ווי אַנדערש די אַרבעט איז דאָרטן ווי ביי שניידעריי.

בערל האָט פון זיי אויסגעפונען, אַז דער סטרייק איז אין אַ גלענצנדן צושטאַנד. און ס'וועט ניט לאַנג נעמען און דער סטרייק וועט זיין אַ געוואונענער. און זיי האָבן אים גענוי דערציילט, וויפיל באָסעס האָבן שוין אָפּגעסעטלט מיט דער יוניאָן.

בערל איז אַ פרייליכער אהיים און צוזאַמען מיט זיין פאַמי־ליע געגעסן מיטאָג. און זיך צוגעלייגט אביסל שלאָפן.

אַ טייערע זאַך, נאַכט־אַרבעט... מ'קאָן צוזאַמען זיין מיט דער פאַמיליע אַ גאַנצן טאָג: און ביי נאַכט? וועל, ביי נאַכט שלאָפן זיי דאָך אַלע.

אום פינף אַזייגער האָט ער זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין. זיך אָנגעטאָן צוויי אַלטע רעקלאַך מיט אַ סוועטער פון אויבן. און צוויי פּאָר הויזן, וועלכע זיינען אים זייער גוט צונוץ געקומען, ווייל ס'איז זייער קאַלט געווען די ערשטע נאַכט צו אַרבעטן, אויבן אויפן אויבערשטן דעק אונטערן פרייען הימל.

די נאַכט איז געווען זייער קאַלט, און פריש, דער הימל אויס־געשטערנט און די לבנה האָט געשיינט אין איר פולן גלאַנץ און זיך אָפּגעשפיגלט אין וואַסער, אַזוי אַז שטייענדיק אויבן אויפן דעק האָט זיך בערלען אויסגעוויזן אַז ער שוועבט אין דער לופטן.

זענדיק איין לבנה הויך איבער זיין קאָפּ און אַ צווייטע טיף אונ־טער זיינע פיס, אונטן אין וואַסער.

ער האָט פלייסיק געאַרבעט, און דאָס הילכיקע קלאַפּן פון זיין האַמער, האָט אָפּגעקלונגען איבערן גאַנצן דעק.

דער פאָרמאַן האָט אים געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, אַז ער איז דער פלייסיקסטער אַרבעטער פון זיין גענג.

בערל האָט טאַקע פלייסיקער געאַרבעט ווי אַלע אַנדערע טעג, ווענדיק פאַרטרייבן דעם שלאָף און די קעלט, וועלכע האָבן זיך שטאַרק געלאָזן פילן.

דער ווינט האָט גענומען בלאָזן, און איבערגעריסן דאָס שטילקייט פון דער נאַכט, די אַרבעטער האָבן אָוועקגעלייגט די אַר־בעט און זיך געלאָזן גיין צום לאַנטש־רום עפּעס איבערבייסן און זיך אַביסל אָנוואַרעמען.

מיטשפּאַנענדיק מיט די אַנדערע אַרבעטער, האָט בערל גע־קלערט פון זיין פרוי און קינדערלאַך, ווי זיי שלאָפן איצט גע־שמאַק. און צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן דערפילט ער, אַז ער איז דער שפּייזער און באַשיצער פון זיין ליבע פאַמיליע, און דאָס האָט אים געמאַכט פילן, שטאַרקער און שטאָלצער ווי תמיד.

אין דער פרי ווען בערל איז אהיימגעקומען פון דער אַרבעט, זיינען נאָך אַלע אין הויז געשלאָפן. ער האָט זיך גענומען אָרומ־וואַשן, און זיין פרוי האָט דערהערט און איז אַרונטער פון בעט אים צוגרייטן אָנבייסן. און אים גענומען אויספרעגן, צי די נאַכט־אַרבעט איז אים ניט צו שווער. נאָר בערל האָט איר פאַרזיכערט, אַז נאַכט־אַרבעט איז אַ סך בעסער, ווייל מען דאַרף בלויז אַרבעטן פינף נעכט אַנשטאָט זעקס טעג און מען קריגט נאָך פיר דאָלאַר אַ וואָך מער ווי טאָג־אַרבעט.

בערל האָט אָפּגעאַרבעט עטלעכע נעכט און ס'האָט עפּעס פּאַ־סירט, וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק.

ס'איז שוין געווען אַ פערטל צו צוועלף, די אַרבעטער האָבן שוין געוואַרט אויפן ווייסל. פּלוצים האָט אַן אַרבעטער, וועלכער האָט געאַרבעט גאַנץ אויבן אויף דער אוטסייד־שעל (דרויסנדיקער וואַנט) זיך אויסגעגליטשט און אַרונטער געפאַלן גאַנץ אונטן אין

יאַרד, וואו ס'זיינען געלעגען אָנגעלייגט שטיקער אייזן, און פאַרשיידענע זאַכן, וואָס ווערן געברויכט אויף דער שיף. גאַנצע צען מינוטן האָט מען אים אַרומגעזוכט ביז מען האָט אים געפונען ליגן צווישן די שטיקער אייזן אין גאַנצן אַ צובלוטיגטן.

בלוט האָט גערונען פון זיינע אויגן, נאָז, און אויערן. און מערקווירדיק, דער מאַן האָט נאָך געלעבט... מען האָט אים אויף גיך צוגענומען אין האָספּיטאַל פון שיף־יאַרד, וואו דער דאָקטאָר האָט אים פּרובירט צוריקברייגגען צום באַוואוסטזיין...

דער וויסל האָט געבלאָזן זיין אומעטיגן פייף, און די אַרבעטער האָבן זיך געלאָזן אין דער פינצטערער נאַכט, עפּעס איבערבייסן.

נאָענטער זיינען זיי זיך די נאַכט געווען ווי אַלע אַנדערע נעכט און דאָס גאַנצע געשפּרעך אויפן וועג צום לאָנטש־רום, האָט זיך בלויז געדרייט אַרום דעם אומגליקלעכן אַרבעטער. און געפילט האָט זיך ווי ער וואָלט זיך איצט געפונען דאָ צווישן זיי...

די פינצטערע נאַכט האָט זיך געפּאַסט צו דער שטימונג, און צום גאַנצן אומגליק. אין לאָנטש־רום איז די שטימונג אויך געווען אַ גדריקטע. און דאָס גאַנצע געשפּרעך האָט זיך בלויז געדרייט אַרום דעם נאָר וואָס געשעהענעם.

ער אַרבעט ערשט די צווייטע נאַכט, האָט זיין פּאַרטנער דערציילט, אַ פאַרהייראַטער מאַן, אַ טאַטע פון עטלעכע קינדערלעך...

דער וויסל האָט מיט זיין הילכיקן פייף גערופן די אַרבעטער צוריק צו דער אַרבעט, נאָר די מייסטע זיינען געבליבן זיצן אויף זייערע פּלעצער, ס'האָט זיך זיי ניט געגלוסט אַרויסצוגיין אין דער מיסטעריעזער פינצטערער נאַכט.

בערל האָט זיין פרוי גאָרניט דערציילט דערפון, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז זי וועט אים זיכער מער ניט לאָזן גיין צו דער אַרבעט...

באַלד, צוויי טעג שפּעטער, האָט ווייטער פּאַסירט אַן אומגליק מיט אַן אַנדערן אַרבעטער; אַ שיף האָט זיך געהאַלטן אין פאַרענדיקן און אַ פּאָר טאָג אַראָפּגעלאָזן צו ווערן אין וואַסער, און אָט ווערן די טענקס אָנגעפּילט מיט וואַסער, אוויסצופּרובירן צי זיי

רינען ניט פון מאַנכע פּלעצער, איין ארבעטער, וועלכער האָט זיך באַהאַלטן אין איינע פון די קוואַדראַטנע אייזערנע קעסטלאַך פון די טענקס און פאַר'גנב'עטערהייט אַריינצוכאַפּן אויף אַ האַלבע שעה אַ דרימל, האָט לײדער, געכאַפּט זיין לעצטן דרימל.

ווען די טאָג־אַרבעטער האָבן דאָס וואַסער אין דער פרי אַרויס־געלאָזן, האָבן זיי אים געפונען אַ טויטן...

בערל האָט זיך פאַרגעשטעלט וואָס דער אָרימער אַרבעטער האָט געמוזט ליידן. זעענדיק דאָס וואַסער אַריינשטראָמען און ווע־לענדיק זיך ראַטעווען, גענומען קריכן פון איין קעסל אין צווייטן, דורך די רונדאַויסגעשניטענע לעכער נאָענטער צום אַרויסגאַנג... נאָר דאָס וואַסער איז שוין העכער פון די לעכער, און ער מוז איינהאַלטן דעם אָטעם. דורכקריכנדיק פון איין קעסטל אין צווייטן, און אָט, אָט איז ער שוין באַלד ביים אַרויסגאַנג, נאָר צו שפּעט... דאָס וואַסער איז שוין איבערן קאָפּ...

בערל פון נאַטור אַ צאַרט פילנדער, האָט שטאַרק געליטן דערפון: ניט אַזוי פון יענעמס טויט, וואָס האָט אַן אַרבעטער, מ'שטיינס געזאָגט, נאָר צו פאַרלירן פון זיין שווער ביטער לעבן?... נאָר דאָס פאַרדאַמטע ליידן פאַרן טויט, און די אָרימע פאַמיליע וואָס בלייבט איבער, אָן אַ שפּייזער. בערל האָט שטאַרק געליטן שטיל געליטן אין זיך, און זיין פרוי גאָרניט דערציילט דערפון.

מיט יעדער וואָך, איז אַלץ געוואָרן קעלטער צו אַרבעטן, און ווי אָנגעפּאַקט ער איז ניט געווען, און ווי פלייסיק ער האָט ניט געאַרבעט, האָט ער אַלץ געציטערט פון קעלט, און דער פראָסט האָט געשניטן דאָס פּנים. און ער האָט געוואונשן, אַז דער סטרייק זאָל זיך שוין ענדיקן און ער זאָל שוין קענען צוריקגיין צו זיין אַרבעט.

איין נאַכט איז ער געקומען צו דער אַרבעט, און קוים האָט ער זיך געשטעלט צו דער אַרבעט, האָט אָנגעהויבן צו גיסן אַ רעגן, אַזוי שטאַרק, אַז ס'איז אוממעגלעך געווען צו אַרבעטן. צוועלף אַזייגער האָט דער פאָרמאַן אויסגעקליבן עטלעכע אַרבעטער און זיי אַהיימגעשיקט. זיי האָבן בערלען געקסטע נאַכט דערציילט, ווי זיי זיינען אויסגעווייקט געוואָרן ביז צום העמד, וואַרטענדיק אונטערן

פרייען הימל אַ צוויי שטונדן פאַר אַ קאַר... און ביז זיי האָבן זיך דערשלעפּט אַהיים, איז שוין געווען פאַרטאָג.

בערלען האָט זיך וואָס אַ נאַכט אַלץ מער צוגעגעסן די אַרבעט אויפן שיף. איין נאַכט איז ער אומגעפאַלן און זיך צעקלאַפּט די נאָז מיטן שטערן ביי אַ שטיק אייזן וואָס איז אים געלעגן אין וועג, די וואונד איז געווען אַ קליינע, נאָר ווען ער איז אַהיימגעקומען האָט זיך זיין פרוי זייער דערשראָקן, פון די פּלאַסטערס וואָס דער דאָקטאָר האָט אַרומגעקלעפּט זיין פּנים.

זיין פרוי האָט אָנגעשטעלט די קינדער, זיי זאָלן אים בעטן ניט מער צו גיין צו דער שמוציקער אַרבעט...

באַלד, באַלד, קינדערלעך, וועלן מיר געווינען דעם סטרייק, וועל איך שוין מער ניט גיין צו דער שמוציקער אַרבעט, האָט ער די קינדערלעך געטרייסט.

ס'איז געווען אַ פינצטערע נאַכט און אַ פּראַסטיקער ווינט האָט דורכגענומען אַלע גלידער, בערלען איז געווען אומעטיק אויפן האַרצן... די פינצטערע נעכט האָבן אים דערמאָנט אָן יענעם אַר־בעטער, וואָס איז אַרונטערגעפאַלן פון שיף, אין יענער פינצטערער נאַכט...

ס'איז נעכטן בייטאָג געשען אַן עקסידענט, האָט ער געהערט איין פאָרמאַן זאָגן צום אַנדערן :—

— וואָס אַזוינס ? האָט דער צווייטער געפרעגט. — אָט, גאָר־ניט, דער קריין־מאַן איז אַרונטערגעפאַלן פון הויבמאַשין, און דער׳־הרג׳עט געוואָרן אויפן אָרט...

פאַר בערלען איז עס געווען נאָך אַ קלאַפּ. ער האָט זיך גע־נומען פילאָזאָפירן, צי ס'לוינט זיך גאָר איינגאַנצן צו לעבן אין אַזאַ פּאַסקודנער וועלט : אַרבעטער שקלאַפן ביי טאָג און ביי נאַכט, אום צו דערנערן זייער פאַמיליע, און אָט, געשעט אַן אומגליק, ער ווערט דער׳הרג׳עט... און ווער קוקט זיך אום אויף זיין פאַמיליע ?

בערל האָט פאַרלוירן דעם חשק צו אַרבעטן, און די נאַכט גע־ציטערט פון קעלט, ס'איז געווען פרייטיק נאָכמיטאָג, בערל האָט שוין באַלד געברויכט אויפצושטיין, צו גיין צו דער אַרבעט, ווען זיין פרוי איז פּלוצים אַריין פון גאַס, פול מיט שמחה, מיט אַ איי־

דישע צייטונג אין האַנט, און איִם אויפגעוועקט, מיט אַ פריילעכן געשריי.

— זע נאָר בערל, די פריילעכע נייעס, דער סטרייק איז גע־סעטלט, מאָנטיק קאָנסטו שוין צוריקגיין צו דיין אַרבעט, אַלעס געוואונען, אַ 44 שטונדיקע אַרבעטס־וואָך, און אַ רייז נאָך דערצו, האָט זי איִם דערציילט אין איין אָטעם.

בערל איז מיט איין שפּרונג געווען אַרונטער פון בעט, און גיך געשלונגען יעדעס וואָרט פון די גרויסע קעפּלאַך פון דער ערשטער זייט פון צייטונג „לאַנגער שניידער־סטרייק ענדלעך גע־וואונען מיט אַ פולשטענדיקן זיג, א. אז. וו.״...

ער האָט אַרומגעכאַפּט זיין פרוי פאַר גרויס פרייד און זי גע־נומען קושן; כ׳האָב דאָך געוואוסט, אַז ס׳וועט קומען דערצו. עס איז בלויז געווען אַ פראַגע פון צייט, פריער אָדער שפּעטער, גע־וואונען האָבן מיר דאָך געמוזט, ווייל דאָס רעכט איז דאָך געווען אויף אונזער זייט, איצט וועלן זיי שוין פאַרזאָגן אַ צענטן צו מאַכן אַ לאָק־אויט אויף אונז... האָט ער מיט גרויס באַגייסטערונג גע־רעדט צו זיין פרוי.

די שטוב האָט אויף איינמאָל אויפגעלעבט, בערל איז געוואָרן פריילעך, דער אומעט וואָס האָט איִם לעצטע צייט אַזוי געדריקט, איז מיט איינמאָל פאַרשוואונדן. די פרוי האָט געגרייט צו טיש, און בערל האָט געגעסן מיט אַפּעטיט, דאָס עסן האָט היינט געשמעקט בעסער ווי תמיד, און אַלעס אַרום האָט איִם געשיינט צו זיין בע־סער און שענער...

ער האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין, אָנגעטאָן איין רעקל אויפן צווייטן און פון אויבן אַ סוועטער... און איז שוין גע־ווען פאַרטיק צום גיין, ווי ער רופט זיך אָן צו זיין פרוי; ווי גוט עס קומט היינט אַלעס אויס, איצט איז פרייטיק פאַר נאַכט, מאָרגן אין דער פרי קריג איך אויסגעצאָלט מיין וואָכ׳ס פּיי. שבת און זונטיק וועל איך זיך קאָנען אויסרוען, און מאָנטיק קאָן איך ווידער צוריקגיין צו מיין אַרבעט...

— נאָ מאָר — שמוציקע אַרבעט, האָט ער זיך געווענדעט צו

זיינע קינדערלעך, און זיי געקושט, און געקושט — היינט גיי איך אַרבעטן די לעצטע נאַכט...

און קוים זיינען די ווערטער אַרויס פון זיין מויל, איז אים געוואָרן אַזוי מאָדנע אויפן האַרצן... אים איז אויף איינמאָל אויפ־געשוואומען דאָס בילד פון יענעם אַרבעטער, וואָס איז אין יענער פינצטערער נאַכט אַראָפּגעפאַלן פון שיף... און אים איז דענסטמאָל געווען די „לעצטע נאַכט"...

וואָס איז דאָס ?... זאָל עס זיין אַ וואָרנונג אַרויסגערעדט פון זיין אייגן מויל ?...

וואָס איז מיט דיר בערל ? האָט אים זיין געטרייע פרוי גע־פרעגט ; עפּעס ביזטו אויף איינמאָל אַזוי בלאַס געוואָרן...

עט, גאָרניט, כ'האָב געזאָגט, אַז איך גיי אַרבעטן די לעצטע נאַכט... עפּעס זאָגט מיר ס'האַרץ, אַז ס'וועט עפּעס געשען, האָט ער ווי צו זיך אַליין גערעדט, פאַרגעסנדיק זיך, אַז זיין פרוי הערט וואָס ער רעדט...

טאָ, גייזשע ניט צו דער אַרבעט, האָט זיך זיין פרוי ביי אים גענומען בעטן :—

עט, נאַרישקייטן, האָט ער זיין פרוי גענומען אויסריידן. איך מוז דאָך מאָרגן פרי סיי ווי גיין אָפּנעמען מיין וואָך ווייזשעס, וועל איך דאַרפן אויפשטיין פאַרטאָג צוליב דעם, עט, שוין בעסער איצט...

גוט־נייט, האָט ער זיך צוקושט מיט זיין פרוי און קינדערלעך, ס'וועט אַלעם זיין אָל־רייט, האָט ער זיין פרוי פאַרזיכערט אַרויס־גייענדיק פון טיר.

דעם גאַנצן וועג צום שיפּ־יאַרד, האָט ער זיך אַלץ ניט געקאָנט באַפרייען פון דעם שווערן איינדרוק, וואָס זיינע אייגענע ווערטער האָבן אויף אים געמאַכט... פאָרנדיק אויף דער פערי, האָט ער זיך דערמאָנט אָן אַ לעגענדע, וואָס זיין מאַמע האָט אים קינדוויז פאַרן שלאָפן־גיין דערציילט. — ס'איז אַמאָל געווען אַ פּאָר פאָלק, און צען מאָל ניט דאָ געדאַכט...... האָבן זיך ביי זיי קיין קינדער ניט געקאָנט האַלטן, יעדעס קינד האָט געלעבט אַ יאָר, צוויי, דריי, און פּלוצים קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. זיי האָבן איינגעלייגט

וועלטן, געגעבן אַ סך צדקה, חתונה געמאַכט עלטערע מיידלאַך פאַר זייער געלט, געפאָרן צום רבין מיט קוויטלעך... נאָר ס'האָט גאָרניט געהאָלפן... און ווען זייער לעצט קינד איז זיי געבוירן געוואָרן, איז דער פאָטער באַלד נאָכן ברית, אַוועקגעפאָרן צום רבין, און ניט געוואָלט אַרויס פון רבינס חדר ביז ער וועט אים ניט צוזאָגן צו ראַטעווען זיין קינד...

דער רבי האָט אים געזאָגט, אַז ער זעט, אַז זיין ניי געבוירן קינד דאַרף דערטרונקען ווערן אינם טאָג פון זיין בר־מצוה, נאָר אויב מען וועט אים פאַרשליסן דעם דאָזיגן טאָג אין אַ באַזונדערן חדר און אים היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ, אַ טראָפּן וואַסער טאָר, חלילה, צו אים ניט צוקומען, ער מעג שרייען און וויינען, אַז ער וויל אַ טרונק וואַסער, זאָל ער זיך צו אים גאָרניט איינהערן, און אים קיין טראָפּן וואַסער ניט געבן... און נאָך אַ סימן וועט ער האָבן: אָט אין דעם טאָג פון זיין בר־מצוה, וועט ער אָנטאָן ביידע זאָקן אויף איין פוס, און וועט אַרומזוכן דעם צווייטן זאָק... אָט, דענסטמאָל, זאָל ער אים כאַפּן און אים פאַרשליסן אין אַ באַזונדערן חדר און טאָן ווי ער האָט אים געהייסן, און אויב ער וועט אים נאָר אויסהיטן בלויז דעם איינעם טאָג, וועט דאָס קינד בלייבן לעבן און זיין געזונט...

די יאָרן האָבן זיך גערוקט און דאָס קינד איז אויסגעוואַקסן אַ געזונט, געראָטן אינגל, און דער פאָטער האָט שוין אין גאַנצן פאַרגעסן, וואָס דער רבי האָט אים געזאָגט, און אָט קומט דער טאָג פון זיין בר־מצוה און דער פאָטער גרייט זיך צו גיין מיטן אינגל אין שול אַריין, און דער פאָטער וועקט אים אויף, ס'איז שוין שפּעט, און דאָס אינגל דרייט זיך אַלץ אַרום אַ באָרוויסער, און דער פאָטער פרעגט אים, וואָס ער טוט זיך ניט אָן? איך קאָן ניט געפינען דעם צווייטן זאָק, רופט זיך אָן דאָס אינגל... ווי דער פאָטער דערהערט עס, ווערט ער אַ פאַרציטערטער, ער דערמאָנט זיך באַלד מיט אַלע איינצלהייטן, דעם רבינ'ס ווערטער... ער גייט צו צום אינגל, און קוקט זיך איין, און ריכטיג, ווי דער רבי האָט געזאָגט... גייט ער אָנגעטאָן ביידע זאָקן אויף איין פוס... ניט לאַנג געטראַכט, כאַפּט ער דאָס דערשראָקענע אינגל און פאַרשליסט אים

אין אַ באַזונדערן חדר, און טרעט ניט אָפּ פון אים אויף קיין מינוט...

דער טאָג איז געווען אַ הייסער און דאָס אינגל האָט זיך מיט טרערן אין די אויגן ביים פאָטער געבעטן אים צו לאָזן גיין מיט די אַנדערע קינדער זיך באָדן אין טייך... אויב ניט באָדן, זאָל ער אים כאָטש געבן איין טרונק וואַסער... אויב ניט קיין טרונק, איז כאָטש איין טראָפּן וואַסער צו באַנעצן די ליפּן...

דער פאָטער האָט דעם צעווילדעטן אינגל געבונדן הענט און פיס, און פון אים אויף קיין מינוט ניט אָפּגעטראָטן, און אים אַ גאַנצן טאָג געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ...

ביי זון־אונטערגאַנג, ווען די אינגלעך האָבן זיך געבאָדן אין טייך, האָבן זיי דייטלעך געזען, ווי צוויי לאַנגע הענט האָבן זיך פּלוצים אַרויסגעשטרעקט פון וואַסער, און אַ שרעקלעך קול האָט אויסגעשריגן „ווײ, ווײ, ניטאָ, ניטאָ, די זון זעצט זיך, שוין פאַר־פאַלן"... און דאָס אינגל איז געבליבן לעבן...

בערל האָט זיך געוואונדערט, וואָס עפּעס גראָד איצט איז אים געקומען אין זינען וועגן דער לעגענדע... „פיליכט וואָלט געווען בעסער צו בלייבן אין דער היים, הײנט ביי נאַכט?"... האָט זיך פאַר'גנב'עט אַ געדאַנק אין זיין קאָפּ, און דאָרט גענומען עגבערן אין מוח... עט נאַרישקייטן—האָט ער זיך אָנגערופן הויך אויפן קול...

די קאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים שיפּ־יאַרד און די אַרבע־טער האָבן זיך אַ שאָט געטאָן דורך די ברייט געעפנטע טויערן, און פאַרשלונגען געוואָרן אין דער פינצטערער נאַכט.

בערל איז די נאַכט געווען מער פאַרזיכטיק, ווי די גאַנצע צייט, וואָס ער אַרבעט אויף דער שיף. און היטנדיק זיך אַזוי, איז ער אַריין, מיט'ן שטערן אין אַ לייטער און זיך צעקלאַפּט דעם שטערן, אַ צווייטן מאָל האָט ער זיך צעקלאַפּט אַ פינגער, אַז בלוט האָט אַזש געשפּריצט פון אונטערן נאָגל... נאָר ווייטער, איז אַלעס גע־גאַנגען בשלום...

אַרום פיר אַזייגער פאַרטאָג, האָט ער זיך שוין געפילט מער זיכער, און פאַרגעסן, אַז ער האָט זיך פאַרגענומען די נאַכט זיך צו היטן מער ווי תמיד.

נאָך אַ צוויי שטונדן, און ער וועט שוין זיין גאַנצן פּטור ווערן פון דער אַרבעט, און קענען אַהיים גיין צו זיין פרוי און קינדערלעך.

פונם אויבערשטן דעק ביז אונטן אין מיטן פון דער שיף, האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער לייטער, דורך וועלכן די אַרבעטער האָבן געשלעפט אַרויף און אַרונטערגעגעבן.

בערל האָט היינט געאַרבעט אויף דעם נידעריגער פון אויבערשטן דעק; אום צו קענען דערגרייכן דעם לייטער, איז געלעגן אַ ברעט אויפן דיל פון דעק, און דער צווייטער עק פון ברעט איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף איין שטאַפּל פונם לייטער. צו גרייכן דעם לייטער אויף אַראָפּצוגיין, האָט מען געמוזט גיין אַ זעקס פוס אויפן שמאָלן ברעט.

בערלען האָט גראָד צוגעפּעלט שרויפן צו דער אַרבעט, און באַלאַנסירנדיק אויפן ברעט, ווי אַן אַקראָבאַט, האָט ער מיט זיכערע טריט דערלאַנגט צום לייטער, און אַרונטער טיף אונטן צוזאַמענקלייבן אַ שעפּעלע שרויפן... דאָס שפּאַנען אויף די לייטערס און רישטאָוואַניעס, איז ביי אים איצט געווען אַ קינדערשפּיל...

ווערענד דער צייט, וואָס ער האָט אונטן צוזאַמענגעקליבן די שרויפן, האָט מען דערווייל דאָ מיט דער הויב־מאַשין אַרויפדערלאַנגט אויף דעם אונטערשטן דעק אַן אייזערנע פּלייט, וועלכע איז מיט אַ שטאָלענע קייט געווען באַפעסטיגט צו דער ריזיקער אייזערנער האַנט פון דער הויב־מאַשין. דער מאַן פון דער הויב־מאַשין האָט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער געשיקטקייט באַלאַנסירט די האַנט פון דער הויב־מאַשין אַזוי קונציק, אַז די אייזערנע פּלייט, זאָל פּינקטלעך דערגרייכן דעם פּלאַץ, וואו זי דאַרף אַוועקגעלייגט צו ווערן... און באַלאַנסירנדיק אַזוי, אַהין און אַהער, האָט די פּלייט, צופעליק אָנגעשלאָגן אָן דעם ברעט און זי אָפּגערוקט פון לייטער, אַזוי, אַז זי איז געבליבן קוים אָנגעשפּאַרט מיט איין שפּיץ אָנם לייטער. בערל איז דערווייל אונטן פאַרטיק געוואָרן מיטן צוזאַמענקלייבן די שרויפן, און זיך צוריק געלאָזן מיטן לייטער אַרויף.

האַלטנדיק, אין איין האַנט, דאָס שעפּעלע שרויפן, האָט ער מיט דער צווייטער האַנט אָנגעהאַלטן דעם לייטער און געשיקט געקראָכן אַלץ העכער... און צו זיך אַליין געלאַכט, זיך דערמאָנענ־

דיק, ווי ער האָט זיך די ערשטע צייט געשראָקן, אַרויפצוגיין דעם לייטער...

אַזוי קלערנדיק, איז ער אַרויף גאַנץ אויבן ביז צום ברעט, און קוים האָט ער אַרויפגעשטעלט אַ פוס אויפן ברעט, ווי דאָס ברעט גיט זיך אַ שאָקל, אַהין און אַהער... „די לעצטע נאַכט" איז אים בליצשנעל אַ געדאַנק דורך, דורך זיין מוח... געווען בעדאַרפט צו פאָלגן די פרוי...

נאָר געדענקט האָט ער, אַז דאָס שעפעלע מיט די שרויפן טאָר ער פון האַנט ניט אַרויסלאָזן, ווייל טיף אונטן שטייען אַרבעטער...

און מיט דער פלינקקייט פון אַ קאַץ, האָט ער מיט איין האַנט אָנגעכאַפּט אַ שטאַפּל פונם לייטער און געבליבן הענגען אין דער לופט, איצט האָט ער מיט די פיס אַרומגעקלאַטערט דעם לייטער אַזוי ווי מיט צוואַנגען...

אַ קאַלטער שוויס האָט באַגאָסן זיין גאַנצן קערפּער, און ער האָט זיך געפילט אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט פון דער גרויסער אָנשטרענגונג. אָוועקשטעלנדיק זיך גוט אויפן לייטער, האָט ער אַריינגענומען דאָס שעפעלע שרויפן צווישן די פיס און דעם לייטער און מיט דער באַפרייטער האַנט צורעכט געמאַכט דאָס ברעט אויפן שטאַפּל פון לייטער, און אַוועק צו זיין פּאַרטנער, דערלאַנגען די שרויפן...

דאָס פייפל האָט גענומען בלאָזן, און בערל האָט דערפילט ווי אַ שווערער יאָך פאַלט אים אַראָפּ פון די פּלייצעס, ער האָט אַרויסגעלאָזן אַ פריילעכן געשריי... און זיך געלאָזן צום אָפּיס אָפּנעמען זיין וואָכנלוין...

בערל האָט געוואָרפן אַ לעצטן בליק אויפן שיפּ־יאַרד אַרויסגייענדיק פון טויער, און אים איז געווען אַזוי גוט אויפן האַרצן... זיין לעבן וואָס איז פון אים אַזוי גרינג געשעצט געוואָרן, האָט אויף איינמאָל געקראָגן אַ פיל גרעסערן ווערט...

אַזוי ווי איין צום טויט פאַראורטיילטער ווערט פּלוצים אין גאַנצן באַפרייט און אַרויסגעלאָזן פון געפענגניש. איז בערל אַ גליקלעכער אַוועק אַהיים, אָנצופאַנגען אַ ניי, שיין לעבן, „ביי שניידעריי"...

אַ ברודערל

שבת אין דער פרי, די לאָדן זיינען נאָך פאַרמאַכט, נאָר די זון שטופּט דורך אירע שטראַלן דורך די שפּאַרונעס פון די הילצערנע לאָדן, און לאָזט וויסן, אַז ס׳איז שוין טאָג.

טאַטע מאַמע ווילן נאָך שלאָפן, נאָר אשר׳ל האָט זיך אַ גאַנץ אַנדערן פּלאַן... ער קריכט שטילערהייט אַרויס פון דער מאַמעס בעט און גלייך אַריין צו יאָסעלען אין אייזערנעם בעטעלע...

יאָסעלע איז שוין אַ בחור׳ל פון אַ יאָר זעקס; און ביי אשר׳ל איז ער פאַררעכנט פאַר אַ גאַנצן כוואַט... אשר׳ל איז ערשט צוויי און אַ האַלב יאָר אַלט, און קען נאָך גאָרניט... נאָר יאָסעלע קען שוין אַלעס מאַכן. — פון דער ליפּ קען ער מאַכן אַ קאַרש, פון דער צונג קען ער מאַכן אַ מולטערל, דאָס גראָבע פינגערל קען ער אויסדרייען אין גאַנצן אויף צוריק אַזוי, אַז ס׳ווערט אַזש אַ גריבעלע... און וואָס קאָן ער ניט מאַכן? אַלעס קאָן יאָסעלע מאַכן... קריכט אשר׳ל אַריין צו יאָסעלען אין בעטעלע... יאָסעלע שלאָפט נאָך; דאָס רעכטע הענטעלע האַלט ער פאַרלייגט אונטערן קעפּעלע, פאַרטיפט אין אַ זיסן חלום. אשר׳ל האָט אַזוי שטאַרק ליב זיין גרויסן ברודערל, וואָס קאָן אַלעס מאַכן... ער נעמט אים אַרום מיט ביידע הענטעלעך און גיט אים אַ קוש אין פּנימ׳ל. יאָסעלע שאַרט מיטן הענטעלע אַוועק פונם פּנים, אַזוי ווי אַ פליג וואָלט דאָרט געשטאַנען... אשר׳ל האָט זיך צוגעוואוינט צו דער טונקלקייט, ער זעט גאַנץ דייטלעך, וואָס יאָסעלע טוט, און אים טוט שטאַרק הנאה וואָס ער קאָן טאָן מיט יאָסעלע וואָס ער וויל. ער גיט יאָסעלען אַ צי פאַר דער נאָז, יאָסעלע דרעט זיך אויס אויף אַ זייט און רייבט זיך די נאָז. אשר׳ל געפעלט די שפּיל; ער גיט אים אַ צי פאַר אַן אויער.

יאָסעלע כאַפּט זיך אויף, נעמט רייבן די אויגעלעך מיט ביידע הענטעלעך, זעצט זיך אויף און דערזעט אשר׳ל ביי זיך אין בעטעלע: ער דערמאָנט זיך, אַז ס׳איז שבת אין דער פרי, און אַז מען

בעדאַרף היינט ניט גיין אין חדר אריין לערנען... זיין הערצעלע ווערט אָנגעפּלט מיט פרייד, ער כאַפּט ארום אשר׳ל און קושט אים אָן א סוף... ווי שטאַרק ער האָט דאָס ליב, זיין קליין ברודערל... מיט די שענע רויטע בעקעלעך... פאַר יעדן פון זיינע חברים׳לעך אין חדר באַרימט ער זיך אַלץ מיט זיין אשר׳ל, קיינער האָט ניט אַזא שיין ברודערל ווי ער... יאָסעלע קריכט אַרונטער פון בעטעלע און העלפט אשר׳ל אַרונטערצוקריכן און שטילערהייט שלעפּן זיי אַרונטער דאָס בעטגעוואַנט אויפן דיל, און די שפּיל פאַנגט זיך אָן.

דאָס קישען איז די גרויסע שיף, זעצן זיי זיך אַרויף און ציען אַריבער דאָס ליילעך איבערן קאָפּ, און מ׳הויבט אָן צו פאָרען... קערט זיך איבער די שיף און ביידע פאַלן אום; קריכט אשר׳ל אַרויף אויף יאָסעלען און הויבט אָן צו רייטן אויף אים, וויאָ... הויבט יאָסעלע אָן צו הירזשען ווי א פערדל און קריכט צוריק אין שטאַל אַריין, און מיטן ליילעך צוגעדעקט... און די ריכטיקע שפּיל הויבט זיך אָן, און פון די קוויטשערייען מיטן הילעכדיקן געלעכטער, כאַפּן זיך טאַטע מאַמע אויף... „ווייסע חברה׳ניקעס", קרעכצט דער טאַטע האַלב פאַרשלאָפן, „טאָמער קען מען זיך כאָטש איין טאָג אין וואָך אויסרוען די ביינער, לאָזן זיי ניט די באַנדיטן"...

בלייבן חברה שטיל א ווילע, און טאַטע מאַמע שלאָפן ווידער איין. דערמאָנט זיך יאָסעלע, אַז מען האָט נאָך היינט ניט געמאַכט קיין ביידל, גראָד אַזוי ווי די ציגיינער, וועלכע זיינען דעם זומער אין שטעטל געווען... שטיל ווי די קעצעלעך נעמען חברה א בענקל, שלעפּן עס אַוועק צום בעטעלע, ציען אַריבער דאָס ליילעך, און דאָס ביידל איז שוין פערטיק... קוועלט אשר׳ל אָן פון יאָסעלע, ווי ער קאָן דאָס אַזוי אַלעס מאַכן... איצט זיינען זיי ביידע ציגיינערס און זיצן זיך אין ביידל. שטעלט זיך יאָסעלע אויפן קאָפּ און אשר׳ל לאַכט פון גאַנצן האַרצן. שטעלט זיך יאָסעלע א צווייטן מאָל אויפן קאָפּ און פאַלט מיט די פיסעלעך גלייך אשר׳ל אין פּנים אַריין, לאָזט אשר׳ל אַרויס א קוויטש און צעוויינט זיך אויפן קול... אוי, כאַפּט זיך די מאַמע אויף מיט א קרעכץ, ווײ איז הער מאַמען! וואָס איז געשען דעם קינד? קום אַהער קעצעלע מיינס, קום אַהער צו דער מאַמען... קריכט אשר׳ל צוריק אַריין צו דער מאַמען אין בעט

מיט א געוויין... מיר פארן קינד, וואס האט ער געטאן דעם קינד? וואס?... ציינט איר אשר'ל אן אויפן נעזעלע; זעט די מאמע ניט וואס ער ציינט איר, לעגט ער אוועק ס'קעפעלע אויף דער מאַמעס ברוסט און דערפילט זי א ווארעמע פליסיגקייט, רינט פון זיין נעזעלע אויף איר ברוסט... ווי איז דער מאמען, ער האט מיר דאך צעבלוטיגט דאס קינד... נתן ליב, אז דו וועסט עס שווייגן דעם גרויסן יונג, וועט זיך קערן וועלטן... דערהערט דער גרויסער יונג, אז ער האט צעבלוטיגט זיין ברודערל, פארקלעמט אים ביים הערצעלע און ער צעוויינט זיך אויפן קול... הערסט א שגץ שרייט די מאמע, ס'קומט אים נאך ארויסצוצאלן... ער האט מיר צעבלוטיגט ס'קינד און ער וויינט נאך... אוי ווי, קרעכצט דער טאטע, אויסשטרעקנדיק זיך אין בעט, — ווי עס זעט אויס, וועט מען זיך שוין מוזן אנטאן... ער גיסט אפ די שפיץ פינגער מיט די נעגלוואסער, וואס איז געשטאנען אנגעגרייט ביים בעט, און נעמט זיך אנטאן, פאריקט זיך יאסעלע אין א ווינקעל ביים אויוון און האלט אין איין כליפען, ניט אויס מורא פארן טאטן, ווייל דער טאטע שלאגט סיי ווי קיינמאל ניט, נאר ס'הערצעלע טוט אים ווי פאר זיין אשר'ל... גייט דער טאטע ארויס אין גאס, עפענען די לאדן. עפנט אויף דעם ערשטן לאדן, און א שטראם מיט גאלדענער ליכטיקייט גיט זיך אויף אמאל א גאס אין שטוב אריין, אז עס שטעכט אזש אין די אויגן... דערלאנגט די מאמע די קינדער פוטער־קוכן מיט מילך, דער טאטע איז מעביר די סדרה מיט א נגון... נעמט די מאמע אראפ פון פעקעליק א הייסע פלעשל קאווע און דערלאנגט דעם טאטן צו טרינקען. די מאמע זאגט, אז זי פילט היינט ניט מיט אלעמען און קען ניט גיין אין שול אריין דאוונען... דער טאטע טוט אן די שבת'דיקע בעקעשע מיטן שטריימל, נעמט יאסעלען פארן הענטעלע און לאזט זיך אין שול אריין. בלייבט אשר'ל אליין מיט דער מאמען אין דער היים, דריקט זי אשר'ל אזוי שטארק צום הארצן און די טרערן רינען איר פון די אויגן, די מאמע פארבייסט די ליפן און שטיקט אין זיך די טרערן.... וואס וויינסטו מאמעניו? פרעגט אשר'ל, גארניט קינד מיינס, ענטפערט די מאמע איך וויין ניט...

קרעכצט די מאַמע און קען ניט איינזיצן אויף אַן אָרט, הויבט אָן דאַוונען און הערט ווידער אויף, און דרייט זיך אַרום אין שטוב... פּלוצים לאָזט זי אַרויס אַ קוויטש... אשר׳ל דער־שרעקט זיך און הויבט אָן צו וויינען, ווײַן ניט קינד מיינס, נעמט אים איין די מאַמע, אַליין וויינענדיק...

דער טאַטע מיט יאָסעלען קומען צוריק פון שול, מאַכט דער טאַטע קידוש, און די מאַמע דערלאַנגט דאָס עסן צום טיש; פּלו־צים לאָזט זי אַרויס אַ טעלער פון האַנט, גיט אַ שרעקליכן קוויטש, און זעצט זיך אַוועק אויף אַ שטול. הויבט זיך דער טאַטע ראַפּ־טאָם אויף און לויפט צו גלייך צו דער מאַמען, — חנה׳ניו, גאָט איז מיט דיר! וואָס פעלט דיר, חנה׳ניו, — גאָרניט, ענטפערט די מאַמע... זי ווינקט זיך איבער מיטן טאַטן... אפשר לויפן נאָך דער... ניין, ניין, נתן לעבן, ס׳איז נאָך צייט...

— די מאַמע פריער אויך דיוויינט, רופט זיך אָפּ אשר׳ל... די מאַמע שמייכלט שוין ווידער, און גלעט אשר׳ל איבערן גאָלד־גע־לאָקטן קעפּעלע און קושט אים האַרציק, נתן לעבן, יאָסעלע וועט היינט דאַרפן שלאָפן ביי דער מומען שרה; און אשר׳ל וועט גיין מיטן באַהעלפערל אויפן שלאָס־פּלאַץ שפּאַצירן און פאַרנאַכט וועט ער אים נעמען אין חדר אריין צום רבין; ביי נאַכט אי״ה, וועסטו אים קומען אָפּנעמען אַהיים...

הערט זיך אשר׳ל צו אַלעם צו און צעוויינט זיך אויפן קול, — איך ווי ניש דיין צום רבין... שאַ, שאַ, קינד מיינס, זאָגט די מאַמע, נעכטן איז דאָ געווען אַ הולאַנער מיט אַ לאַנגען שווערט, און געזוכט אשר׳ל מיט יאָסעלען און זיי ביידן געוואָלט דער׳הרג׳־ענען און געזאָגט האָט ער, אַז ער וועט היינט קומען צוריק, דערפאַר וויל איך ניט, אַז ער זאָל אייך דאָ טרעפן... ער איז אַזאַ גרויסער, אַזאַ שלעכטער הולאַנער, און וויל נאָר הרג׳ענען קליינע קינדער־לעך...

הערט זיך אשר׳ל איין צו דער מאַמען, און הערט שוין אויף צו וויינען... אָ, די מאַמע איז אַזאַ קלוגע, זי ווייסט אַלעס, און קען נאָך אַזויפיל מעשה׳לעך דערציילן, אַזעלכע שיינע מעשה׳לעך, אַז אשר׳ל וואָלט ניט מיד געוואָרן צו זיצן אַזוי גאַנצע טעג און זיך

איינהערן צו דער מאַמעס מעשה'לעך... גלעט אים די מאַמע אויפֿן קעפּעלע און קושט אים אַזוי האַרציק און טרערן בלישטשען איר פֿון די אויגן... ווי ניש מאַמעניו, איך שוין דיין צו רבין...

זעצן זיך אַלע צוריק צום טיש און דער טאַטע הויבט אָן זינגען זמירות, און יאָסעלע מיט זיין שיין דין שטימעלע העלפֿט אונטער דעם טאַטן...

די מאַמע שיינט פֿון גליק הערנדיק דעם טאַטן מיט יאָסעלען זינגען... מיט דעם חיות לעבט זי אַ גאַנצע וואָך; וויל אשר'ל נאָכ־מאַכן יאָסעלען און העלפֿט אונטער, לאַ, לאַ, לאַ, די מאַמע קוועלט גאָר אָן און באַפּט אשר'ל קושן... אין מיטן דערינען, לאָזט זי אַרויס אַ האַרצרייסנדן קוויטש און לאָזט אשר'ל אַרויס פֿון די הענט...

לאָזט זי דער טאַטע מער ניט אָפּ, און זי מוז זיך אַריינלעגן אין בעט.

קומט דאָס אונטערבעהעלפֿערל צו נעמען יאָסעלען אויפֿן שפּאַ־ציר צום שלאָס־פּלאַץ; רופֿט אים די מאַמע צו צום בעט — הער־סטו לייזערל, וועסט היינט נעמען ביידע קינדער אויפֿן שפּאַציר, דערנאָך וועסטו יאָסעלען אָפּפֿירן צו דער מומען שרה'ן, אין דער שול־גאַס, און אשר'ל וועסטו נעמען צוריק אין חדר אַריין; און מיין מאַן זאָל לעבן, וועט קומען אויף דער נאַכט, אים אָפּנעמען אַהיים, — ווייסט דאָך, לייזערל... אַ גרויסער הולאַנער, מיט אַ לאַנגן שווערט וויל קומען די קינדערלעך הרג'ענען... נעם זיי, לייזערל, איך וועל דיך גוט באַלוינען. שמייכלט לייזערל גנבה'יש, און מאַכט צו ס'לינקע אויגל. — לייבוש לעבן, נעם זיי מוחל אין שאַפּע עפּעלעך מיט באַרעלעך און גיב די קינדער מיט אויפֿן וועג; און פֿאַר לייזערל אויך אַ ווייניק עפּעלע... קושט די קינדער נאָך און נאָך אַמאָל און וויל זיי גאָרניט אָפּלאָזן...

ברענגט לייזערל די קינדער אין חדר אַריין אויפֿן הויף. — שטעלט זיך אשר'ל פֿאַר די אַלע קינדערלעך, און האַלט זיך אָן פֿעסט אָן יאָסעלעס רעקל.—דאָס איז מיין ברודערל, אשר'ל, שטעלט אים יאָסעלע פֿאַר פֿאַר זיינע אַלע חברים. ווערן אַלע באַלד היימיש מיט אשר'ל און מ'נעמט זיך בייטן מיטן שבת־אויבס. דער בייט

אוים אַן עפּעלע אויף אַ באַרל, און יענער בייט ווידער אוים אַ באַרעלע אויף אַן עפּעלע מיט אַן אונגאַרישער פֿלוים...

דערציילט יאַסעלע זיינע חברים׳לעך, אַז אַ הולאַנער מיט אַ לאַנגן שווערט וויל אים מיט אשר׳ל היינט דער׳הרג׳ענען, נאָר זיי וועלן אים אַפּטאָן אויף טערקיש און וועלן היינט ניט אהיים קומען שלאָפֿן. ער פֿאַרשטייט אפילו ניט, וואָס הייסט אַפּטאָן אויף טערקיש, נאָר די מאַמע האָט עס אַליין געזאָגט... רופֿט זיך אָן הערשעלע דעם בעקערס, אַז אַ הולאַנער קען מען ניט אַפּטאָן אויף טערקיש, ווייל ער האָט אַ לאַנגן שווערט... נאָר יאַסעלע בלייבט ביי זיינעם, אַז די מאַמע האָט אַליין געזאָגט... און איז זיך שוין גרייט צו שלאָגן מיט הערשלען, ווייל ער זאָגט, אַז זיין מאַמע האָט געזאָגט אַ ליגן, נאָר לייזערל איז אָנגעקומען אין צייט, און זיי צערוסן.... יאַסעלע נעמט לייזערל פֿאַר אַן עדות, אַז דער הולאַנער דאַרף היינט קומען... און אַלע גלויבן אים שוין...

שטעלן זיך אַלע איינגעלעך אוים צו צוויי אין אַ רייע און מאַר־שירן אַוועק צום שלאָס־פּלאַץ; פֿון פֿאָרנט גייט דער אויבער־בעהעלפֿער, און לייזערל גייט נאָך פֿון הינטן, אכטונג געבנדיק, אַז קיינער זאָל ניט אַרוים פֿון דער ריי...

אויפֿן שלאָס־פּלאַץ זעצן זיך אַלע אינגלעך אוים אויפֿן גראָז און נעמען זיך צו די עפּעלעך מיט די באַרעלעך — קומט אָן דער גראַף, וואָס צו אים געהערט דער פּאַלאַץ מיטן גאַנצן גאָרטן מיט אַלעם אַרום... הייסט לייזערל אָפּהייבן די היטלעך פֿאַרן גראַף, שמייכלט דער גראַף צו די קינדער, און פֿאַרפֿירט אַ שמוס מיט מאַ־זעס דעם גביר׳ס אויף פּויליש. דער גראַף רייסט אַרוים אַ בלום פֿון דעם פֿאַרצוימטן בלומענגאָרטן, און דערלאַנגט עס מאָזעסן... מאָזעס גיט דעם גראַף אַ קוש אין האַנט; און דער גראַף אים אַ קניפּ אין בעקל... סוד׳ן זיך די קינדער, אַז גאָט וועט מאָזעסן שטראָפֿן, ווייל ער האַלט אַ בלום, וואָס איז אויסגעריסן געוואָרן אום שבת: און ווייל ער האָט געגעבן אַן ערל אַ קוש אין האַנט אין וועלכער ער האַלט חזר...

הערט אשר׳ל, וואָס די קינדער ריידן, און ס׳טוט אים ווי ס׳הערצעלע פֿאַר מאָזעס׳ן, וואָס גאָט וועט אים שטראָפֿן... אָ, וויפֿיל

מעשה'לעך האָט אים די מאַמע שוין דערציילט, ווי מען בראָט אין גיהנם...

אשר'ל האָט זיך פאַרגעשטעלט דעם גיהנם פאַר אַ גרויסן אויוון, אַ סך אַ גרעסערן אין וועלכן די מאַמע באַקט חלה אויף שבת. און אשר'ל שטעלט זיך פאָר, ווי מען וועט דאָרט מאַזעסן ברענען אין דעם גרויסן אויוון, און אשר'ל גלוסט זיך אַזש צו וויינען...

פירט לייזערל אָפּ די קינדער אהיים, און אשר'ל שלעפּט זיך אומעטום מיט, — טוען אים די פיסעלעך אַזוי ווי, מוז אים לייזערל טראָגן אויף די פּלייצעס, ווערט אַלעמאָל מיט אַ קינד ווינציגער, ביז לייזערל פירט אָפּ דאָס לעצטע קינד, און טראָגט אשר'ל אָפּ צוריק אין חדר...

אין חדר איז שוין האַלב טונקל, די זון האַלט שוין אין פאַרגיין, און די לעצטע שטראַלן שלאָגן זיך אָפּ מיט אַ גאָלדיגן קאָליר, אין איינעם פון די פענצטער, שוואַכער, שוואַכער, ביז דער גאָלדענער קאָליר פאַרשווינדט אין גאַנצן...

דער רבי זיצט אַליין ביים טיש, שאָקלט זיך און זינגט מיט אַ טרויריגן ניגון זמירות, אַז אשר'ל ווערט אַזוי מאָדנע אויפן האַרצן, און ער צעוויינט זיך. — וואָס וויינסטו אשר'ל? ווילסט שלאָפן, פרעגט אים דער רבי; — יאָ, ענטפערט אשר'ל, וואָרטשעט דער רבי — „אַן אָנשיקעניש אויף מיין קאָפּ". לייגט אַוועק אַ קישן אויפן באַנק־בעטל, לייגט אשר'ל אַוועק, און זשרייט אָן אויף אים, אַז מער זאָל ער ניט וויינען... שטיקט זיך אשר'ל מיט די טרערן און האַלט זיך איין ניט צו וויינען; נאָר ס'געלינגט אים ניט אין גאַנצן, לאָזט ער אַלעמאָל אַרויס אַזאַ פאַרשטיקטן זיפץ אונטער דער נאָז... האָט אשר'ל מורא אויפצוהאַלטן די אויגעלעך און עס ווילט זיך אים פאָרט זען וואָס דער רבי טוט... רוקט זיך די טונקלקייט אין חדר אַריין און פאַרנעמט דאָרט יעדעס ווינקעלע; — דער רבי זיצט ביים לאַנגן טיש, ביים פענצטער, שעפּטשעט עפּעס אין דער שטיל, און שאָקלט זיך רעגלמעסיק ווי דער אומרו פון וואַנטזייגער... אין חדר ווערט וואָס אמאָל פינצטערער; די פענצטער קוקן אוים ווי צוויי טונקעלע כמאַרעס, וועלכע זיינען פאָרט העלער

פון דער פינצטערניש אַרום. און ביי יעדן שאָקל וואָס דער רבי טוט זיך, פאַרשטעלט ער מיט זיין קערפּער אַט דאָס שטיקל גרויע טונקלקייט און ס'ווערט אין גאַנצן פינצטער אַ ווילע, ביז ער גיט זיך אַ שאָקל אויף צוריק... און אשר'ל האַלט אָפּן אַ קליין שפּעל־טעלע פון רעכטן אייגעלע און זעט דאָס אַלעס גאַנץ דייטלעך, און אים דאַכט זיך ווי איינער וואָלט זיך באַהאַלטן אונטערן פענצטער און כאַפּט אַלע ווילע אַ קוק אַריין אין חדר... האָט אשר'ל מורא, פאַרמאַכט ער דאָס שפּעלטעלע פון רעכטן אויגל און ס'ווערט אין גאַנצן פינצטער...

עפנט זיך פּלוצים אויף אַ פייערדיקער גיהנם, אַזש אַ שרעק אַ קוק צו טאָן... שטעכט עס אשר'ל אין די אויגעלעך, נאָר ער וויל פאָרט זען וואָס דאָרט קומט פאָר... קוקט ער זיך שטאַרק איין, זעט ער ווי צוויי לצים מיט פערדישע פיס פירן מאַזעס'ן צום גיהנם, און ווילן אים דאָרט אַריין וואַרפן אין גרויסן אויוון, לויפט אשר'ל צו צו די לצים און בעט פאַר מאַזעסן, אַז ער וועט שוין מער ניט נעמען קיין בלומען ביים גראַף, וואָס ער רייסט אים שבת... לאָזן די לצים אָפּ מאַזעסן און פליען אַוועק. קומט לייזער'ל מיט יאָסעלען, און מאַזעס דערציילט זיי, ווי אשר'ל האָט אים געראַטעוועט פון די לצים, — כאַפּן אים אַלע קושן... און מ'שלעפּט אַראָפּ ס'גאַנצע בעט־געוואַנט, און מ'נעמט זיך מאַכן אַ שיף מיט אַ ציגיינערישביידל... נאָר פון אַ ווינקל שיינט נאָך אַלץ דאָרט ס'גיהנם און שטעכט אין די אויגן...

פּלוצים עפנט זיך די טיר, און ס'קומט אַריינצולויפן דער הולאַנער מיטן לאַנגן שווערט... צעלויפן זיך אַלע, און אשר'ל בלייבט אַליין... פאַרריקט זיך אשר'ל אין אַ ווינקעלע און ציטערט פאַר שרעק... הערט ער דעם טאַטענס קול, נאָר ער זעט אים אין ערגעץ ניט... קומט דער הולאַנער צו, נאָענטער צו אשר'ל און שטרעקט שוין אויס די האַנט צו אים, ציט אַרויס זיין לאַנגן שווערט און כאַפּט אָן אשר'ל פאַר דער האַנט... הויבט אָן אשר'ל צו שרייען גאָרניט מיט זיין קול..." איך מער ניש זיין אַ שלעכט אינגעלע, איך שוין זיין אַ גוט אינגעלע... נאָר דער הולאַנער נעמט אים אָן פאַר ביידע הענט און וויל אים אויפהויבן, שרייט אשר'ל; — מאַמע...

מאַמע . . . געוואַלט מאַמע, קינד מיינס, גאָט איז מיט דיר! הערט אשר׳ל דעם טאַטנס קול. עפנט אשר׳ל די אויגן, זעט ער דער טאַטע שטייט איבערגעבויגן איבער אים און האַלט אים פאַר ביידע הענטעלעך, און ניט ווייט אויפן טיש אנטקעגן אים שטייט אַ קעראָסין לעמפּל, וואָס שיינט אים גלייך אין די אויגן אריין...

באַרואיקט זיך אשר׳ל, און דער טאַטע וויקלט אים איין מיט דער מאַמעס שאַל, ווינשט דעם רבי׳ן מיט דער רבי׳צין אַ גוטע וואָך נעמט אשר׳ל אויף די הענט און לאָזט זיך גיין אהיים... טראָגט אים דער טאַטע דורך פינצטערע געסלעך, האָט אשר׳ל מורא, און דריקט זיך צו פעסטער צום טאַטן: אַזאַ גרויסער טאַטע... גרע־סער פון רבי׳ן און גרעסער פון אַלע טאַטעס... און אשר׳ל איז שטאָלץ אויף זיין גרויסן טאַטן, און איצט ביים טאַטן אויף די הענט איז ער אַזוי גרויס ווי דער טאַטע. אוי, ווי גוט עס איז צו זיין אַזוי גרויס... דרייט זיך אשר׳ל צום טאַטנס פּנים און קושט אים אַזוי האַרציק...

אָט שטייען זיי שוין ביים הויז, דער טאַטע עפנט די טיר, אַ שטראָם מיט ליכטיקייט גיט אים אין די אויגן אַ בליאַסק, אַז אשר׳ל מוז אַזש די אויגן פאַרמאַכן, לאָזט זיך אשר׳ל אויסטאָן און אריינ־לייגן אין יאָסעלעס אייזערן בעטעלע... געוואוינט ער זיך צו דער ליכטיקייט, און עפנט ביסלעכווייז אויף די אויגן, זעט ער ווי אין הענגלייכטער ברענען אַלע ליכט, אַזוי ווי פרייטיק צו נאַכט. און אויפן טיש ברענט דער בליץ־לאָמפּ, וועלכן מען צינדט נאָר אָן ביי אַ געלעגענער צייט, ווען געסט קומען, אָדער צו אַ שמחה. כאַפּט ער אַ קוק אויף דער מאַמעס בעט, זעט ער ווי ס׳איז פאַרהאָנגען מיט אַ ליילעך — און אַ פרעמדע אידענע, דרייט זיך אַרום אין שטוב... קאָן עס אשר׳ל ניט פאַרשטיין... קוקט ער דורך די אייזערנע שטע־קעלעך פונם בעטעלע, פאַרשטעלט אים אָבער דער טיש, בייגט ער זיך אַביסעלע איין און קוקט אַדורך הינטערן טיש, זעט ער אַ שטיקל פון דער מאַמעס בעט, נאָר די מאַמע הערט ער גאָר ניט... הייבט אים ס׳הערצעלע אָן אַזוי שטאַרק צו קלאַפּן... ער דערמאָנט זיך אָן דעם הולאַנער, וואָס האָט באַדאַרפט אהער צו קומען...

און ער הערט גאָרניט די מאַמע, שאַ, שטיל, אַלע גייען אַרום

אויף די שפּיץ נעגל, אַזוי שטיל... קאָן עס אשר׳ל מער ניט אויס־האַלטן און צעוויינט זיך אויפן קול... מאַמע, מ־אַ־מ־ע... הערט ער דער מאַמעס קול אַזוי שוואַך, אַזוי שטיל, קוים וואָס מען הערט זי, — אשר׳ל, דערלאַנג מיר אַהער אשר׳ל... נעמט אים דער טאַטע אַרויס פון בעטל, און טראָגט אים צו, צו דער מאַמעס בעט, און בויגט אַוועק דאָס ליילעך פון בעט, דערזעט אשר׳ל די מאַמע, אַזאַ בלאַסע מיט אַ ווייס הייבעלע אויפן קאָפּ, און נעבן איר ליגט אַ פּעקל אַרומגעוויקלט אַזויפיל מאָל מיט אַ שנור... שטרעקט אשר׳ל אויס די הענטעלעך צו דער מאַמען און וויל זי זאָל אים נעמען... צעוויינט זיך דאָס פּעקל, וואָס נעבן דער מאַמען מיט אַזאַ דין קוויטשעדיק קול׳כל... שווייגט אשר׳ל און הערט זיך איין צום קוויטשעדיקן פּעקל...

קומט צו די פרעמדע אידענע, און נעמט ס׳פּעקל אויף די הענט, נעמט אַראָפּ דאָס טיכעלע פון אויבערשטן שפּיץ... דערזעט אשר׳ל אַ רויט פּנים׳ל, ווי אַ שטיק בלוט, זאָגט אים די אידענע, אַז דאָס איז זיין ברודערל... הערט ער אויף צו וויינען און בייגט זיך איין, אַ קוש טאָן זיין ברודערל — לאָזט אים די פרעמדע אידענע ניט. בעט די מאַמע פאַר אים, מען זאָל אים לאָזן אַ קוש טאָן... איז דעם ברודערלס פּנים׳ל אַזוי ווייך ווי סאַמעט, — אַזוי גוט אַ קוש צו טאָן... ווערט אשר׳ל אַזוי גוט אויפן הערצעלע... האָט מען שוין דעם קינד געגעבן עפּעס עסן? הערט ער ווי די מאַמע פרעגט. — איך הונדעליק, איך ניט דערעסן, ענטפערט אשר׳ל... אַ ווייטיק דער מאַמען, ס׳קינד האָט גאָרניט אין מויל געהאַט אַ גאַנצן טאָג, ברעכט די מאַמע די הענט... זייט אַזוי גוט, בעט זיך די מאַמע מיט אַ שוואַך קול ביי דער אידענע, קאָכט אָפּ פאַר אשר׳ל אַביסעלע גרייפּעלעך מיט פּוטער... ווי איז מיר, זיפצט די מאַמע; אַז די מאַמע ליגט אין קינפּעט, דאַרף שוין ס׳קינד ניט עסן... עסט אשר׳ל אָפּ די גרייפּעלעך מיט פּוטער, און פאַרטרינקט אַ גלעזל מילך, לייגט אים דער טאַטע שלאָפן. — חלום׳ט אשר׳ל פון זיין פּיצעלע ברודערל מיט די טייערע סאַמעטענע בעקעלעך... און אשר׳ל מאַכט פאַר אים אַ ציגיינעריש ביידל מיט אַ שיפעלע, און קאָן זיך ניט זאַט אָנקושן זיין טייער ברודערל, מיט די סאַמעטענע בעקעלעך...

דער שטומער רעדנער

זונטיק אָוונט, זיינען זיך די קינדער פון שול צוזאַמענגעקומען אויף צו מאַכן די לעצטע פּראָבע — דאָס האָבן זיך די קינדער צוגעגרייט פאַרן קאָנצערט, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען קומענדיקן שבת.

דער געזאַנגס־לערער האָט איבערגעזונגען מיט די קינדער עטלעכע לידער, און זיי געגעבן אינסטרוקציעס, ווי זיך צו האַלטן ביים קאָנצערט.

אין דרויסן איז געווען אַ ביטערע קעלט, און די מייסטע עלטערן פון די קינדער זיינען מיטגעקומען מיט די קינדער אין שול, אַכטונגגעבנדיק אַז די קינדערלעך זאָלן זיך ניט צוקילן.

אין זאַל איז געווען וואַרעם, און ווייסנדיק ווי קאַלט ס'איז אין דרויסן, האָבן זיך די קינדער געפילט גאָר יום־טוב'דיק.

נאָך דער רעפּעטיציע זיינען די עלטערן פון די קינדער נאָך אַלץ געשטאַנען, צו צוויי, צו דריי, און געשמועסט פון פאַרשיידענע זאַכן...

איינער פון די קינדער איז צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ און גענומען שפּילן, די אַנדערע קינדער האָבן גענומען טאַנצן פאַרשיידענע טענץ, וואָס זיי האָבן געלערנט אין שול.

צי וואָס שטיין אין באַזונדערע ווינקלעך? האָט איינער באַמערקט, מיר קענען בעסער אַלע פאַרברענגען צוזאַמען ביי אַ גלעזל טיי...

דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן אינם קליינעם זאַל, איינער האָט צוגעשטעלט אַ טשייניק וואַסער, אַ צווייטער האָט אַרויסגענומען פון אַלמער טיי און צוקער וואָס ס'איז פאַרבליבן פון לעצטן באַנקעט, אַ דריטער איז אַרונטער געלאָפן איינקויפן אַביסל געבעקס און נאַשעריי פאַר די קינדער, און איידער וואָס ווען, זיינען אַלע געזעסן ביים טיש און געטרונקען טיי און זיך געפילט אין אַ יום־טוב'דיקער שטימונג.

דאָס אַלעס איז געשען אַזוי ספּאָנטאַן אומגעריכט, אַז יעדער

האָט זיך דערפאַר געפילט אין גאַנצן פריי, ווי ביי זיך אין דער היים...

א קליין פּוכקע מיידעלע, מיט א געטאַקט פּנימל, און צוויי גרויסע אויגן, וועלכע פילן אייך אָן מיט פרייד, ווען זיי גיבן א קוק אויף אייך, האָט זיך געטוליעט צו איר פאָטער.

זי איז געווען די בעסטע דעקלאַמאַטאָרין פון דער דראַמאַטישער סעקציע, וואָס דער לערער האָט איינגעפירט אין שול.

אָנו, איידעלע, דעקלאַמיר פאַר אונדז דעם זיידנס טאַבאַק־פּושקעלע, האָבן זיך אייניקע גענומען בעטן ביי איר. איידעלע האָט זיך לאַנג ניט געלאָזן בעטן און אוועקשטעלנדיק זיך אין א דראַמאַטישער פּאָזע, האָט זי אָנגעפאַנגען דעקלאַמירן, כאָטש די מייסטע האָבן זי שוין געהערט דאָס זעלבע דעקלאַמירן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, האָט מען זי גראָד געבעטן, דאָס ליד דעקלאַמירן.

עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אין יעדן מאָל וואָס זי דעקלאַמירט עס, גיט זי אריין א נייַ לעבן אין דעם ליד...

און ווען זי האָט נאָכגעמאַכט דעם זיידנס דיקע שטימע, האָט מען פאַרגעסן, אַז דאָ שטייט א קליין מיידעלע... עס האָט זיך אויסגעוויזן, ווי דער זיידע וואָלט גערעדט... נאָר באַלד בייט זיך די שטימע אויף א דין קוויטשעדיק שטימעלע און נעמט זיך פּיעסטשן, די טאַבאַק איז איר אריין אין די אויגן, „אוי ביטער אין די אויגן, ביטער, דאָ אין נאָז", העפּטשי, העפּטשי, און עס דאַכט זיך, אַז דאָס ניסט זי טאַקע אויף אַן אמת...

דער עולם האָט לאַנג אַפּלאָדירט, און אָנגעקוואָלן, ווי ווען זיי וואָלטן עס ערשטן צום ערשטן מאָל געהערט.

איין פאַרוואַלטערין פון דער שול, א היימישע בונדיסטקע, וועלכע האָט נאָך מיידלווייז פאַרזוכט דעם טעם פון א רוסישער טורמע, האָט זיך גענומען זינגען א פרייהייטס־ליד, און אַלע האָבן אונטערגעכאַפּט און מיטגעזונגען.

איצט האָט אַן אַנדער מיידעלע מיט צוויי שוואַרצע קלוגע אויגן פון א דערוואַקסענעם גענומען לייענען „די צוויי גזלנים". געלייענט האָט זי עס מיט געפיל, אַלע האָבן זיך אַזוי פאַרטיפט אין דעם, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט זעט מען טאַקע דעם

וואַלד, אַט דאָרט זיינען די גזלנים, דער ווינט בלאָזט און ווילד בייזערט זיך דער שטורם... און אַט הערט זיך אַ קינדיש געוויין, אוי, מאַמע איך בין פאַרבלאָנדזשעט.

אַלע זיינען געווען שטיל, אַז מען וואָלט געקאָנט הערן אַ פליג דורכפליען. די ערנסטקייט מיט וועלכער זי האָט געלייענט, האָט אַלעמען אַוועקגעריסן פונם ווירקלעכן לעבן, ערגעץ ווייט, ווייט אַוועק אין אַ וואַלד, וואו עס פרייען זיך צוויי גזלנים, ווייל אַ קינד האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט...

ווען זי האָט געענדיקט, האָט מען איר לאַנג אַפּלאָדירט...

אין דרויסן איז אַלץ קאַלטער און קאַלטער געוואָרן; דאָס האָט מען געקאָנט זען פון די שיינע בוימעלעך וואָס דער פראָסט האָט דורך דער צייט אויף די פענצטער־שויבן אָנגעמאָלן... און גע־דאַכט האָט זיך, אַז די שייניקע בוימעלעך, וועלכע זיינען פּלוצים אויסגעוואַקסן, שיינען אַריין, און פרייען זיך צוזאַמען מיט די על־טערן און זייערע קינדערלעך.

צווישן די פאַרזאַמלטע קינדערלעך, האָט זיך געפונען אַ טויב־שטום אינגעלע, וועמענס עלטערער ברודער און שוועסטער זיינען געווען שילער אין דער שול. ער האָט די גאַנצע צייט געקוקט אַרום זיך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, יעדן קינד געקוקט גלייך אין מויל אַריין, כאָטש ניט פאַרשטייענדיק קיין וואָרט, וואָס די קינדער האָבן דעקלאַמירט, און ניט הערנדיק קיין וואָרט וואָס די קינדער האָבן פאָרגעלייענט, איז ער דאָך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער גאַנצער אַטמאָספערע, און זיינע קלוגע אויגעלעך גליטשנדיק זיך פון איין קינד צום צווייטן, האָבן געשיינט פון גליק...

איצט איז געקומען די רייע אויף אַן אַנדער מיידעלע צו דעק־לאַמירן, אַ שוואַרץ חן'עוודיק מיידעלע, מיט פעך־שוואַרצע אויגן און האָר, האָט זיך אויפגעשטעלט גרייט אָנצופאַנגען; אַז פּלוצים שטעלט זיך אויף דאָס טויב־שטומע אינגעלע און גיט אַ מאַך מיטן הענטעלע צום מיידעלע, אַז זי זאָל זיך אַוועקזעצן... און אָנווייזנדיק אויף זיך, אַז ער וויל אויך עפּעס זאָגן, האָט ער אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע ביז אַלע האָבן זיך אַוועקגעזעצט, דאַן האָט ער אָנגעהויבן צו דעקלאַמירן אויף זיין שטייגער... אַ—באַ— אַ—אַ—באַ—באַ...

זיין פּנים׳ל האָט בשעת מעשה געשיינט פון גליק און צופרידנקייט. ער האָט זיכער געמיינט, אַז אַלע פאַרשטייען אים וואָס ער רעדט, וואָס ער דעקלאַמירט, און מען איז אים פון שטאַרק צופרידן... אַלע האָבן אים אַפּלאָדירט, אַזוי ווי מען וואָלט זיך געוועזן אָפּגעַרעדט פון פריער...

מען האָט געקאָנט זען אויף זיין פּנים׳ל, ווי גליקלעך ער איז, וואָס מען האָט אים אויסגעהערט...

אויף יעדן פון די אַנוועזנדע האָט עס געהאַט פונקט אַ פאַרקערטע ווירקונג... דער פאָטער פון קינד האָט זיך ניט געקאָנט מער איינהאַלטן, ער האָט אויסגעשאָסן אַ פאַרשטיקט געוויין און אַרויסגעלאָפן פון זאַל...

די שטימונג איז אויף אַמאָל געוואָרן אַ געביטענע... געפילט האָט מען ווי אַ בר־מנן וואָלט זיך געפונען אין זאַל און עס וואָלט ניט געפּאַסט צו ציינן איצט אַ פריילעך פּנים.

דאָס טויב־שטומע אינגעלע, האָט איצט אַ מאָך געטאָן צום מיידעלע מיט דער האַנט, אַז איצט קאָן זי ווייטער דעקלאַמירן... זי האָט זיך ווידער אויפגעשטעלט און אָנגעפאַנגען צו דעקלאַמירן; נאָר באַלד נאָך דער ערשטער סטראָפע האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע, און געזאָגט: „איך קען ניט מער, מיין האַרץ טוט מיר אַזוי וויי" און זיך שיער ניט צעוויינט...

אויף גיך האָט מען אויפגערוימט די גלעזער, און אַלע אַנדערע זאַכן; אָנגעטאָן די מאַנטלען, און אַרויס אין גאַס, שטיל, רואיק, אָן איבעריקע ווערטער.

אין דרויסן האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט און געמאַכט יעדן ציטערן פון קעלט... גרופּנווייז האָט מען גענומען אהיימגיין — אין פאַרשיידענע ריכטונגען, יעדער אין זיינע טרויעריקע מחשבות פאַרטראַכט...

אַן ערשטער מאַי

דעם ערשטן מאַי אין דער פרי, איז גרינבלאַט אויפגעשטאַנען פריילעך און מונטער, אַרויסקוקנדיק אין גאַס, האָט ער דערזען ווי די זון שיינט אַזוי שיין און לויטער, פון קיינע כמאַרעלעך פאַר־שטעלט. און אַ פרייד האָט אַרומגעכאַפּט זיין גאַנצעס וועזן, אים וואָלט זיך הויך וועלן אויפשרייען אויפן קול פאַר פרייד... עפּעס אַזוי אַרומכאַפּן די גאַנצע וועלט און קושן, קושן, אָן אַן אויפהער...

דעם גאַנצן מאָנאַט אַפּריל האָט עס גערעגנט, און גערעגנט אָן אַן אויפהער... קיין איין טאָג איז ניט דורכגעגאַנגען, אָן אַ רעגן. —פע! אים האָט זיך שוין דערעסן דער רעגן, און היינט דער ערשטער מאַי, אַזוי שיין, אַזוי לויטער דער הימל: אַזוי דורכזיכטיג בלוי, אַזוי ווי ער וואָלט זיך ל׳כבוד יום טוב אַ נייע קלייד אָנ־געטאָן...

גרינבלאַט איז שנעל אַרונטער אין גאַס, און זיך געלאָזן גיין מיט שנעלע טריט צו דער אַרבעטער׳ס קינדער־שול, אין וועלכער ער איז געווען אַ טעטיקער מיטגליד... ביים לעצטן מיטינג פון דער שול פאַרוואַלטונג איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן אַ שטיקל יום־טוב, פאַר די קינדער פון שול, פאַר דעם ערשטן מאַי: זיי דער־קלערן די באַדייטונג פון ערשטן מאַי, איינקויפן פאַר זיי אַביסל נאַשעריי און פאַרברענגען אַן אַנגענעמען טאָג מיט די קינדערלעך...

גרינבלאַט איז געווען איבערגעגעבן דער שול־באַוועגונג מיט לייב און לעבן. די שול איז געווען זיין אידעאַל, פאַר וועלכער ער איז געווען גרייט אַוועקצוגעבן זיין גאַנצע פרייע צייט און ענערגיע...

וואָס פאַר אַ ווערדע האָט אונזער גאַנצע אַרבייט פאַר דעם וואוילזיין פון דער מענטשהייט (האָט ער אַריינגעקנעלט מיט זיינע פריינט, וועלכע ער האָט געוואָלט געווינען אויף דער זייט פון דער שול־באַוועגונג), אויב מיר לאָזן ניט איבער נאָך זיך אַ דור, וועלכע זאָל זיין שענער און בעסער פאַר אונדז.. אַ דור וועלכער וועט פּי־לייכט דערגרייכן דאָס, צו וועלכן מיר האָבן אונדזער גאַנצן לעבן געשטרעבט...

גרינבלאַט האָט גענומען גיין האַסטיקער אין דער ריכטונג פון דער שול... אים וואָלט זיך וועלן זיין וואָס שנעלער דאָרטן אין שול און צוגרייטן אַלעם פאַר די קינדערלעך... ער האָט זיך פאַרגענומען, אַז באַלד נאָכדעם, וואָס דער לערער וועט ענדיקן די לעקציע מיט די קינדער און זיי דערקלערן די באַדייטונג פון דעם ערשטן מאַי... דאַן זאָל ער אויך נעמען אַ וואָרט, און ריידן צו די קינדערלעך, און אין זיין רעדע אַריינלייגן זיין גאַנצע נשמה... זיי דערקלערן, ווי שיין און הערלעך אונדזער גאַנצע וועלט וואָלט געקאָנט זיין ווען די מענטשן וואָלטן עס נאָר וועלן... מיינע ליבע קינדערלעך, האָט איר אַ ביישפּיל פון אַמעריקאַ... דאָ, אין אַמעריקאַ איז דאָך פאַראַן פון אַלעם גוטן און פון אַלעם איז פאַראַן צופיל... און דאָך ליבע קינדערלעך, קאָנט איר זען, ווי טויזנטער און טויזנטער מענטשן ליידן הונגער און קעלט... און אַנדערע האָבן ניט וואו צו וואוינען... אין צייט ווען ס'איז פאַראַן אַזויפיל הייזער וואָס שטייען ליידיק... און אַט יענע מענטשן וואָלטן דאָך קענען דאָרטן וואוינען ווען מען וואָלט זיי נאָר לאָזן... נאָר מען לאָזט ניט...

ליבע קינדערלעך, ווען איר וועט אויסוואַקסן און וועט ווערן גרויסע מענטשן, וויל איך, אַז איר זאָלט דאָס אַלעם געדענקען.. און העלפן אַרבעטן פאַר דעם, אַז אַט די איבלען אין אונדזער געזעלשאַפט זאָלן מער ניט עקזיסטירן...

אַזוי קלערנדיק, וואָס ער וועט היינט ריידן צו די קינדער, איז גרינבלאַט צוגעקומען צו דער שול: אויפגעשלאָסן די טיר און אַריינקומענדיק אין שול, האָט ער ברייט געעפנט די פענצטער און די פרישע לופט פון נאָענטן פאַרק, האָט גענומען אַריינשטראָמען אין קלאַס צימער.

גרינבלאַט האָט טיף איינגעאָטעמט די פרישע לופט. און זיך אוועקגעשטעלט ביים פענצטער מיטן פּנים צום פאַרק, פון וואַנען מען האָט געקאָנט הערן דאָס טשווישטשענדיקע געזאַנג פון די פייגעלעך... ס'איז עפּעס היינט אַלעם אַזוי גוט... דאַכט זיך די פייגעלעך זינגען היינט אויך שענער ווי אַלע מאָל...

גרינבלאַט האָט זיך גענומען צוגרייטן בריוו, אַרויסצושיקן צו די עלטערן פון די קינדער, און די אַרבעט איז אים געגאַנגען

אַזוי שנעל פון דער האַנט, אַז ס׳איז פּשוט געווען אַ פאַרגניגן צו קוקן...

פאַרטיפט אין דער אַרבעט האָט גרינבלאַט גאַרניט באַמערקט ווי די טיר האָט זיך געעפנט און אויפהויבנדיק דעם קאָפּ, האָט ער דערזען אַ מאַן שטיין אין טיר.

גרינבלאַט האָט זיך אויפגעשטעלט און אים באַגריסט און געפרעגט, „וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך?״

דער מאַן האָט זיך ווי פאַרלוירן און געענטפערט מיט אַ פראַגע, „ווי אַזוי רופט מען אייך?״ — מיין נאָמען איז גרינבלאַט; איר ווילט פּילייכט פאַרשרייבן אייער קינד אין שול? פון „וואָס פאַר אַ שטאָט קומט איר״, האָט דער מאַן ווייטער גענומען פרעגן, ניט ענטפערנדיק גרינבלאַט׳ס פראַגע... איך קום פון דער שטאָט ב... האָט אים גרינבלאַט געענטפערט, ניט פאַרשטייענדיק, צי וואָס ער דאַרף עס וויסן.

פון ב... קומט איר? האָט דער מאַן מיט שמחה איבערגעפרעגט: — קאָנט איר מיך? האָט ער ווייטער געפרעגט; און ניט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער האָט ער גענומען ווייטער פרעגן, דו געדענקסט דעם זיידן, חיים ישראל?...

יאָ, נאַטירלעך, האָב איך געקאָנט דעם זיידן, האָט גרינבלאַט געענטפערט נאָך אַלץ ניט פאַרשטייענדיק וועגן וואָס ער פרעגט דאָס אַלעס אַזוי...

דער זיידע האָט געהאַט אַ שוועסטער: האָט דער מאַן ווייטער גערעדט. זי האָט געהייסן פייגע. האָסטו געהערט פון איר? ניין, האָט גרינבלאַט געענטפערט, איך האָב קיינמאָל ניט געהערט פון איר איך האָב גאָר קיין מאָל ניט געוואוסט, צי דער זיידע האָט געהאַט אַ שוועסטער מיט׳ן נאָמען פייגע...

יאָ, דער זיידע האָט געהאַט אַ שוועסטער פייגע, וועלכע איז געווען מיין באָבע.

— אַזוי? האָט זיך גרינבלאַט געוואונדערט, אים אויסשטרעקנדיק זיין האַנט. — טאָ, וואָס מאַכט איר עפּעס? ס׳הייסט, וואָס מאַכסטו עפּעס? שוין לאַנג אין לאַנד? ניין, איך בין ערשט איינינע יאָר דאָ אין לאַנד. איך בין געווען אַ וועבער ביי

סילק אין פּעטערסאָן, ניו דזשוירזי: נאָר איצט איז די צייט זייער שלעכט, מען קען קיין לעבן ניט מאַכן דאַביי. אין דער אַלטער היים האָב איך געהאַט אַ שענקל. ווייסט דאָך ביז צו דער חתונה געלערנט... און דערנאָך געגעסן קעסט ביים שווער און שוויגער, און שפּעטער אַריבער אויף אייגענע קעסט, געעפנט אַ שענקל און ס'איז אַוועק ניט קשה'דיק, נאָר אָט איז אָנגעקומען די מלחמה און אַלעס אַוועקגע'הרג'עט... איך בין אַוועק אין אַמעריקאַ און די פאַמיליע געלאָזן אין דער היים... איך בין שוין אַמאָל דאָ געווען, אין שול, מיט אַ צוויי וואָכן צוריק, נאָר איך האָב דיך ניט געטראָפן... ווייסט דאָך, אַזוי ווי איך האָב געהאַט אַ שענקל אין דער היים, קאָן איך אויך זיין אַ וויטער... כ'האָב געאַרבעט אויף איין פּלאַץ אַ נאָך־מיטאָג, האָב איך געמאַכט אַכט דאָלאַר אין טיפּס אַליין... איז דאָך גוט, האַ? מוז מען אָבער באַלאַנגען אין דער יוניאָן... און אַריינ־גיין אין דער יוניאָן קאָסט 25 דאָלאַר... שרעק זיך ניט איבער, מיין ניט, אַז איך בין געקומען בעטן ביי דיר עפּעס געלט... עס מאַכט ניט אויס, האָט אים גרינבלאַט פאַרזיכערט: מיר זיינען דאָך עפּעס מענטשן, אויב איר דאַרפט עפּעס געלט, דאַרפט איר זיך גאָרניט שעמען...

פאַרשטעסט? איך האָב 22 דאָלאַר און אויף אַרויסצונעמען אַ ביכל אין דער יוניאָן פעלט מיר נאָך דריי דאָלאַר...

גרינבלאַט האָט אים דערלאַנגט אַ צען דאָלאַרדיקן באַנקנאָט,

— נאַדיר צען דאָלאַר, וועסטו קענען איינצאָלן אין דער יוניאָן, און דאָס איבעריגע פאַר דיר ביז דו וועסט אָנהויבן צו פאַרדינען... קוים האָט ער אויסגערעדט די עטלעכע ווערטער, ווי דער מאַן האָט זיך פּלוצים איינגעבויגן, אָנגעכאַפּט זיין האַנט און זי גענומען קושן... דו האָסט מיר איצט זייער פיל אַרויסגעהאָלפן: האָט ער ווי צו זיך אַליין געשטאַמלט... פאַר גרינבלאַטן איז עס אין גאַנצן געווען אומערוואַרטעט, עס האָט אים פאַרדריקט ביים האַרצן... וואָס הייסט? — וואָס קומסטו ניט אַמאָל אַריבער, אויב די נוי־טיקסט זיך אין געלט?... האָט ער צו אים גענומען טענה'ן, קוים קענענדיק איינהאַלטן די טרערן, וועלכע האָבן זיך גענומען גיסן פון די אויגן. — וואָס האַלסטו זיך אַזוי פון וויטן? וואָס קומסטו

ניט אַמאָל אַרויף צו מיר אין הויז אַריין? איך וואוין אָט דאָ, ניט ווייט... שאַ! אפשר וועסטו גאָר אַריבערקומען פאַר מיטאָג צו מיר מיין פרוי וועט זיך זייער פרייען, — ניין איך קאָן איצט ניט, איך מוז צולויפן אין דער יוניאָן, וועגן דעם ביכל... אויב דו קאָנסט איצט ניט דאַן קום היינט אַריבער, פאַר סאַפּער צו מיר, האָט זיך גרינבלאַט ביי אים גענומען בעטן...

און פאַרשרייבנדיק זיין אַדרעסע אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, האָט ער אים גענומען דערקלערן, זעסט וועט דו גיין אַרונטער פון דאַנען, דאַן פאַרנעמסטו זיך רעכטס און גייסט אין גאַנצן אַ פיר בלאָק דאָס אַלעס... פאַרגעס זשע ניט צו קומען, היינט ביי נאַכט, איך וועל וואַרטן פאַר דיר מיט דעם סאַפּער...

— אָל־רייט, איך וועל אַריבערקומען, היינט ביי נאַכט, האָט אים דער מאַן געענטפערט. און אים אויסשטרעקנדיק די האַנט, האָט ער אין איילעניש געזאָגט גוד ביי, און זיך געלאָזן צום טיר. גרינבלאַט האָט אים באַגלייט ביז צום טיר און אים נאָכגעשריגן, פאַרגעס זשע ניט, צו קומען, איך וועל וואַרטן פאַר אייך מיטן סאַפּער... אָל־רייט, איך וועל זיכער קומען, האָט אים דער מאַן שוין פון די שטיגן געענטפערט... גרינבלאַט איז צוריק אַריין אין קלאָס־צימער און זיך ווייטער גענומען צו דער אַרבעט, וועלנדיק זי פאַר־ענדיקן, נאָך בעפאָר די קינדער קומען אָן.

נאָר די אַרבעט איז ניט געגאַנגען פון האַנט... ווי אַ מענטש קאָן זיך אַזוי פאַרגעסן, צוליב אַ פּאָר דאָלאַר, וואָס מען קריגט, ווען מען נויטיקט זיך אין זיי, פאַרגעסט מען זיך אַזוי, אַז מען כאַפּט יענעמס האַנט קושן... ווי שטאַרק יענער האָט זיך געמוזט נויטיקן אין דעם געלט?... זייענדיק אַליין האָט ער מער ניט צוריקגעהאַלטן די טרערן און זיי געלאָזן רינען פריי... עס איז אים געוואָרן לייכטער אויפן האַרצן, אַך, ווי גוט עס איז, ווען מען קאָן יענעם העלפן, ווען יענער איז אין נויט!...

אַהיימגעקומען, האָט ער באַלד דערציילט זיין פרוי, אַז ער האָט אָנגעטראָפן אַ קאָזין, און אים פאַרבעטן, היינט אָוונט, פאַר נאַכטמאָל. ער האָט געבעטן זיין פרוי, אָנצוגרייטן אַ גוטן וועט־שערע, אַזוי פון אַלעם גוטן...

ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי פיין זיי וועלן פאַרברענגען... ווי פיל זיי וועלן זיך האָבן צו דערציילן איינער דעם צווייטן פון זייער לעבענס־ערפאַרונג, ווי אינטערעסאַנט, דאָס וועט אַלעס זיין?...

די קינדער האָט ער דערציילט, אַז היינט אָוונט, וועט קומען אַ קאָזין פאַר סאַפּער... און זיי געבעטן זיך צו פאַרהאַלטן שיין ביים טיש און זיך ניט אַרומרייסן, איינער מיט דעם צווייטן...

עס איז געקומען אָוונט, האָט פרוי גרינבלאַט געגרייט צום טיש, אַלעס אויסגעשטעלט אַזוי שיין אויפן טיש, אַז מען האָט גע־קאָנט קריגן אַפּעטיט קוקנדיק דערויף... ס׳איז אַוועק אַ האַלבע שטונדע, אַ שטונדע, די קינדער זיינען געוואָרן הונגעריק, און גע־מאָנט עסן... גרינבלאַט האָט זיי געבעטן, וואַרטן אַווײַלע: אָט באַלד וועט קומען דער קאָזין, וועט מען באַלד אַלע צוזאַמען עסן סאַפּער...

די קינדער זיינען וואָס אַמאָל, אַלץ הונגעריקער געוואָרן און זיך גענומען אַרומרייסן און שלאָגן... זעענדיק ווי די קינדער ווערן אַלץ אומרואיקער, האָט מען זיי געגעבן אָפּצועסן און זיי געלעגט שלאָפן...

ס׳איז שוין געווען גאַנץ שפּעטלעך, און גרינבלאַט האָט נאָך אַלץ געוואַרט אויף זיין גאַסט... וואָס קען דאָס זיין, וואָס ער איז נאָך ביז איצט ניט געקומען? האָט זיך גרינבלאַט געוואונדערט;

— ער האָט וואַרשיינלעך באַקומען אַרבעט אַלס וויטער היינט ביי נאַכט, דער פאַר קען ער ניט קומען, האָט ער ווי צו זיך אַליין גע־רעדט. — איך גלויב ניט צי ער וועט נאָך היינט קומען, האָט זיך פרוי גרינבלאַט אָנגערופן צום מאַן; און דערלאַנגט דאָס עסן צום טיש...

גרינבלאַט איז שוין געווען גוט הונגעריק, ער האָט זיך דער־פאַר ניט געלאָזן לאַנג בעטן און זיך גענומען עסן מיט אַפּעטיט... די גאַנצע צייט ביים עסן האָט ער אַלץ געהאַלטן אין איין קלערן פון דעם קאָזין זיינעם, פאַרוואָס יענער איז ניט געקומען... וואָס האָט געקאָנט פּאַסירן מיט אים? ער האָט דאָך פאַרשפּראָכן צו קומען היינט אָוונט... עס האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין טיר, און גרינבלאַט האָט זיך האַסטיג אַ לאָז געטאָן צו דער טיר זי עפענען:

אין געדאַנק האָט ער זיך שוין געמאַכט אַ פאָרוואורף, פאַרוואָס ער האָט שוין ניט צוגעוואַרט נאָך אַ ווײַלע פאַר זײַן קאָזין... געעפנט די טיר, האָט זיך גאָר אַרויסגעצייגט, אַז ס'איז געווען אַ שכן, וועל־כער איז געקומען פרעגן אויפן זייגער...

ס'איז אַוועק אַ וואָך, צוויי, דריי, און מען האָט אַלץ ניט גע־הערט פון אים... גרינבלאַט האָט זיך אַלץ געהאַלטן אין איין פרעגן פאַרוואָס איז ער ניט געקומען? פאַרוואָס צייגט ער זיך ניט מער? און קיין ענטפער האָט ער אַלץ ניט געקאָנט געפינען. ער האָט נאָכגעזוכט אין די צייטונגען, צווישן „פערזענליכעס", פיליכט וועט ער עפּעס לעזן פון אים...

פיליכט איז גאָר עפּעס אַן אומגליק געשען מיט אים?... וואָס עס טרעפט זיך אַלץ אין אַמעריקאַ?... נאָר ערגעץ אין אַ ווינקעלע אין זײַנע געהירן האָט זיך פאַר'גנב'עט אַ געדאַנק, וואָס האָט גע־נומען ענבוירן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער... פיליכט איז דאָס אין גאַנצן ניט געווען קיין קאָזין?...

ווען אַזאַ געדאַנק איז אים אַריין אין קאָפּ, פלעגט ער פאַר־קנייטשן דעם שטערן און אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, אַזוי ווי וועלנדיק אַוועקטרײַבן אַ בייזע פליג, וואָס האָט זיך אָנגעטשעפּעט אָן אים און לאָזט אים ניט צורו...

וועגן די צען דאָלאַר האָט אים גאָרניט געאַרט, נאָר דעם גלויבן אין מענטשן, האָט ער ניט געוואָלט פאַרלירן: דאָס איז ביי אים געווען טייערער ווי אַלעס... און ווען ער דערמאָנט זיך אין דעם, האַלט ער אין איין טענה'ן צו זיך אַליין, „יאָ, ס'האָט געמוזט עפּעס פּאַסירן מיט אים... אַנדערש קאָן עס ניט זײַן...

ווען זײַן פרוי האָט אים גענומען פרעגן, פאַרוואָס דער קאָזין קומט נאָך אַלץ ניט: האָט איהר גרינבלאַט געענטפערט, „כ'ווייס? ווען ער וועט קומען וועל איך אים טאַקע פרעגן"...

חברים׳לעך צווײ

ווען װעלװועלע איז דרײ יאָר אַלט געוואָרן, האָט אים די מאַמע ס׳נײַע אַנצוגל אָנגעטאָן און אים ס׳ערשטע מאָל אין חדר אַרײַן געפֿירט.

פֿרעגט ער דער מאַמען, צי דער רבי שלאָגט דאָרט ניט אין חדר, צי מ׳קאָן זיך דאָרט שפּילן מיט די אײנגלעך אין חדר, און נאָך, און נאָך...

די מאַמע ענטפֿערט אויף אַלעם, און װעלװועלע האַלט אין אײן פֿרעגן...

אין חדר שטײט אַ לאַנגער טיש מיט בענק פֿון בײדע זײַטן, אַ לאַנגע באַנק בײַ דער וואַנט, וואָס דערגרײכט די גאַנצע לענג פֿון חדר ביז צום באַנק־בעטל. װײַטער איז פֿאַראַן אַ בעט, אַ בענקל בײַם אויװן. דאָס אַלעס וואָס װעלװועלע האָט באַמערקט בײַ זײַן ערשטן אַרײַנקומען אין חדר.

דער רבי זיצט אויבן אָן בײַם טיש, פֿון בײדע זײַטן זיצן אײנג־לעך בײַ אָפֿענע סדורים׳לעך, שאָקלען זיך און לערנען הויך אויפֿן קול: אַנדערע אײנגלעך זיצן אויף דער לאַנגער באַנק, בײַ דער וואַנט און שפּילן זיך. בײַ װעלװועלס אַרײַנקומען איז אויף אַ מי־נוט שטיל געבליבן, אַלעמענס אויגן זײַנען געװען געריכט אויף װעל־װעלען, ווען די מאַמע האָט צוגעפֿירט צום רבי׳ן, מיט די ווערטער — אָט דאָ האָב איך געבראַכט מײַן װעלװועלע, רבי. און אַרויס־נעמענדיק פֿון אַ פּאַטשײלע שטיקלעך האָניק־לעקעך, האָט זי עס צעטײלט צווישן די קינדער. דאָס איז מײַן װעלװועלע, האָט אים די מאַמע פֿאַרגעשטעלט פֿאַר אַלע קינדער. ער איז זײער אַ גוט אײנ־געלע.

דער רבי האָט געגעבן װעלװועלען אַ קניפּ אין בעקל: אַ גוט אײנגעלע װעט גוט לערנען... װעלװועלע האָט צוגעהאַלטן דער מאַמעס קלײדל און עס מורא געהאַט אָפּצולאָזן אויף אַ מינוט, אים האָט געשראָקן דער רבי מיט אָט די אַלע אײנגלעך, און ער האָט גע־פֿילט ווי אויסצושיסן מיט אַ געװײן... נאָר די מאַמע האָט אים

היינט גאַנץ פֿרי געזאָגט, אַז ער איז שוין אַ חדר אינגל און עס פּאַסט ניט מער צו וויינען: בלויז קליינע קינדערלעך וויינען.. און וועלוועלע האַלט זיך איין פֿון וויינען, און זיין פּנים'ל האָט אַ מאָדנעם אויסזען, עפּעס אַזוי ווי מען קוועטשט זיך. קושט אים די מאַמע אויף ביידע בעקעלעך. באַפֿרייט איר קליידל פֿון זיין הענטעלע, און לאָזט זיך גיין צום טיר.

ווען וועלוועלע זעט ווי די טיר פֿאַרמאַכט זיך הינטער דער מאַמעס פּלייצע, קען ער שוין מער ניט אויסהאַלטן און ברעכט אויס מיט אַ פֿאַרשטיקט געוויין. די רבי'צן נעמט אים צו זיך אויפֿן שויס, און נעמט אים איין מיט גוטע רייד... באַרואיקט זיך וועלוועלע און ער שאַרט זיך צו צו די אינגלעך, וואָס שפּילן זיך אויף דער לאַנגער באַנק. אין דרויסן איז במאַרנע און קיל און די קינדער קענען זיך ניט שפּילן אין גרויסן הויף.

וועלוועלע קוקט זיך איין ווי די קינדער שפּילן זיך און האָט זיך מורא גאָענטער צוצושאַרן. יאַנקעלע דעם גביר'ס גייט אָנגעטאָן אַ מאַטראָזן אַנצוגל מיט מעשענע קנעפּלעך, מיט אַ שטערן אויפֿן קאָלנער און אַן אַנקער אויפֿן אַרבל, — ער גייט צו צו וועלוועלען און ווייזט אים אָן אויף זיין אַנצוגל... ע־ע, אבע־ע, דו אָסט ניט טיין דאָלדענע טנעפּלעך... ע־ע־אבע.—

וועלוועלע טוט ווי ס'הערצעלע און ס'גלוסט זיך אים צו וויינען... מ'טאָר זיך מיט קיינעם ניט רייצן, האָט אים די מאַמע געלערנט... גאָט שטראָפֿט דערפֿאַר. יאַנקעלע איז אַ שלעכטער, ער רייצט זיך מיט אים, טראַכט זיך וועלוועלע, איך וויל ניט זיין זיין חבר... וועלוועלע קוקט אויף אַלע אינגלעך וואָס זיצן אויף דער לאַנגער באַנק, קוקט זיי אַלע גלייך אין די אויגן, ער וויל זען, וועלכער פֿון די אינגלעך איז אַ גוטער.

די מאַמע האָט אים געזאָגט, אַז אין די אויגן קאָן מען דערקענען, ווער ס'איז גוט, ווייל די נשמה קוקט ביי יעדן אַרויס פֿון די אויגן... האָט איינער אַ גוטע נשמה, קוקט זי אים דורך די אויגן אַרויס, און מ'קען עס באַלד דערקענען... זוכט וועלוועלע אַ גוטע נשמה, און קאָן אַלץ ניט געפֿינען.

נעמט זיך יאַנקעלע ווייטער רייצן מיט אים, און וועלוועלען

נעמען שטיקן די טרערן אין האַלז, און ער קאָן זיך קוים איינ־האַלטן ניט צו וויינען...

נאָר אָט קומט אונטער אַ אינגעלע וואָס איז די גאַנצע צייט אין אַ ווינקל געזעסן, נעמט אָן וועלוועלען פאַר דער האַנט, און פרעגט אים, „אינגעלע, ווילסט זיין מיין חבר?" קום, און שלעפּט וועלוועלען אַוועק פון יאַנקעלע דעם גביר'ס. דו הייסט וועלוועלע און איך הייס מנשה, ווילסט זיין מיין חבר? קוקט וועלוועלע אַריין דעם אינגעלע אין די אויגן און וויל זעען צי ער האָט אַ גוטע נשמה... קען ער אָבער ניט דערקענען...

ער וועט דער מאַמען ביי נאַכט איבערפרעגן ווי אַזוי מ'קען דערקענען אַ גוטע נשמה...

ווערן וועלוועלע מיט מנשה, וואָס אַ טאָג אַלץ נאָענטערע חברים, און ס'איז ניטאָ קיין זאַך וואָס וועלוועלע זאָל וויסן, אַז ער זאָל עס ניט דערציילן זיין חבר'ל מנשה. דערציילט ער אים אַ מעשה'לע, וואָס זיין מאַמע האָט אים ערשט נעכטן ביי נאַכט דער־ציילט... און מנשה הערט זיך איין און שלינגט איין יעדעס וואָרט, וואָס וועלוועלע רעדט אַרויס... וועלוועלע קען אַזוי שיין דערציילן, אַז מנשה וואָלט ניט מיד געוואָרן גאַנצע טעג אַזוי צו זיצן און זיך איינצוהערן ווי וועלוועלע דערציילט...

און אַ חוץ דעם קאָן וועלוועלע מאַכן פון פּאַפּיר אַזעלכענע שיינע פייגעלעך, הייזקעלעך, שיפעלעך, אַז אַלע קינדער שאַרן זיך אַרום אים: אפילו גרעסערע קינדער פאַר אים. וועלוועלע האָט אַ גרויסן ברודער, וואָס גייט שוין אין גמרא חדר און ער לערנט אים דאָס אָט די אַלע קונצן. וועלוועלע האָט אַ גוט קעפּעלע און נעמט אַלעס אַזוי שנעל איבער...

לערנט וועלוועלע שוין אלף בית, און זעט אַלע מאָל צו זיצן צוזאַמען מיט זיין מנשה'לע, וועלכן ער האָט ליב ווי ס'לעבן. טאַטע באַלד אַזוי ווי די מאַמע זיינע, אַז אָפּטמאָל וויים ער אליין ניט וועמען ער האָט מער ליב, די מאַמע, צי מנשה'ן...

דער רבי, אַ קליין אידעלע, מיט אַן איינגעבויגענער פּלייצע, אַ גרויע באָרד, אַ שיין פּנים, מיט גוטמוטיקע אויגן, וועלכע קוקן

שמייכלדיק ארוים פון צווישן באָרד און פּאות... ער האָלט זיך אין איין שאָקלען, ווען ער זיצט ביים טיש, און דערפאַר רופט מען אים רבי עליע הוידזק... דאָס בלויז אונטער די אויגן, אַזוי רופט מען אים נאָר רבי עליע.

די רבי׳צן, אַ הויכע, שיינע אידענע מיט אַ לאַכנדיק פּנים. זי גייט אָנגעטאָן אַ לאַנג קליידל וואָס שלעפּט זיך נאָך אויפן דיל, דאַרויף טראָגט זי אַ פאַרטוך מיט צוויי קעשענעס, וועלכע זיינען אָנגעפילט מיט צוקערקעס, שטיקלעך לעקאַך, ברעקלעך... אַלעס אין דער הוילער קעשענע. דאָס האַלט זי אָנגעגרייט פאַר די קינ־דער איינצונעמען זיי ווען זיי וויינען...

זיצן וועלוועלע מיט מנשה ביי איין סידור׳ל און לערנען דעם אלף בית. און אונטערן טיש דערלאַנגט אים וועלוועלע אַ שפּוגל נייאינקע פייגעלע, וואָס ער האָט ערשט געמאַכט פון אַ שיינע קאָ־לירטע פּאַפּיר. כאַפּט מנשה אַ קוק אונטערן טיש צו זעען, ווי דאָס פייגעלע קוקט אויס, דערזעט עס די רבי׳צן, און ווייזט אָן דעם רבי׳ן אויף מנשה׳ן, אַז ער קוקט ניט אַריין אין סידור׳ל... נעמט דער רבי מנשה׳ן איבערן קני, שפּילעט אים אָפּ די הויזעלעך, און דערלאַנגט אים מיטן קאַנטשיק איינס, צוויי, דריי, איבערן נאָ־קעטען... און ביי יעדן שמיץ גיט זיך מנשה׳ס קערפּערל קאָנוואול־סיוו אַ צאַפּל, און שרייט מיט באַנומענע קולות... הערט עס וועל־וועלע, און אים טוט אַזוי ווי ס׳הערצעלע פאַר מנשה׳ן, ער פילט ווי יעדער שמיץ איבער מנשה׳ס קערפּערל גיט אים אַ ברי איבערן אייגענעם לייב, ער קאָן עס מער ניט אַריבער טראָגן, און שיסט אויס מיט אַ געוויין... דערהערט עס דער רבי, לאָזט ער אָפּ מנשה׳ן, כאַפּט אָן וועלוועלען פאַר אַן אויער און לייגט אים אַריבער איבערן קני...

— אַזאַ שגץ איינער, ער וויינט גאָר אומזיסט... נאַ, נאַ, נאַ, שמייסט אים דער רבי אַריין, נאַ, נאַ, איצט וועסטו כאָטש וויסן, פאַרוואָס דו וויינסט...

נאָר וועלוועלע ליגט מיטן פּנים אַראָפּ און וויינט גאָרניט מער. יעדער שמיץ פונם רבי׳נס קאַנטשיק גיט אַ ברי ווי פייער, איצט קלערט ער גאָר פון זיין חבר׳ל מנשה, וואָס דער רבי האָט איצט

אָפּגעלאָזן צוליב אים... אים איז אַזוי גוט אויפן האַרצן, אַז ער פילט גאָר ניט די פייערדיקע שמיץ...

ווערט דער רבי מיד שמייסנדיק און לאָזט אים אָפּ, שטייט ער מיט אַ פאַרקלעמט הערצעלע, אים ווילט זיך אַזוי וויינען, נאָר ער שעמט זיך...

ער קוקט זיך אַרום און זעט ווי די רבי'צן נעמט איין מנשה'ן מיט אַ צוקערקע און מנשה האָט זיך שוין באַרואיקט, לאָזט בלויז צואַמאָל אַרויס אַ פאַרשטיקטן זיפץ. דער רבי וואָרטשעט אונטערן נאָז, — געזען אַ שגץ? אַז מען שמייסט אים ניט וויינט ער, און ווען מען שמייסט אים שווייגט ער שטיל...

ער וואַרפט אַ בייזן בליק אויף דער רבי'צן, וואָס זי האָט אים דאָ אַנגעאַרבעט די גאַנצע חתונה... די רבי'צן גייט צו צו וועל־וועלען, קראַצט אויס פון דער הוילער פאַרטוך־קעשענע אַ צוקערקע וואָס איז אַרומגעקלעפּט מיט ברעקלעך, און שטופּט עס וועלוועלען אין מויל אַריין, גלעט אים איבערן בעקעלע... וועלוועלע שטופּט זי אָפּ פון זיך און שפּייט די צוקערקע אויס אויפן דיל, — ווער דאַרף די צוקערקע אירע מיט די לעקאַכלעך? זאָל זי בעסער ניט גיין מסור'ן צום רבי'ן... פילט וועלוועלע לייכטער אויפן האַרצן, מנשה, זיין מנשה איז ניט דער איינציקער, וואָס האָט געכאַפּט שמיץ פון רבי'ן...

דער רבי נעמט די גרעסערע קינדער צום לערנען, און די קלע־נערע קינדער גייען אויפן הויף זיך שפּילן. שפּילן זיך אינגלעך מיט זאַמד, אַנדערע מיט קנעפּלעך, און אַז ס'פעלט אויס אַ קנעפּל, רייסט מען אַראָפּ פון רעקל אַ קנעפּל צי צוויי און מען שפּילט ווייטער...

וועלוועלע נעמט מנשה'ן אין אַ ווינקל און נעמט אים דער־ציילן אַ מעשה'לע, וואָס די מאַמע האָט אים נעכטן פאַרן שלאָפן גיין דערציילט... און מנשה שטעלט אויף מויל און אויערן און הערט זיך איין צו יעדן וואָרט זיינעם... ער פלעכט אַריין זיינע אייגענע פאַנטאַזיעס און איינפאַלן, אַז מנשה וואָלט ניט מיד געוואָרן צו זיצן אַזוי גאַנצע טעג און זיך איינהערן... מאַכט וועלוועלע אָפּ מיט מנשה'ן, צו בלייבן חברים אויפן גאַנצן לעבן, און זיי שווערן צו

בלייבן טריי איינער דעם צווייטן און צו גיין איינער פֿאַרן אַנדערן אין פייער און אין וואַסער...

— אהער גייטץ, שקצים, וויפיל מאָל דאַרף מען אייך דאָ רופן: דערהערט זיך יאַנקל דעם אונטערבעהעלפערס קול. כאַפּן זיך ביידע אויף ווי פון אַן אַנדערער וועלט. שטעלט ער זיי אויס צו צוויי אין אַ רייע, און נעמט זיי פירן אַהיים. שלעפּן זיי זיך אי־בער גאַסן און געסלעך, און וואָס אַמאָל ווערט אַלץ ווינציקער קינ־דער, און וועלוועלע מיט מנשה׳ן קומט אויס ווייטער צו גייען, ווייל זיי וואוינען אין ווייטערע גאַסן. און וועלוועלע איז אַזוי גוט, ער קאָן גיין מיט זיין מנשה׳ן און אים האַלטן פֿאַרן הענטעלע און אים ענדיקן דאָס מעשׂה׳לע, וואָס ער האָט אים פריער אָנגעהויבן צו דערציילן...

יאָרן זיינען אַוועק און וועלוועלע איז אין אַ גאָר גרויסער שטאָט, ער האָט זיך שוין פון לאַנג אַראָפּגענומען די פאות, טראָגט אַ קורץ רעקל... אַ גאַנצער דייטש... און ניט איינמאָל זייענדיק אין דער פרעמד, קלערט ער וועגן זיין יונגנט פריינט, מנשה, ווי ליב ער האָט אים געהאַט, ווי זיי האָבן זיך געשוואוירן אייביקע פריינט־שאַפט, און זיך בלייבן טריי ביזן טויט... אַ בענקשאַפט כאַפּט אַרום זיין גאַנצעס וועזן, נאָך זיין היימאַט שטעטל, נאָך זיין מאַ־מען און טאַטן, נאָך די ברידער, נאָך מנשה׳ן און יעדן איינעם פון שטעטל... אָפטמאָל כאַפּט אים אָן אַזאַ בענקשאַפט, מייסטנס נאָך אַ שיינעם חלום, ווען ער כאַפּט זיך אויף אין דער פרי, און ער דערמאָנט זיך ווי ער האָט אַזוי דייטלעך אַלעם געזען, זיין שטעטל, זיין היים. מיט אַלעמען גערעדט, געלאַכט, און זיין מנשה׳ן ניט פאַרגעסן: אים טריי געבליבן...

ס׳איז גראָד פאַר פסח, און וועלוול מאַכט אָפּ ביי זיך, אַז וואָס ס׳זאָל ניט זיין מוז ער אהיימפאָרן אויף פסח...

ס׳איז אינגאַנצן געבליבן עטלעכע טעג צו פסח, וועלוול האָט שוין אַלעס צוגעגרייט אויף אַהיימצופאָרן, ניט פאַגרעסן אָנצוגרייטן אַ בילעט אויף צוריק... ווי אַ זאַך מאַכט זיך... די לעצטע עטלעכע טעג זיינען אים שוין גאָר צו לאַנג — אַ טאָג אַ יאָר, ער קאָן זיך קוים דערוואַרטן. ענדלעך דערלעבט, אָט זיצט ער שוין אין באַן

און באַוואונדערט די לאַנדשאַפטן, וואָס בייטן זיך מיט יעדער מינוט פאַר זיינע אויגן, אַט פליען געדיכטע וועלדער מיט אַ ריזיקער שנעלקייט אויף צוריק, שיינע לאָנקעס מיט פּאַשענדיקע בהמות... העט ווייט זעט מען אַ פּויער אַקערנדיק די ערד, וואָס קוקט פון וויטן אויס ווי אַ קליין פּיצעניאַטקעלע מענטשעלע און דאָס פערדל זיינס ווי עפּעס אַ הינטל. און וועלוול מיט האַלבפאַרמאַכטע אויגן זאַפּט אין זיך די אַלע זיך בייטנדיקע פּאַנאָראַמע איין. און אים דאַכט זיך אָפּט, אַז די באַן שטייט גאָר שטיל, נאָר די וועלדער, פעלדער, און לאָנקעס פליען גאָר אַזוי אויף צוריק... וועלוול קוקט אויפן זייגער, ערשט צוויי שעה אוועק... נאָך גאַנצע אַכט און צוואַנציק שטונדן צו פאָרן... ער שטייט אויף און נעמט אַרומ־שפּאַנען אין וואַגאָן, ווי וועלנדיק דאָמיט אָנטרייבן די באַן אַלץ שנעלער און שנעלער צו פאָרן... ביי נאַכט די אויגן קלעפּן זיך, עס ווילט זיך אַזוי שלאָפן: און וועלוול זיצט אָנגעשפּאַרט אויפן האַנט און דרימלט, און מיט יעדן פייף פון לאָקאָמאָטיוו, מיט יעדן אָפּשטעלן זיך ביי אַ סטאַנציע, כאַפּט זיך וועלוול אויף, קוקט זיך אַרום וואו ער איז ערגעץ אין דער וועלט, נאָר די אויגן קלעפּן זיך, און עס ווילט זיך אַזוי שלאָפן...

סטאַנציעס לעמפּלעך און געדיכטע פינצטערניש פליען אַלץ אויף צוריק מיט אַ ריזיקער שנעלקייט, און מאַכן אַלץ פּלאַץ פאַרן אָנקומנדיקן מאָרגן...

שטייט וועלוול ביים פענצטער און שלינגט די אַלע ווילע זיך בייטנדיקע לאַנדשאַפטן, וועלכע די נאָר וואָס אויפגייענדיקע זון באַשיינט מיט אירע גאָלדענע שטראַלן... ער שטרעקט זיך, גלייכט זיך אויס די ביינער, זעצט זיך צוריק אַוועק, אים דאַכט זיך, אַז די באַן גייט ניט שנעל גענוג... ווען ער וואָלט עס קענען אַביסל אונטערטרייבן, ס'זאָל גיין אַביסל שנעלער, כאָטש איבערהיפּן עט־לעכע סטאַנציעס, זיך ניט אָפּשטעלן אַזוי לאַנג...

וויפיל שטונדן אַ שטייגער דאַרף מען נאָך פאָרן? אַ פינף, זעקס שטונדן, אַך, ווי לאַנג עס ציט זיך עפּעס, גראָד ווי דער אי־דישער גלות... וועלוול ווערט וואָס אַ שעה אַלץ מער אומרואיקער, און וואָס ער דערנענטערט זיך מער צו זיין היימאַטשטעטל, אַלץ

אומרואיקער ווערט ער... אין גאַנצן נאָך צוויי שטונדן פֿאַרבליבן צו פֿאָרן, און ער קאָן זיך קיין פּלאַץ ניט געפֿינען... שפּאַנט אַרום אין וואַגאָן הין און צוריק, ווי ווילדיק דאַמיט אָנטרייבן די באַן צו פֿאָרן אַלץ שנעלער... ס'איז נאָך פֿאַרבליבן אַ שעה צו פֿאָרן, און וועלוול האָט זיין אומרואיקייט גאָרניט מער געקאָנט באַהערשן, ער האָט גענומען פֿאַרפּאַקן די זאַכן, פֿאַרקעמט די האָר און זיך געמאַכט פֿאַרטיק אַראָפּצושטייגן... ער שטעלט זיך אין געדאַנק פֿאָר ווי דער טאַטע זיינער שטייט שוין דאָרטן ביי דער סטאַנציע און וואַרט פֿאַר אים... ער קאָן זען די טרערן אינם טאַטנס אויגן, בשעת ער כאַפּט זיך אַרום מיט אים... און צווישן די אַרומשטייענ־דיקע דערקענט ער אַזוי פֿיל באַקאַנטע, וועלכע ער האָט שוין אַזאַ לאַנגע צייט ניט געזען... און אים איז אַזוי גוט...

אַ נאָך איין סטאַנציע פֿאַרבליבן: די לעצטע סטאַנציע, און זיין שטעטל... איצט קומען די אים באַקאַנטע פֿעלדער און וועלדער, און גליטשן זיך אַזוי אויף צוריק, אויף צוריק... און וועלוול שטייט מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם און קוקט אַלץ אַרויס אויף דער לעצטער סטאַנציע... עפּעס ציט זיך די לעצטע סטאַנציע לענגער ווי דער גאַנצער וועג... און וועלוול שטייט ביים פֿענצטער מיט די אויגן צו זיין שטעטל געריכט, און קוקט און פֿאָרשט און נישטערט... און אָט גיט זיך זיין האַרץ אַ צאַפּל, און נעמט קלאַפּן ווי מיט צען האַ־מערס... אָט זעט ער דאָך פֿון העט ווייט דעם שפּיץ פֿון קלויסטער גאַנץ דייטלעך, און אָט זעט ער דאָך שוין אויך להבדיל, די אַלטע שול, און אים ווילט זיך וועלן אַרויסשפּרינגען פֿון פֿענצטער און נעמען לויפֿן מיט אַלע זיינע כוחות...

די באַן הויבט אָן צו גיין לאַנגזאַם, פּאַוואָליע, סאַפּעט, סאַפּעט און שטעלט זיך אָפּ...

וועלוול איז געווען פֿון די ערשטע אַרויסצושפּרינגען פֿון וואַ־גאָן, מיט די אויגן אַרומגעזוכט צווישן אַלע אַרומשטייענדיקע, און דערזען דעם טאַטן אין צווייטן זייט שטיין, אַ שטילער מענטש דער טאַטע זיינער, ער קאָן זיך ניט שטופּן... און וועלוול שטופּט זיך דורך אַלעמען אַדורך, און האַלט שוין דעם טאַטן אַרומגענומען, און קושן ווילט זיך ניט נאָר דעם טאַטן אַליין, נאָר אַלע וואָס

שטייען און שטופּן זיך דאָ אַרום, און טאַנצן ווילט זיך אים אָדער וויינען, אָדער דער גוטער יאַר אַליין ווייס וואָס...

פאַרנדיק צוזאַמען מיטן טאַטן אויף דער דראָזשקע אהיים פון וואָקזאַל, האָט ער דערזען זיינע אַמאָליקע חברים פון חדר, און ווען ער שעמט זיך ניט, וואָלט ער אַראָפּגעשפּרונגען פון דראָזשקע און זיך ארומגעכאַפּט מיט זיי. — זע נאַר, ווי גרויס ער איז געוואָרן, האָט זיך וועלוול געוואונדערט, דערזעענדיק אַ יונגן מאַן, אין וועלכן ער האָט דערקאַנט זיינעם אַן אַמאָליקן חדר־אינגל... דו ביסט אויך קיין ע״ה פיין אונטערגעוואַקסן, דערמאָנט אים דער טאַטע... און וועלוול שלינגט אַלץ איין מיט די אויגן, יעדעס הויז, יעדע גאַס, אים איז אַלעס אַזוי ליב, אַזוי טייער... אָט אַ נאַר ער איז געווען... צו וואָס אין גאַנצן אוועקפאַרן פון זיין טייערן שטעטל, וואָס יעדעס גרעזל, יעדעס שטיינדל איז אים אַזוי ליב אַזוי טייער... וואָס אַ שטייגער האָט ער אין דער גרויסער וועלט? מער ווי ס׳ביסל עסן? און ער מאַכט ביי זיך אין געדאַנקען אָפּ, מער אין גאַנצן ניט אוועק־צופאָרן פון דאַנען... טרר, דערהערט ער דעם בעל עגלה׳ס קול... און מיט איין שפּרונג איז ער אין הויז... אַ וואָס פאַר אַ קליינע מאַ־מעטשקעלע ער האָט... דאַכט זיך געווען אַמאָל אַ גרויסע, אין זיינע אויגן... און איצט איז ער דאָך אַ סך גרעסער פאַר איר... אָט הויבט ער זי דאָך אין גאַנצן אונטער און טראָגט זי אַרום אויף די הענט...

— אַ וואָס פאַר אַ גרויסער וועלוועל ער איז געוואָרן! אַ גאַנצער וואָלף... און די מאַמע קאָן זיך גאָרניט אָנטשעשען מיט אים... און שכנים קומען אָנקוקן וועלוועלען, וואָס איז געוואָרן אַ גאַנצער סטאַטעק, אוים ווייסער חברה׳ניק, אַ מענטש, קיין ע״ה, קיין בייז אויג... און טאַטע מאַמע שעפּן נחת...

פּסח ביי נאַכט, צום ערשטן סדר, אַלעס איז אַזוי יום טוב׳דיק ציכטיק און ריין, די מאַמע שיינט פון גליק, דאָס פּנים ווי פון אַ הייליקע, מיט אַ זיסן שמייכל, ריכט זי אָפּ דעם סדר צוזאַמען מיטן טאַטן: דער טאַטע אויבן אָן ווי אַ מלך, זיצט אויפן הסב־בעט, אין ווייסן קיטל, און וועלוול מיט די ברידערלעך העלפן אים אונ־טער... עס, אַזאַ נאַרישקייט, קלערט זיך וועלוול, פון אַזאַ פּאַע־טישער אַטמאָספערע אוועקצופאָרן, אין אַ ווייטער פרעמדער שטאָט,

וואו אַלעס איז אַזוי פּראָסט... איין טאָג ווי דער צווייטער, אָן נשמה, אָן לעבן... וואָס?, ווען? מער ווי ס'ביסל עסן האָט ער דאָרטן אין דער פרעמד? ביי זיך אָפּגעשלאָסן אַליין אין די פיר ווענט... און שוין אפילו ביי אַ פאַרזאַמלונג, צי אַ קאָנצערט, נאָך אין ערגעץ האָט ער ניט דעם נשמה'דיקן פונק דערפילט ווי אָט דאָ היינט ביי נאַכט... קוקנדיק דאָ אויף דער מאַמען אויף די ברידער־לעך, איז אים אַזוי גוט, אַזוי גוט...

נעמט זיך וועלוול צו דער הגדה מיט אַ ברען, אַז טאַטע מאַמע קוקן זיך איבער און קענען ניט פאַרשטיין... און צום סוף קאָן זיך וועלוול ניט באַהערשן, און טרערן נעמען אים רינען פון די אויגן: אים איז אַזוי גוט, אַזוי גוט, פּסח, וועלוול גייט מיטן טאַטן אין שול אריין: שוין אַזוי לאַנג, אַז ער איז אין קיין שול ניט געווען, שוין אַזוי לאַנג ניט געדאַוונט.

ער זעט אַזויפיל באַקאַנטע פּנים'ער, וועלכע באַקוקן אים מיט נייגעריגקייט, און באַגריסן אים פריינטלעך, מיט אַ נייגן מיטן קאָפּ. ער דערקאָנט אַ סך חדר אינגלעך פון אַמאָל, וועלכע זיינען איצט אויסגעוואַקסן, גאַנצע בחורים געוואָרן...

וועלוול שטייט אויבן אָן מיטן טאַטן און זאַפּט אין זיך איין אַזויפיל פרייד, וואָס די שטומע באַגריסונגען פון זיינע אַמאָליקע חברים פאַרשאַפן אים...

מען איז אים מכבד מיט אַן עליה: ס'האַרץ קלאַפּט אַזוי שטאַרק... ער האָט זיך גאָר ניט גערעכנט דאַרויף, אפשר האָט ער שוין פאַרגעסן ווי צו מאַכן די ברכה... און דער טאַטע וועט נאָך, חלילה, איינגעמען בושה פון אים...

נאָר אָט שטייט ער פאַר דער תורה, איינגעהילט אינם טאַטנס טלית, און זינגט אָפּ די ברכה אַזוי שיין און גלאַט, אַזוי ווי ער וואָלט עס ערשט נעכטן געמאַכט... ס'האַרץ קלאַפּט אַזוי שטאַרק, ער הערט זיך גאָרניט איין וואָס דער שמש לייענט אין דער תורה נאָר שטילערהייט חזר'ט ער זיך איין די צווייטע ברכה, איין מאָל און נאָך אַמאָל, און ווען דער שמש ענדיקט לייענען, זינגט ער אויס די צווייטע ברכה מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז ער איז פון זיך אַליין צופרידן, דעם טאַטן ניט פאַרשעמט...

נאָכן עסן לאָזט זיך וועלוול אַרויס אין שטאָטגאָרטן אויפזוכן זיינע אַמאָליקע יוגנט חברים... זיך ניט געהאַט קיין צייט אוועקצורייסן פון טאַטע מאַמע, לאָזן אים ניט אָפּ אויף אַ מינוט, קענען זיך ניט זאַט אָנטשעשען מיט אים... און וועלוול כאַפּט זיך אַרויס ווי פון אַ שטייג, אין וועלכער ער איז פאַר די לעצטע פאַר טעג געווען, ווי געפּענטעט אין לויטער גוטסקייט...

און עפּעס בענקט זיך אים, ער ווייסט אַליין ניט נאָך וואָס...

גייענדיק אין שטאָטגאָרטן, דערזעט ער פון צווייטן זייט גאַס, זיין חבר מנשה, יאָ, ער קען שווערן, ס'איז מנשה... ווי ער האָט זיך דאָס געביטן... אַ חסיד'ישער יונגערמאַן מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע, געקרייזלטע פּעות, מיט אַ סאַמעטענעם קאַפּעליוש, האַלט ביי דער האַנט אַ יונגן ברודערל, און שמועסט מיט זיין טאַטן... וועלווולען קלאַפּט ס'האַרץ אַזוי שטאַרק: — „מנשה" שרייט ער אויס, הויך אויפן קול, מנשה! און ער לאָזט זיך מיט גיכע טריט אַריבערגיין די גאַס צו אים. מנשה קוקט זיך אום און בלייבט פאַרוואונדערט שטיין, פאַרגאַפט, מיט אָן אָפענעם מויל... זיין טאַטע מעסט וועלוולען אָפּ פון אויבן ביז אַראָפּ, באַטראַכט זיין קורצן רעקל מיט די אָפּגעשווירענע פּאות, און גלאַט ראַזירטן פּנים, ער ברומט עפּעס אונטערן נאָז צו מנשה'ן און מנשה לאָזט זיך גיין ווייטער מיט זיין טאַטן... ווי עס וואָלט זיך אים אַזוי וועלן אָפּשטעלן און אַרומכאַפּן זיך מיט וועלוולען...

וועלוועל בלייבט אַ פאַרשעמטער אין מיטן גאַס שטיין... ער דערמאָנט זיך אָן פאַרשיידענע גליקלעכע איבערלעבונגען, צוזאַמען מיט זיין טייערן חבר מנשה... ער דערמאָנט זיך גראָד אין דעם אויגנבליק אויך אָן די פּייערדיקע שמיץ, וואָס ער האָט אַריינגעכאַפּט פאַר זיין טייערן חבר מנשה... און איצט?... צוויי פאַרשיידענע וועלטן... אַ וואַנט פון פאַנאַטיזם האָט זיך אַריינגערוקט צווישן צוויי ליבענדע נשמות און פאַנאַנדערגעשיידט איינער פון צווייטן...

דאַכט זיך דער זעלבער לויטערער הימל, די זעלבע פרילינג שמעקנדיקע לופט, און דאָך איז אַלעס עפּעס אַזוי ווי מיט אַ טונקעלער במאָרע פאַרצויגן, עפּעס ווי דורך אַ כשוף... און אויפן

הארצן איז אזוי פוסט... ער גייט מיט אָפענע אויגן און זעט דאכט זיך גאָרניט... שטייט אים בלויז דאָס בילד פאַר די אויגן, ווי מנשה בלייבט שטיין מיט אַן אָפענעם מויל, וויל צוגיין צו אים... און גייט ווייטער...

אין שטאָט־גאָרטן טרעפט אים אָן א יונגערמאַן, אמאָל צו־זאמען אין חדר אריין געגאַנגען: — „סערוואוס" וועלוול, וואָס מאַכסטו עפעס? וועלוול קומט צו זיך ווי פון אַן ערשט אויפגע־כאַפטן בייזן חלום... קוים זיך אָפגעגעבן די ערשטע באַגריסונגען, ווי ער פרעגט ביי וועלוועלען „נו, ווען פאָרסטו צוריק אוועק?"... וועלוול ווערט אַן אויפגעקאָכטער, וואָס הייסט, ווען איך פאָר אוועק?... און אַז איך וויל דאָ אין גאַנצן פאַרבלייבן? בין איך דיר אפשר אין וועג?... אפשר געקומען אויף דיינע שפּיזען צו פאָרן?... שוין אַזא פאַרשאָלטענער טאָג היינט... ערשט נעכטן, איז אַלעס געווען אַזוי גוט, אַז ער האָט שיער ניט באַשלאָסן צו פאַרבלייבן דאָ אויף תמיד... און איצט די צוויי באַגעגענישן היינט. די מאַמע האָט באַלד דערקאָנט די ענדערונג אין וועלוועלען, ווען ער איז אהיים געקומען — וואָס איז געשען וועלוועלע? וואָס האָט פּאַסירט מיט דיר?... עפּעס קוקסטו אויס אין גאַנצן אַנדערש. גאָרניט מאַמעניו, אָט אַזוי... נאָר די מאַמע האָט ניט נאָכגעלאָזן:

— ווייסט דאָך, זונעניו, ס'ווערט לייכטער ווען מ'רעדט זיך אַזוי אָפּ פונם הארצן... און וועלוול האָט איר געמוזט אַלעס דערציילן... די מאַמע גלעט און צערטלט אים ווי ער וואָלט נאָך אַ קליינער אינגל געווען... ווי גוט זי פאַרשטייט אים אָט די קליינע מאַמישע... ער קושט איר אַזוי צערטלעך די הענט ווי זי וואָלט אַ הייליקע געווען... די מאַמע גלעט אים די שיינע לאַנגע האָר, און ווען ער הויבט אויף דעם קאָפּ, זעט ער ווי אַ טרער קייקלט זיך אַראָפּ דער מאַמעס באַק, וועלכע זי ווישט מיטן פאַרטוך אָפּ אויף גיך וועלנדיק פון אים אירע געפילע באַהאַלטן...

ער האָט דער מאַמען ניט דערציילט, אַז ער האָט דאָ געדענקט צו פאַרבלייבן אויף תמיד, וויסנדיק ווי זי וואָלט עס וועלן מיטן גאַנצן הארצן, און אינסטינקטיוו פאַרשטייענדיק, אַז מער קאָן ער דאָ ניט זיין, ער געהערט שוין גאָר אין אַן אַנדערער וועלט, און

קאן זיך מער ניט ארײַנפּאסן אהער... א פרעמדער געוואָרן אין זײַן אײגענער שטאָט, וואו ער האָט זײַן קינדהייט פאַרבראַכט...

איין טאָג נאָך יום טוב האָט ער זײַנע זאכן פאַרפּאַקט און זיך געמאכט גרייט אין וועג אַרײַן. די מאַמע מאַכט א פריילעך פּנים, ווי ס'וואָלט איר די גאַנצע זאך ניט געאַרט... נאָר וועלוול לייענט אין אירע אויגן, ווי ס'וויינט בײַ איר דאָס האַרץ... ער האָט גע־זוכט זי אויפצומונטערן, דערציילנדיק איר פאַרשיידענע קאָמישע זאכן, וואָס ס'האָט מיט אים געטראָפן אין דער פרעמד. די מאַמע האָט גוט פאַרשטאַנען איר וועלוועלע... און געמאַכט א פריילעך פּנים און מיטגעלאַכט מיט אים, נאָר אין די אויגן האָט זיך א טרער באַוויזן...

דאָס געזעגנען זיך איז אָנגעקומען גאַנץ לײַכט... די קלוגע מאַמיטשקאַלע האָט געשפּילט איר ראָלע גאַנץ גוט... נאָר וועלוול האָט פאַרשטאַנען, אז זי וועט קיין אויג ניט צומאַכן די נאַכט...

דער טאַטע האָט אים באַגלייט צו דער באַן, און זיך געהאַלטן מעשה מאַן... ניט אַרויסגעצייגט קיין שוואַכקייט... זיך איינמאָל, און נאָך אַמאָל צוקושט מיט וועוולען און אַרומשפּאַצירט אויפן וואַק־זאַל אַהין און צוריק, וואו וועלוול האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצ־טער פון וואַגאָן... לאַנגע מינוטן, וועלכע וועלוול וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן... דער לאָקאָמאָטיוו גיט א פײַף און הויבט זיך אָן לאַנג־זאַם באַוועגן... ער מאַכט צום טאַטן מיטן האַנט, אַרויסבייגנדיק זיך פון פענצטער, ער זעט פון ווײַטן, ווי דער טאַטע שלעפּט אַרויס פון קעשענע די רויטע פאַטשיילע און ווישט זיך די אויגן...

וועלוול פאַררײַקט זיך אין א ווינקל, פאַרמאַכט די אויגן און לעבט אין געדאַנק נאָך אַמאָל איבער די גאַנצע צוויי וואָכן זייענ־דיק אין דער היים... וועלוול עפנט די אויגן און קוקט מיט אומעט אויף די שיינע פעלדער און וועלדער, וועלכע יאָגן זיך אַלץ אויף צוריק, אויף צוריק...

די באַן יאָגט אַלץ מיט מער אימפּעט, און שלינגט איין מײַלן און מײַלן רעלסן, שלעפּנדיק וועלוולען אַלץ ווײַטער און ווײַטער אַוועק פון זײַן היים...

יאָסעלע

אַ מעשהילע פאַר די קינדערס וועגן

עס האָט אַמאָל אַ קאַץ פיר קליינע קעצעלאַך געהאַט... ווען די קאַץ האָט דערפילט, אַז זי דאַרף געבוירן אירע קעצעלעך, האָט זי זיך פאַרקליבן אונטן אין יאַרד אונטער די שטיגן, וואו עס איז געשטאַנען אַ קעסטעלע מיט אַלטע שמאַטעס; אָט אין דעם קעסטעלע, האָט זיך די קאַץ אַוועקגעלייגט, פון קיינעם ניט באַמערקט, פון אַלעמען פאַרלאָזן, איז זי זיך אַזוי געלעגן און זיך געדרייט אין אַלע זייטן פון גרויס ווייטאָג... ביז זי איז ענדלעך געהאָלפן געוואָרן, און געבוירן אירע קעצעלעך...

ליגט זי אַזוי, מיט אירע קעצעלעך און לעקט זיי אַלעמען אַרום... און די קעצעלעך, כאָטש זיי זיינען נאָך בלינד ציען זיך דאָך זייערע פיסקלעך אינסטינקטיוו צו דער מאַמעס ברוסטן... און די מאַמע קאַץ ליגט זיך אַזוי צושפּרייט, אַז אַלע אירע קעצעלעך זאָלן קענען דערגרייכן צו אירע ברוסטן און טרינקען וויפיל זיי ווילן נאָר אַליין...

יאַנקעלע, וואָס וואוינט אויפן פינפטן שטאָק, האָט זיך איינמאָל געשפּילט ביי זיך אין הויז מיט אַ באָל: און וואַרפנדיק דעם באָל אַרויס דורך דעם אָפענעם פענצטער, גלייך אונטער די שטיגן... גיך ווי אַ וויכער, איז ער אַרונטער די שטיגן מיט איין אָטעם, פון פינפטן שטאָק גלייך אין יאַרד אַריין...

זוכנדיק דעם באָל, איז ער אַזוי פאַרקראָכן ביז אונטער די שטיגן, וואו די קעצעלעך זיינען געלעגן... די קעצעלעך, דערהערנדיק טריט אַרום זיך, האָבן אָנגעהויבן צו מיאַווקן... מיאַו... מיאַו...

יאַנקעלע קוקט זיך אום... אַזש פיר פיצעניאָטקעלעך, שיינינקע קעצעלעך ליגן זיך אין קעסטעלע איינגעטוליעט, איינס צום צווייטן און מיאַווקען אַזוי שעהן...

אַזוי איבעראַשט, איז ער געוואָרן פון דעם אונערוואַרטעטן געפונענעם, אַז ער האָט אין גאַנצן פאַרגעסן אָן זיין באָל... שנעל

איז ער אַרויסגעלאָפן אין גאַס צו זיינע חברים, זיי אָנזאָגן די בשורה...

שנעל האָט זיך די נייעס פאַרשפרייט צווישן די אינגלאַך אין גאַס... און אונטער דער פירערשאַפט פון יאַנקעלען, זיינען אַלע אַרונטער אין יאַרד...

און עס האָט זיך אַרויסגעצייגט ריכטיק, אַזוי ווי יאַנקעלע האָט געזאָגט...

טאַקע פיר קעצעלעך זיינען דאָ: אַבי זיי האָבן געמיינט, אַז ער האָט זיי אָפגענאַרט... יאַנקעלע, און דריי פון זיינע חברים, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָענטער צום קעסטעלע, האָבן אַרויס־גענומען יעדער צו איינציגע קעצעלעך און זיך גענומען שפילן מיט זיי...

ווער קען וואַרפן אַ קעצעלע הויך אין דער לופט און עס כאַפן מיט איין האַנט? האָט יאַנקעלע אַ פרעג געטאָן זיינע חברים... איך קען, איך קען, האָט זיך סעמעלע אָנגערופן: און ניט פאַר־לירנדיק קיין צייט, האָט ער דאָס קעצעלע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, אַ וואָרף געטאָן הויך אין דער לופטן, און זיך געמאַכט גרייט עס צו כאַפן... דאָס קעצעלע האָט זיך גענומען דרייען אין דער לופטן, אַלץ העכער און העכער... ביז עס האָט דערגרייכט דעם העכסטן פונקט, וועלכן עס האָט לויט דעם שטאַרקקייט פון דעם וואָרף געקענט דערגרייכן... דאַן האָט עס גענומען פאַלן, אַלץ טיפער און טיפער אַרונטער... סעמעלע האָט אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנט עס צו כאַפן... פלוצים, רופט זיך אָן איינער פון די אינגלעך צו סעמעלען: „זי וועט דיך צוגראַבלען!"... דערהערנדיק, אַז דאָס קעצעלע קען אים נאָך צוגראַבלען: האָט ער גיך אַוועק־געכאַפט די האַנט... דאָס קעצעלע איז אַראָפגעפאַלן מיט אַ קנאַק... מיטן קעפעלע זיך אָנגעשלאָגן אָן די געפלאַסטערטע שטיינער פון יאַרד, און געבליבן ליגן מיט אַ צושפאָלטן קעפעלע אין גאַנצן באַוועגלאָז...

„דו קענסט ניט! האָט זיך יאַנקעלע גענומען רייצן מיט אים. אנו לאָמיר זעהן, צי דו קענסט כאַפן", האָט זיך סעמעלע אָנגערופן אַ בייזער... יאַנקעלע האָט גענומען זיין קעצעלע און אַ וואָרף גע־

טאָן הויך אין דער לופטן: נאָך העכער ווי סעמעלע... און זיך גרייט געמאַכט עס צו כאַפּן... נאָר ווען ס'איז געקומען צום כאַפּן, האָט זיך סעמעלע צולאַכט אויפן קול... יאַנקעלע האָט זיך דער־שראָקן און אַוועקגעכאַפּט די האַנט... מיט אַ בראַזג איז דאָס צוויי־טע קעצעלע אַראָפּגעפאַלן און זיך אין גאַנצן צוקלאַפּט... און גע־בליבן ליגן, אַ צובלוטיקטע אויפן האַרטן פּלאַסטער פון יאַרד...

ניט ווייט פון די שטיגן איז געשטאַנען אַ פּעסל אָנגעפילט מיט רעגן־וואַסער. בעני, וועלכער האָט אויך געהאַלטן אַ קעצעלע, איז צוגעגאַנגען צום פּעסל און איינגעטונקען דאָס קעצעלע אין וואַ־סער, איך וועל דאָס אויסלערנען שווימען, האָט ער זיך אָנגערופן צו זיינע חברים. דאָס קעצעלע דערפילנדיק דאָס קאַלטע וואַסער, האָט זיך גענומען צאַפּלען אין זיינע הענט... און מיאַווקען מיט אַלע כחות...

די קאַץ האָט זיך דערוויל געשטילט דעם הונגער און אַ זאַטע האָט זי זיך געלאָזן גיין צוריק צו אירע קעצעלעך. צוקומענדיק צום יאַרד האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי הערט אירע קעצעלעך מיאַווקען... שנעל האָט זי זיך גענומען לויפן צום יאַרד...

אַזוי שנעל ווי די קינדער האָבן זי דערזען, זיינען זיי זיך צולאָפן אין אַלע זייטן. בעני האָט דערהערט, אַז די קאַץ לויפט, האָט ער פּאָר גרויס שרעק אויפגעעפנט די האַנט און דאָס קעצעלע איז אַריין אין פּעסל וואַסער... בול־בול־בול... זיינען אַרויפגעשוואו־מען עטלעכע בולבעלעך אויף דער אויבערפלעך פון פּעסל וואַסער... ווייטער איז אַלעם שטיל געבליבן...

דאָס פערטע אינגעלע, דערזעענדיק ווי אַלע אינגלעך לויפן אַוועק, און ווי די קאַץ לאָזט זיך גלייך צו אים: האָט ער שנעל אַריינגעוואָרפן דאָס פערטע קעצעלע וואָס איז פאַרבליבן ביי אים אין האַנט, צוריק אין קעסטעלע, און זיך געלאָזן לויפן צוזאַמען מיט די אַנדערע אינגלעך...

די קאַץ איז די ערשטע זאַך צוגעלאָפן צום קעסטעלע, און דער־זעענדיק, אַז ס'איז דאָרט בלויז פאַראַן איין קעצעלע, האָט זי זיך גענומען זוכן די אַנדערע קעצעלאַך... אין מיטן יאַרד אויפן שטיי־נערנעם פּלאַסטער האָט זי געפונען צוויי קעצעלעך ליגנדיק שטיל,

רואיק, מיט צושפּאַלטענע קעפּלעך, פון וועלכע בלוט האָט נאָך גערינען... זי האָט גענומען אַרומלעקן דאָס פאַרוואונדעטע קעפּעלע פון אַלע זייטן, איבערגעדרייט דאָס קעצעלע אויף דער אַנדערער זייט, און עס ווייטער אַרומגעלעקט... נאָר שטיל איז דאָס קעצעלע געלעגן און זיך ניט גערירט פון אָרט...

זעענדיק, אַז איר לעקן העלפט גאָרניט, האָט זי זיך געלאָזן צום צווייטן קעצעלע און עס גענומען אַרומלעקן אַזוי ווי דאָס ערשטע... נאָר אומזיסט איז געווען איר לעקן, אומזיסט איז געווען איר לאַסטשען... ווייל אויך דאָס צווייטע קעצעלע האָט שוין מער ניט געלעבט... און פון טויט לעבעדיג מאַכן קען מען ניט...

זעענדיק, אַז זי קען די צוויי קעצעלעך גאָרניט העלפן: האָט זי זיך געלאָזן זוכן איר דריטע קעצעלע... אין אַלע ווינקלעך אין יאַרד האָט זי איר דריטע קעצעלע געזוכט... נאָר אומזיסט איז געווען איר זוכן... שטיל איז זיך דאָס דריטע קעצעלע געלעגן אויפן דנאָ פונם פעסל וואַסער: דערלייזט פון איר ראַנגלען זיך מיטן טויט אַרויפשיקענדיק איר לעצטן בול-בול-בול... אויף דער אויבער-פלעך פון וואַסער: אַלס איר לעצטן „זיי געזונט" צו דער ליכטיקער וועלט, וועלכע זי האָט ניט דערלעבט צו זען... ווייל צוגעמאַכט זיי-נען נאָך אירע אויגעלעך געווען...

זעענדיק, אַז זי קען איר דריטע קעצעלע אין ערגעץ ניט גע-פינען, איז זי צוריק צום קעסטעלע, וואו איר פערטע קעצעלע איז געלעגן און געמיאַוקעט, מיאַו, מיאַו...

מיט ליבשאַפט האָט זי גענומען אַרומלעקן איר לעצטע קעצעלע דרייענדיק עס אין אַלע זייטן, ווי וועלנדיק זיך איבערצייגן צי ס'איז דאָס קעצעלע באַמש קיין בייז ניט געשען... דאַן האָט זי גענומען דאָס קעצעלע אין מויל אַריין, און זיך געלאָזן צו די שטיגן, וואָס האָבן געפירט צו די אויבערשטע עטאַזשן...

דערגרייכנדיק דעם ערשטן פלאָר, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ טיר פון אַ פרוי, ביי וועלכער זי האָט געפלעגט אָפט אַריינקומען אין הויז: זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס און מיט די פאָדערשטע פיס האָט זי גענומען גראַבלען אין דער טיר... די פרוי מיינענדיק, אַז אימיצער פּראָוווט די טיר, האָט זיך

אָנגערופן „קאָם אין", נאָר זעענדיק, אַז קיינער עפנט ניט די טיר, איז זי אַליין צו צום טיר און זי געעפנט... און דערזעענדיק נאָר אַ קאַץ שטעענדיק אויף די הינטער־פיס האַלטנדיק עפּעס אין מויל... האָט זי גענומען שרייען הויך אויפן קול „גערארע היר, גערארע היר"...

אומדאַנקבאַרע פרוי, האָט זיך די קאַץ געדענקט; איר גאַנצע הויז האָב איך פון מייז אויסגערייניקט, און איצט ווען איך וויל ראַטעווען מיין לעצטע קעצעלע פון די שלעכטע אינגלעך אין יאַרד; טרייבט זי מיך פון הויז...

נאָר געזאָגט האָט זי גאָרניט, ווייל אַ קאַץ קען דאָך ניט ריידן, און מיאַווקען האָט זי דאָך אויך ניט געקענט: ווייל זי האָט איר לעצטע קעצעלע געהאַלטן אין מויל. גייט זי זיך אַזוי אַרויף אויפן צווייטן שטאָק: שטעלט זיך אַוועק ביי אַ טיר פון אַ באַקאַנטער פרוי, ביי וועלכער זי האָט אויך אַמאָל אויסגערייניקט דאָס הויז פון מייז: שטעלט זיך ווייטער אַוועק אויף די הינטער פיס און מיט די פאָדער פיס נעמט זי ווייטער גראַבלען אין טיר...

נאָר די קינדער אין הויז, האָבן אַזויפיל געטומלט, אַז מען האָט איר גראַבלען אין גאַנצן ניט געהערט... וואַרט אַזוי די קאַץ געדולדיק און וואַרט, נאָר קיינער עפנט ניט. גייט זי זיך אַזוי אַרויף אויפן דריטן שטאָק, און נעמט גראַבלען אין טיר... נאָר דאָרט איז קיינער אין הויז ניט געוועזן, ווייל די פרוי איז געגאַנגען אין מאַרק אַריין עפּעס איינקויפן. די קאַץ שפּיצט אָן אירע אויערן צו הערן צי עמיצער איז דאָ... נאָר שאַ, שטיל, קיינער איז אין הויז ניטאָ, מיט שנעלע טריט גייט זי אַרויף אויפן פערטן שטאָק, און שטעלט זיך אַוועק ביי יאָסעלעס טיר.

יאָסעלע פלעגט זיך אַלעמאָל מיט איר שפּילן און איר קיין מאָל קיין בייז ניט געטאָן, נאָר יאָסעלעס מאַמע פלעגט זי אַלעמאָל פון הויז טרייבן, און אָנשרייען אויף יאָסעלען, אַז ער זאָל זיך ניט שפּילן מיט קיין קעץ. ווייל ער וועט נאָך באַקומען אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ, נאָר וועלנדיק ראַטעווען איר לעצטע קעצעלע פון די שלעכטע אינגלעך אין יאַרד, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט ביי יאָסעלעס טיר, מיט

דער האָפנונג, אַז פּיליכט וועט יאָסעלעס מאַמע דאָך מיטלייד האָבן מיט איר, און איר העלפן ראַטעווען איר לעצטע קעצעלע, שטעלט זי זיך אַזוי אַוועק אויף די הינטער־פיס: און נעמט ווייטער גראַבלען אין טיר.

יאָסעלעס מאַמע האָט געעפנט די טיר: און זעענדיק די קאַץ שטיין אויף די הינטער פיס האַלטנדיק עפּעס אין מויל, האָט גענומען שרייען מיט באַנומענע קולות „גערעטע היר, דו פּאַסקודסטווע!” געהערט אַ נייעס? מייז גייט זי מיר ברענגען אין שטוב אַריין, אַ־ז־אַ!

שטיל האָט זיך די קאַץ אויסגעדרעהט און זיך געוואָלט לאָזן געגן אויפן פינפטן שטאָק, נאָר אָט איז יאָסעלע געקומען צו לויפן מיט איין אָטעם: און זעענדיק ווי די מאַמע טרייבט אַוועק די קאַץ, האָט ער זיך אָנגעבויגן צו איר און זי גענומען גלעטן אין רוקן... און אַרויפקוקנדיק צו דער מאַמע, האָט ער זיך גענומען בעטן ביי דער מאַמע, „פּליז, מאַמע דיער, ניט טרייב זי אַוועק די קאַץ פון דאַנען”, לאָז איר אַריין אין הויז, דאָס איז ניט קיין מויז וואָס זי האַלט אין מויל, דאָס איז איר קעצעלע, איך האָב געהערט ווי די שלעכטע אינגלעך אין יאַרד האָבן דער’הרג’עט אירע דריי קעצעלעך, איך געהערט אין גאַס, זי גענומען איר לעצטע קעצעלע אין מויל און אַנטלאָפן אַהער, בין איך שנעל אַרויפגעלאָפן זען וואו זי גייט, איך בעט דיך גוטע מאַ, ניט טרייב זי אַוועק, די שלעכטע אינגלעך וועלן נאָך איר לעצטע קעצעלע אַוועק’הרג’ענען. און די קאַץ פילנדיק יאָסעלען נעבן זיך און הערנדיק ווי ער בעט אַזוי די מאַמע פאַר אירעט וועגן, האָט געקראָגן מוט, און איז ווייטער שטיין געבליבן און אויך גענומען בעטן זיך ביי יאָסעלעס מאַמע, נאָר ניט מיטן מויל האָט זי גענומען בעטן, ווייל אַ קאַץ קען דאָך ניט ריידן, און מיאַווקען האָט זי דאָך אויך ניט געקענט; ווייל זי האָט דאָך געהאַלטן איר קעצעלע אין מויל, נאָר געבעטן האָט זי, ליבע קינדערלעך, ווייסט איר מיט וואָס? מיט אירע אויגן, נאָר ניט אַלע מענטשן קענען פאַרשטעין אויגן־שפּראַך, נאָר ריינע, גאַנץ ריינע הערצעלעך קאָנען עס פאַרשטעין, און יאָסעלע האָט עס פאַרשטאַנען, ווייל אַן אײדל הערצעלע האָט ער געהאַט, ער האָט גע־

לייענט פון אירע אויגן, איר גאַנצן ווייטאָג, איר צעבראָכן האַרץ, ווי זי בעט זיך ביי זיין מאַמען, „ליבע גוטע פרוי, ביזט אויך אַ מאַמע, האָב רחמנות אויף אַ מאַמעס צעבראָכן האַרץ, זיי האָבן מיר דאָך אַלע קעצעלעך דער'הרג'עט, דאָס לעצטע קוים געראַטע־וועט אין צייט...

יאָסעלע האָט גענומען בעטן פאַרצווייפלט, מאַמע גוטע! טו נאָר אַ קוק אויף אירע אויגן ווי זי בעט זיך ביי דיר, ווייטער האָט ער ניט געקענט ריידן, טרערן האָבן אים גענומען שטיקן אין האַלז און ער האָט זיך צעוויינט הויך אויפן קול...

אַל־רייט, זאָל שוין זיין, האָט די מאַמע געזאָגט, ווישנדיק זיך די אויגן מיטן פאַרטוך, קאָנסט איר אַריינגעמען אין הויז.

הערנדיק דאָס, איז יאָסעלע אַרויפגעשפּרונגען אויף דער מאַ־מען מיט דער פלינקקייט פון אַ קאַץ, און זי גענומען קושן און האַלזן.

נו, זאָל שוין זיין געגנוג, האָט זיך יאָסעלעס מאַמע געבעטן ביי אים, און אים אויך פון איר זייט גענומען קושן...

די קאַץ זעענדיק אַז יאָסעלע האָט שוין אויסגעפירט ביי דער מאַמען פאַר אירעט וועגן איז זי באַלד אַריין דורך דער געעפנטער טיר אין קיך אַריין, און יאָסעלע באַלד נאָך איר, און גענומען שפרינגען פאַר גרויס פרייד.

ער האָט באַלד אויסגעליידיקט זיין קעסטעלע פון די שפּילע־רייען, און עס אָנגעפילט מיט ווייכע זאַכן, און אַהין אַריינגעלעגט דאָס קליינע קעצעלע. די קאַץ האָט אים געלאָזן אַלעס טאָן. זי האָט געוואוסט, אַז יאָסעלע וועט איר קעצעלע קיין שלעכטס ניט טאָן. און ווען די מאַמע האָט אים שפּעטער געגעבן אַ גלאָז מילך צום טרינקען, האָט ער בלויז אַ האַלב גלאָז געטרונקען און די אַנ־דערע העלפט האָט ער אַריינגעגאָסן אין אַ טעלערל און דערלאַנגט דער קאַץ.

וואָכן זיינען אַוועק און דאָס קליינע קעצעלע איז אונטערגע־וואַקסן און געוואָרן אַ שעהן קעצעלע, און אַ שפּילערקע איז דאָס

געווען! קוים האָט יאָסעלע אַרונטערגעלאָזן זיין באַל, האָט זי זיך באַלד גענומען יאָגן נאָך דעם און יאָסעלע האָט עס גענומען קייקלען פון איין אָרט צום צווייטן און דאָס קעצעלע איז נאָכגעלאָפן עס כאַפּן, און די גרויסע קאַץ האָט אויס דאַנקבאַרקייט צו יאָסעלען גענומען רייבן איר רוקן אָן יאָסעלעס פוס, דרייענדיק מיטן עק פאַר גרויס פרייד. און די זון האָט אַריינגעשמייכלט דורך די אָפענע פענצטער און באַשיינט מיט אירע גאָלדענע שטראַלן די דריי ליבענדע חברים, יאָסעלע, די קאַץ און דאָס קעצעלע.

שמחה דער געלער

שוין צוואַנציק יאָר, ווי שמחה דער געלער פרעסט הויזן אין אַמעריקאַ. ווערענד דער צייט האָט ער אַריבער גענומען זיין פאַמיליע אַהער, די צוויי אינגלעך געלאָזט דורכגיין אַ פאַלקסשול, זיי אויסגעלערנט אַ טרייד, חתונה געמאַכט, און פאַרטיק...

איצט אויף די עלטערע יאָרן איז ער זיך ערשט מחיה; פון די אָפּגעשפּאָרטע פאָר דאָלאַר האָט ער געקויפט אַן אַלטע הייזקע, געוואָרן אַ לענדלאָרד אויף דער עלטער, און געלעבט מיט זיין אַלטיטשקער צופרידן.

פאַר די צוואַנציק יאָר, וואָס ער איז אין אַמעריקאַ האָט ער דורכגעמאַכט, די אַלע פאַרשיידענע צרות פון אַן אַרבעטער; סלעק, סטרייקס, און אַנדערע אַרבעטערס גליקן, נאָר איצט אויף דער עלטער איז ער צופרידן פון אַלעמען, און אַלעם טייטשט ער אויס אויף גוטן... אָט האָט מען איינגעפירט שטיק־אַרבעט, פון וועלכע אַנדערע זיינען ניט שטאַרק צופרידן; און ביי אים איז עס גראָד, איינע פון די בעסטע זאַכן, וואָס עס קאָן געבן — ערשטענס, האָט קיינער קיין טענות צו אים, אַז ער אַרבעט צו פּאַוואָליע, דער באָס קען אים ניט אַרויסיאָגן די קישקעס, וואָס דאַרף ער זיך אין גאַנצן צו יאָגן? פאַר זיך מיט דער אַלטיטשקער האָט ער גענוג פון זיינע פאַרדינסטן, און ער קאָן נאָך אַוועקרייסן אַ פּאָר דאָלאַר אויף אַהיימצושיקן קיין יוראָפּ צו דער משפחה.

זיצט ער אַזוי שבת נאָכן קוגל און שעפּט נחת פון אַמעריקאַ... אַזאַ טייער מדינה אַמעריקאַ איז, אין דער אַלטער היים איז ער געשטאָרבן צען מאָל אַ טאָג פאַר הונגער, געאַרבעט פערצן, פופצן שטונדן אַ טאָג און קוים, קוים געקאָנט אויסאַרבעטן אויף אַ זייער געמוטשעטן לעבן; און ווען ס'איז געקומען אויף אַ יום טוב, איז ניט געווען פון וואַנען דער ווייב צו מאַכן אַ קליידל, צי פאַר די קינדער אַ פאָר שיכלעך, און מ'האָט געמוזט אָנקומען צו דער משפחה אים אַרויסצוהעלפן... און איצט, אַז ער דאַרף צו קיינעם ניט אָנקומען, און ער קאָן נאָך דער משפחה אַרויסהעלפן און זיי

אויף יום טוב צושיקן אַ פּאָר דאָלאַר, זעט מען דאָך, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט... איין קליינינקייט, ער, שמחה דער געלער, וואָס איז צען מאָל אַ טאָג געשטאָרבן פון הונגער, זאָל פאַר זיך אַליין קאָנען מאַכן אַ לעבן, און באַצאָלן זיינע אַלטע חובות מיט פּראָצענט... אוי, ווי גוט ס'איז, ווען מ'קאָן יענעם אַרויסהעלפן אין דער נויט...

ס'הויז איז שוין באַלד אויסגעצאָלט; און מ'וועט האָבן וואו צו וואוינען אויף די עלטערע יאָרן, ווען ס'וועט ניט זיין קיין כח צו אַרבעטן. ער רעדט פון די עלטערע יאָרן אַזוי ווי ער וואָלט נאָך גאָר אַ יונגערמאַנטשיק געווען... געוויינטלעך רעדט ער אַזוי שבת נאָכן עסן, ווען ער זיצט אַזוי ביים טיש אַ זאַטער, אַן אויסגערועטער, און רעדט זיך דורך מיט דער אידענע. אַ גאַנצע וואָך איז ער גראָד ניט אַזוי גוט אויפגעלייגט. ווען ער קומט זומער אין די גרויסע היצן אַהיים פון דער אַרבעט אַ פאַרשוויצטער, אויסגעפּאַרעט פון דער שטיקענדער היץ אין שאַפּ ביים פּרעס־אייזן, אויסגעוועיקט דורך און דורך, אַז דאָס העמד קלעפּט זיך אַזש צום לייב... ווייסט שוין דאָס ווייב זיינס, אַז דאָס עסן דאַרף שטיין אָנגעגרייט אויפן טיש, און טאַקע אַ סך... דאָס איז אים אָפּנים, געבליבן פון די אַלטע צייטן, ווען ער האָט ניט געהאַט זאַט אָפּצועסן אין דער אַלטער היים, שלינגט ער עס איצט אַזוי ווי אַ הונגעריגער וואָלף און האַלט מיט איין האַנט צו דעם טעלער, ווי איינער וואָלט עס אים וועלן אויסכאַפּן, און שלינגט אַזוי גאַנצע שטיקער ניט צעקייעטערהייט, אָנפּילנדיק זיך די קישקע. אָפּגעגעסן, קאָן ער קוים כאַפּן דעם אָטעם, עפּנט דעם סטראַפּ, וואָס איז אים געוואָרן צו ענג אַרום בויך. זיצט אַזוי אַ ווייל, דאַווענט מעריב און לייגט זיך שלאָפן... ווייסט שוין זיין ווייב, רבקה, אַז איצט איז זי פריי און קאָן זיך גיין וואו זי וויל.

ווען שמחה לייגט זיך אַוועק שלאָפן, ליגט ער אַזוי ווי אַ גע־הרג'עטער אַ גאַנצע נאַכט, ביז דער וועקזייגער וועקט אים אויף פאַר טאָג. אַך, ווי ער האָט עס פיינט דעם וועקזייגער?... גראָד אין דער פרי איז דער בעסטער שלאָף, און עס ווילט זיך אַזוי אויס־

גלייכן די ביינער, נאָר ס׳העלפט ניט, מ׳דאַרף נאָך דאַווגען, עסן אָנבייסן און אַנטלויפן צו דער אַרבעט...

דערפאַר איז טאָקע, שבת אַ מחיה... ערשטענס, דאַרף מען ניט אויפשטיין, ס׳הייסט אויפשטיין, שטייט מען טאַקע אויף, נאָר ניט ווען דער וועקזייגער קלינגט, נאָר ווען די אָפּגעהאָרעוועטע ביינער זיינען אַביסל אויסגערוט, ליגט מען נאָך אַ ווײַלע און מען שעפּט נחת, וואָס ס׳איז היינט שבת, און מען דאַרף ניט לויפן אין שאַפּ אַריין פרעסן הויזן. נאָך דעם דאַווגען, וואַרט אין דער היים אַ שבת׳דיקער מיטאָג פון אַלעם גוטן, און דערנאָך, ערשט קאָן מען זיך צולייגן אויסרוען די ביינער, און כאַפּן אַ גוטן שבת׳דיקן דרימל... דערפאַר, אַז עס קומט שבת, קוועלט שמחה, גאָר אָן פון אַמעריקאַ...

איין אָוונט קומט שמחה אַהיים פון דער אַרבעט אַן אָנגעכמור־עטער: ס׳וויב גיט אים עסן ווי געוויינטלעך, נאָכן עסן וואַרט זי צו הערן עפּעס אַ וואָרט פון אים, נאָר ער שווייגט, ווי יורקעס הונט. — וואָס איז געשען, שמחה? וואָס מאַכסטו עפּעס אַזאַ זויער פּנים? די שיפן זיינען דיר אונטערגעגאַנגען? נאָר שמחה שווייגט... נו, רעד שוין אַרויס אַ וואָרט, נעם מיר ניט אַרויס די נשמה... גאָרניט, בורטשעט שמחה אונטערן נאָז, וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו מיין לעבן — לאָמיר כאַפּן דעם אָטעם.

זיך אויסגערוט אַביסל, הויבט שמחה אָן פון זיך אַליין צו ריידן — שוין דאַכט זיך צוואַנציק יאָר, אַז איך פּרעס הויזן און גאָרניט, דאַכט זיך אַלעם גוט... וואָס האָסטו שוין ווייטער געגומען פילאָזאָפירן, שלאָגט אים ס׳וויב איבער — וואָס שלאָגסטו איבער די רייד?... ווערט שמחה אין כעס; — בהמה וואָס דו ביסט, ווייסט דאָך גאָרניט, וואָס איך וויל דיר זאָגן...

— שטיי איך אַזוי און פּרעס הויזן ווי אַלע מאָל און גאָרניט, פּלוצים כאַפּט מיר אָן אַזוי ווי אַ קראַם אין די פינגער און ס׳פאַלט מיר אַרויס דאָס אייזן פון דער האַנט — וויל איך עס אויפהויבן קאָן איך ניט און מוז עס אויפהויבן מיט דער לינקער האַנט... לאַכן זיי דאָרט אַלע פון מיר די יונגע צוצאַקעס און זאָגן מיר, אַז איך בין שוין אויסגעשפּילט, אַז איך דאַרף שוין גיין אין מושב זקנים...

אַזעלכע שנעקעס... איך קאָן נאָך איצט אָפּפרעסן אַ בעסערע פּאָר הויזן פון זיי, די קאַליקעס, די באַטשערס, וואָס זיי זיינען, — נאָר וואָס דאַרפסטו זיך אַזוי קאָכן, שלאָגט אים רבקה איבער די רייד... — אַ חוצפּה דאָס איז פון שנעקעס, קאָן זיך שמחה אַלץ ניט באַ־רואיקן...

ער בלייבט זיצן אַ פאַרטראַכטער — וואָס קען עס אָבער פּאַרט זיין ?... נעמט זיך שמחה ווייטער גריבלען, עס האָט מיר נאָך קיינ־מאָל ניט פּאַסירט, ס'פאַלט אַרויס ס'אייזן פון דער האַנט און איך קאָן עס ניט אויפהייבן ? טאָ גיי צום פּאַראַיינס־דאָקטאָר, רופט זיך רבקה אָן, ס'קאָסט דיך סיי ווי דער דאָקטאָר. עט — מאַכט שמחה אַוועק מיט דער האַנט, זיי פאַרשטיין אַלע אַ קרענק, באַלד וואָס, פאַרשרייבן זיי דיר פּראָשקעס, מיט מעדיצינען, מיט אַלדע שוואַרץ יאָר, עט, ווער דאַרף זיי האָבן ?... כ'וועל זיך בעסער גיין לייגן שלאָפן, מ'דאַרף גאַנץ פרי אויפשטיין צו דער אַרבעט...

גייען אַוועק אַ פּאָר טעג און שמחה האָט זיך באַרואיקט, און אַ פרייליכער דערציילט ער דער ווייב, ווי ער האָט זיי היינט גע־צייגט, אַז ער קאָן פּרעסן מער הויזן פון זיי... נאָר ווער דאַרף זיך אַרויסיאָגן די נשמה ? פּאַר אונדז ביידן האָב איך גענוג אַזוי אויך, נאָר כ'האָב זיי געמוזט פאַרשטאָפּן די מיילער און זיי צייגן, ווער עלטער איז, און זאָלן זיי ניט לאַכן אַ צווייטן מאָל...

מיט אַפּעטיט האָט ער היינט געגעסן דאָס נאַכטמאָל, וואָס דאָס ווייב האָט אים אָנגעגרייט; אַ שיסל איינגעדעמפּטע קרויט פאַר פאָרשפּייז, אַ שיסל קאַרטאָפליעס מיט שמאַלץ, אַ שיסל זופּ, אַ היבשע פּאָרציע פלייש מיט צושפּייז און טיי... ווען מ'האָט אים געזען עסן האָט מען געקאָנט שווערן, אַז ער האָט שוין אַזוי אַ יאָר צייט ניט געגעסן... נעמט אַ לעפל קאַרטאָפליעס קוקט עס אָן אַ ווײַלע און באַפּט עס אַריין אין מויל אַריין, — וואָס יאָגסטו זיך אַזוי, ס'וועט דיר קיינער ניט אויסכאַפּן, ס'לויפט דיר קיינער ניט נאָך... דאָס איז דאָך דאָס אומגליק מיט דיר, וואָס דו האַלטסט זיך אין איין יאָגן צי דו דאַרפסט, צי דו דאַרפסט ניט... נאָר שמחה ענטפערט ניט דער ווייב, נאָר האַלט אין איין שלינגען, (דאָס איז אים געבליבן פון די אַלטע צייטן ווען ער האָט ניט געהאַט זאַט

אַפּצועסן) — ביים צושפּייז מוז ער שוין עפּענען דעם סטראַפּ, און לויזער מאַכן די הויזן, און ביי דער טיי דרימלט ער שוין אונטער אַביסל....

אין מיטן נאַכט כאַפּט זיך שמחה אויף און פילט אַזוי מאָדנע, עס באַגיסט אים אַ קאַלטער שוויים, ווייל ער זיך אָפּווישן דעם שוויים פון שטערן, קאָן ער ניט אויפהייבן די רעכטע האַנט... וואָס איז דאָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר? ווייל ער אַראָפּגיין נאָך אַביסל וואַסער, ליגט דער רעכטער פוס ווי אַ קלאָץ און ער קאָן אים ניט אַ ריר טאָן, דערשרעקט זיך שמחה און וויל רופן פאַר הילף — רבקה, רבקה, טו נאָר אַ קוק, וואָס ס'טוט זיך דאָ... דערקאָנט ער ניט זיין אייגן קול, עפּעס אַזוי ווי מיט אַ האַלבן מויל, אַזוי ווי אַן אַנדערער וואָלט עס גערופן...

שפּרינגט רבקה אַראָפּ פונם בעט, ניט טויט, ניט לעבעדיק, און מאַכט ליכטיק, גייט צו צו זיין בעט און דערזעט איר גרויס אומגליק... אַ האַלב פּנים פאַרקרימט, דאָס רעכטע אויג, ווי אַ שטיק גלאָז קוקט גלייך אָן אויסדרוק. זי הויבט אים אונטער די רעכטע האַנט, פאַלט זי צוריק אַראָפּ אויפן בעט ווי אַ קלאָץ. נעמט רבקה מאַכן געוואַלדעס, אַז שכנים לויפן זיך צוזאַמען אויף איר בייזן וואונדער... רופט איינער אַן אַמבולאַנס און מ'כאַפּט אים אַוועק אין שפּיטאָל. אַ צוויי וואָכן שפּעטער ברענגט מען אים אַהיים אַ קריפּל. די רעכטע זייט אין גאַנצן אָפּגעשטאָרבן, קומען אים באַקאַנטע און קרובים באַזוכן און מ'טרייסט אים, אַז ס'וועט אים בעסער ווערן, ער דאַרף נאָר האָבן אַביסל געדולד, אָט איז יענער אויסגעהיילט געוואָרן, אָט איז דעם בעסער געוואָרן... שמחה הערט זיי געדולדיק אויס, נאָר פּלוצים שיסט ער אויס מיט כעס, „וואָס האָט ער געהאַט צו מיר? וועמען האָב איך דען פאַר אַ שלעכטס געטאָן?" אָט הענגט אַ זייגער אויף דער וואַנט, נעם דיר צו דעם זייגער — נעם דיר צו די שבת'דיקע לייכטער: נאָר וואָס האָסטו צו מיין פוס? צו וואָס דאַרפסטו האָבן מיין האַנט?... דאַרף איך דאָך האָבן מיין רעכטע האַנט צום פאַרעסן הויזן... שטיי איך דאָך אַ גאַנצן טאָג אויף די פיס, דאַטשעפּע קיינעם ניט, מאַך מיר אַ לעבן פון מיינע צען פינגער — היט דאָך אָפּ אידישקייט ווי דו אַליין

האָסט געבאָטן; טאָ, וואָס האָסטו צו מיר? גיב מיר צוריק מיין רעכטע האַנט מיטן פוס איך זאָל קאָנען מאַכן אַ לעבן...

גיסן זיך טרערן פונם געלעמטן אויג, וואָס איז שוין אין גאַנצן ענטצינדן און רויט פון וויינען... געקוילעט האָסטו מיך און ניט דערקוילעט... אַט ווילסטו ניט, אַז שמחה דער געלער זאָל מער פּרעסן הויזן, נעמט מען אים צו די נשמה און פאַרטיג... איך וואָלט צו דיר קיינע טענות ניט געהאַט; ס'דיין נשמה און שוין... נאָר, אַז דו נעמסט מיר ניט צו די נשמה, ווילסטו דאָך, אַז איך זאָל נאָך לעבן, טאָ גיבזשע מיר צוריק די האַנט, אַז איך זאָל קאָנען מאַכן אַ לעבן...

אין אַזעלכע שטונדן איז אים שווער געווען צו באַרואיקן, ער האָט געערעדט און געערעדט ביז ער איז פון זיך אַליין שטיל געוואָרן.

די פּאָר דאָלאַר אויפגעגעסן, האָט מען געמוזט די הייזקע פאַרקויפן, און נאָך פאַרלירן אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר.

צו זיין זיכער, אַז ער זאָל האָבן וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, האָט ער זיך אַריינגעצויגן צו זיין עלטערן זון אין הייזקע, און אים באַצאָלט פאַר אַ גאַנצן יאָר דירה געלט אין פאָראויס.

פאַרגעסט זיך שמחה אַביסל אָן זיינע צרות, און אָן זיינע טענות צו גאָט, ווען ער שפּילט זיך מיט זיינע אייניקלעך, וועלכע פאַרנעמען אַ היבשע ביסל פון זיין צייט.

דער זון זיינער, אַן אָרימער אַרבעטער, וואָס מוטשעט זיך אויף אַ לעבן צו מאַכן, מוז זיך נאָך דרייען אַ קאָפּ ווי אויסצוצאָלן די הייזקע זיינע, וועלכע פעלט אים ווי אַ לאָך אין קאָפּ... קומט אַהיים ביי נאַכט אָן אָפּגעהאָרעוועטער, עסט אָפּ נאַכטמאָל און גייט שלאָפן. אים גייט ניט אָן, וואָס ס'טוט זיך אין הויז, ער הערט זיך ניט איין צו די מעשיות פון דער ווייב, וואָס האַלט אין איין אָנריידן אויף דער שוויגער, דער מאַמען זיינער. ער דרייט זיך אויס צו דער וואַנט און רייד מיר צום דאָשעק... ווערט דאָס ווייב זיינס, וואָס אַמאָל אַלץ מער פאַרביטערטער אויף דער שוויגער און נעמט זיך אויך גאַנץ אָפּט קריגן... רייסט מען זיך אַזוי, טאָג איין טאָג אויס, ביז ס'קומט צו אַ קלימאַקס... אין אַ נייער קריגעריי, נעמט

די שנור שרייען צו דער שוויגער „ארויס פון דאנען, דו אלטע מכשפה דו"...

קומט דער זון אהיים פון דער ארבעט, נעמט דאס ווייב אָנ־ריידן אויף דער אלטער, אזוי און אזוי... אז מער וויל זי די שוויגער אין הויז ניט האָבן, א. אז. וו... קוקט רבקה אויפן זון אירן, און ס'דאכט זיך איר, אז ער האלט מיט איר, ווערט זי פעסטער ביי זיך, זעצט זיך אוועק אויף א בענקל אין מיטן שטוב און זאָגט „אָט דאָ איז מיין היים, און איך וועל דאָ פארבלייבן, און דו קאָנסט דיר טאָן וואָס דו ווילסט"...

ענטפערט איר די שנור מיט כעס, אז אויב זי פארבלייבט דאָ, דאַן גייט זי נאָך היינט ביי נאכט אוועק פון הויז, אז זי וועט מיט איר אונטער איין דאך ניט פארבלייבן.

קוקט רבקה מיט געבעט אין אירע אויגן צום זון, ער זאָל עפּעס מיט א וואָרט איר ארויסהעלפן; נאָר ער שטייט פארלייגן, און ווייס ניט וואָס צו טאָן, און שמייכלט נאריש אונטער די וואנצעס.

זעט שוין רבקה, אז ס'איז א שפּיל פארן טייוול; זי פאר־שטייט, אז ער דארף דאָך דאָס ווייב גיכער ווי די מאמע: טרערן גיסן זיך פון די אלטע אויגן... אל־רייט, איך וועל גיין... איך האָב דאָ באצאָלט פאר א גאנצן יאָר דירה געלט, און איך וואוין ערשט דאָ ניין מאָנאטן, נאָר דאָס מאכט ניט אויס, מאָרגן אין דער פרי גיי איך זוכן א נייע דירה...

אין אן אָרימען פערטל האָט זי געפונען צוויי רומקעס פון בילינגסטן סאָרט, אין א הייזקע, וואָס איז געווען אויפגעשטעלט אין יארד, אין גאנצן פארשטופּט, ארויסקוקנדיק פון פענצטער האָט מען געקאָנט זען דעם קליינעם הויף, און די אונטערשטע פענצטער פון פאָדערשטן הויז...

גייט רבקה אוועק איינקויפן, בלייבט שמחה אליין מיט די פיר ווענט עלנט, אומעטיק, אליין... ווערט די האנט מיטן פוס אלץ ערגער און ערגער, און ער קאָן זיך קוים מיט שווערער מי אראָפּ־שלעפּן פונם בעט, ביז צום בענקל ביים טיש און מיט שווערער מי אוועקזעצן זיך אויפן בענקל ווי א קלאָץ.

ציִען זיך די טעג אַזוי לאַנג ווי דער אידישער גלות... ניטאָ די אייניקלעך מיט וועמען זיך צו שפּילן, און עס הערט זיך בלויז דאָס אומעטיקע קלאַפּן פונם וואַנט-זייגער... שמחה באַקלאָגט זיך מער ניט אויף זיין ביטערן מזל, צומאָל, הייבט ער גאָר אָן לאַכן, און פאַרענדיקט עס שפּעטער מיט אַ געוויין...

צוזאַמען מיטן געליימטן האַנט און פוס ווערט אים אויך דאָס געהירן פאַרנעפּלט, דער קערפּער ווערט אים וואָס אַמאָל אַלץ דיקער און געזינטער פון ווייניק באַוועגונג און שטענדיק זיצן.

קומט ווער באַזוכן, ווערט ער גאָר מלא שמחה, און דערפרייט זיך פון גאַנצן האַרצן... אַי גוט, אַי גוט, געקומען מיך באַזוכן... הייבט ער אָן צו לאַכן און פאַרגעסט גאָר וועגן אויפצוהערן... ווערט ס'ווייב אין כעס אויף אים — וואָס לאַכסטו, אומגליק מיינס? אַ גליק האָט דיך באַפליאַסקעט?... האַ, האַ, האַ, קאָן זיך שמחה ניט איינהאַלטן פון לאַכן — אַ שלעכטע אידענע, קאָן ניט ליידן, אַז איך לאַך... וואָס אַרט עס דיר, אַז איך לאַך? כל זמן, מ'לעבט דאַרף מען לאַכן... צום שטאַרבן האָב איך נאָך אַ סך צייט... וואָס? איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועט מען מיך דאָרט ניט צו־נעמען?... איך בין דאָך דאָרט אַ מעמבער אויף יענער וועלט — האַ, האַ, האַ, לאַכט ער פון דער אייגענער חכמה...

באַקלאָגט זיך רבקה פאַר אַן אַמאָליקער שכנה, און רעדט זיך אויס דאָס האַרץ — „איר זעט מיין אומגליק?” אַזוי האַלט ער עס אַ גאַנצן טאָג אין איין לאַכן... שוין וואָכן־לאַנג, אַ אידיש וואָרט אין מויל ניט גענומען... קאָנסט ניט דאַוונען מיט די תפילין, איז רעכט אַזוי... נאָר ער גאָרניט, להבדיל ווי אַ גוי... האַלט אין איין לאַכן; לאַכט און לאַכט, ווי אַ זיבעלע, אין די ניין טעג. וואָס אַ טאָג ווערט אַלץ ווייניקער פון די אָפּגעשפּאָרטע פּאָר דאָלאַר, דרייט מען די פּעני צען מאָל אין דער האַנט, איידער מען פאַרגינט זיך עס אויסצוגעבן. פאַרשטייט מיין טייערע, איינמאָל אַרויס פון האַנט, זעט איר דאָך די פּעני מער ניט צוריק... ס'קומט ניט אַריין אַ פּעני אין הויז, און ווי לאַנג קאָן עס נאָך אַזוי אָנהאַלטן... און דאָ, רעש־פּעקט צו זאָגן, דאַרף מען אים דאָך אַרויספירן, אויפשפּיליען און צו שפּיליען די הויזן. איז פרעגט שוין גאָרניט, מיין טייערע... גאָט

האט מזל; און ער האט חשק... בעט איך זיך ביי אים מיט טרערן, „וואס האסטו צו מיר?" איך בין דאך אליין א צעבראכענער שארבן, קאן זיך קוים אליין ארומשלעפן אויף די פיס, איז דאך גאנץ שיין פון מיר, אז איך שלעפ זיך ארום אויף די פיס, קאך און וואש, און מוז אים אנטאן און אויסטאן, און ארומוואשן, איז וואס נאך קאן מען פארלאנגען פון מיר... כ'זאל ניט געשטראפט ווערן פאר די רייד... נעמט ער זיך טשעפן צו מיר גראד ווי ער וואלט נאך א יונגערמאנטשיקל געווען, א יאר נאך דער חתונה... ס'העלפט ניט קיין קלאגן און ס'העלפט ניט קיין וויינען, ער האט נאר איין טענה, „הא, הא, הא, זיי ניט קיין שלעכטע אידענע, וואס ארט עס דיך ס'קאסט דיך עפעס טייער?"...

איז פרעגט שוין גארניט מיין טייערע...

— דא פאר א צוויי וואכן שפעט ביי נאכט, נעמט ער קרעכצן און קרעכצן, — רבקה, רבקה, אוי דעק מיר צו די פלייצע מיט דער פערינע, ס'איז מיר קאלט, קריך איך שוין אראפ פון בעט א מידע, א פארשלאפענע אים צודעקן די פלייצע, און ער כאפט מיך אן מיט דער געזונטער האנט אזוי ווי מיט אן אייזערנער צוואנג און גיט מיך א שלעפ אריבער אין דער לופט צו זיך אין בעט אריין... וואס זאל איך אייך זאגן? ר'האט מיר שיער אויסגעבראכן א האנט, ער איז דאך שטארק ווי עשב... קלאג איך און וויין, און בעט זיך ביי אים אזוי ווי ביי א גזלן, „וואס האסטו צו מיר, שמחה?" איך האב דאך ניט קיין כח צו זשיפען, לאכט ער הויך אויפן קול, הא, הא, כ'האב דיך אפגענארט, הא, הא, אי, זיי ניט קיין שלעכטע אידענע, וואס שאדט עס דיר... נו מיין טייערע פארשטייט איר שוין מיין אומגליק?... מיין ביטער לעבן, אז מען זעט מיך לעבן מעג מען דאך מאכן א ברכה, ס'איז דאך א נס מן השמים. נאר איצט קאן איך אים שוין מיט זיינע שטיק, מער קאן ער מיך ניט אפנארן... איז, וואס זשע מיינט איר, מיין טייערע, אז איך בין שוין פטור? מאכט איר א גרויסן טעות... אט לעצטע וואך, ליג איך אזוי אן אפגעהארעוועטע פון א גאנצן טאג ארומשלעפן זיך, און שלאף. דאכט זיך, אז איך הער עפעס ארומקריכן אין הויז, ווער קאן עס זיין? א גנב? וואס קאן ער מ'שטיינס געזאגט גנב'ענען ביי מיר,

מיינע צרות?... איז איידער איך האָב זיך צייט רעכט אומצוקוקן, שטייט שוין מיין שלים־מזל ביי מיין בעט, און הער שוין זיין געלעכטערל... איז מיט איין שפּרונג בין איך שוין אַראָפּ פון בעט, געכאַפּט אַ קישן און מיר אויסגעבעט אויף צוויי בענקלעך ביים פענצטער אין קיך, און געמיינט, אַז איך בין שוין זיינע פּטור... וואָס זשע מיינט איר מיין טייערע? קומט ער ניט צוקריכן מיטן געלייניטן פוס אין קיך אַריין?... ס'איז אויסגעגאַנגען אַ שטראָף פון גאָט אויף מיר, אָפּצוקומען דעם גיהנם אויף דער וועלט. מיינט איר דאָך, אַז איר זיינט שוין פאַרטיק? איז צו מיינע צרות קיין סוף ניטאָ... נעכטן ביי נאַכט האָט ער ווייטער אַזוי געוואָלט קריכן פון בעט, אויף איינמאָל, דערהער איך אַ קראַך, אַזוי ווי אַ הויז וואָלט איינגעפאַלן, שפּרינג איך שוין אַראָפּ פון בעט, ניט טויט ניט לעבעדיק און מאַך ליכטיק, זע איך מיין אומגליק ליגן אויפן פּלאָר, אַן אויסגעשטרעקטן, פּרוביר איך אים אויפהייבן, איז כאָטש ריר אַ מויער פון אָרט...

מוז איך אין מיטן נאַכט גיין קלאַפּן צו שכנים, און צוויי געזונטע מענער צוזאַמען מיט מיר, האָבן מיר אים מיט שווערער מי אַריינגעבראַכט אין בעט אַריין. אָט דאָס איז מיין לעבן, מיין טייערע, האָט רבקה פאַרענדיקט...

ווען שמחה איז שוין אַזוי עטלעכע מאָל געפאַלן און זיך גוט צעקלאַפּט, האָבן גוטע מענטשן געזען, אַז מען זאָל אים אַריינגעמען אין אַן אַנשטאַלט פאַר אומהיילבאַרע. קומט רבקה צוויי מאָל אַ וואָך אים באַזוכן, און ברענגט אים בגנבה, אונטערן פאַרטוך אַריין קאַרטאָפליע לאַטקעס. ליגט שמחה אַזוי אַ צוגעבונדענער צום בעט, אַז ער זאָל ניט קענען אַרויספאַלן און זיך צע'הרג'ענען, און שלינגט די לאַטקעס פאַר'גנב'עטערהייט און פּאַסמאַקעוועט זיך מיט זיי... אי, רבקה, רבקה, ביסט דאָך אַן אמת'ע צדקנית... זיי קאָנען דאָך דאָ גאָרניט קאָכן; אַלעס איז אָן זאַלץ, ס'האָט ניט קיין אידישן טעם, זיי וואָלטן זיך ביי דיר געמעגט לערנען מאַכן לאַטקעס... ער שלינגט די לאַטקעס כמעט גאַנצערהייט, ניט קאָנענדיק צעקייען מיט זיין האַלב־געליימטן צונג. אָנגעפילט זיך מיט די לאַטקעס, פילט ער גוט, און נעמט לאַכן זיין נאַריש געלעכטערל...

אוי, רבקה טייערע, נעמט ער גלעטן איר אויסגעדאַרטע ביינערדיקע האַנט. און די אויגן נעמען זיך אָנצינדן ביי אים צוויי פייערלעך... אוי, רבקה טייערע, ווען וועסטו מיך שוין אַהיים נעמען?... איך דאַרף דיר שוין אַזוי האָבן... האַ, האַ, רבקה, איך דאַרף דיר שוין אַזוי האָבן... ווערט אים וואָס אַ טאָג אַלץ ערגער און ערגער, מוז מען אים שטענדיק האַלטן צוגעבונדן צום בעט, שרייט ער אויף אידיש, „רבקה, גיך ס'טעפּל"... פאַרשטייען ניט די ענגלישע וועכטער וואָס ער וויל, קאָן ער זיך מער ניט איינהאַלטן און שמוצט אָן אין בעט... ווערט דער וועכטער אין כעס, וואָס ער גיט אים עקסטראַ אַרבעט, דערלאַנגט ער אים אַריין אַ שטורק אין זייט...

ברענגט אים רבקה אַ טעפּל באָרשט, מיט אַ פלעשל מילך, ווייל עסן קאָן ער מער ניט. לאָזן זיי שוין איצט אַלעם ברייינגען צו אים, וואָס קאָן שוין ערגער זיין?... ליגט ער אין בעטל צווישן צוויי אָפענע פענצטער, און מ'קאָן קוים איינשטייען ביים בעט, ס'הערט זיך אַן אומדערטרעגלעכער שלעכטער גערוך, פון שטענדיקן אָנשמוצן אין בעט...

ער שלאָפט, ווען רבקה ברענגט אים דאָס עסן; דער וועכטער בינדט אים אָפּ און רוקט אים אַרויף העכער אויפן קישן; שמחה עפנט די אויגן און נעמט שרייען „אוי, גוואַלט! ער שלאָגט מיך שוין ווידער", רוקט זיך רבקה אונטער נאָענטער מיטן באָרשט. — שמחה לעבן, דאָס בין איך דאָך דאָ ביי דיר, קיינער שלאָגט דיך ניט, ער מאַכט דיר בלויז צורעכט דאָס בעט...

שלינגט שמחה דעם באָרשט מיט אַ מין ווילדקייט פון אַן אויסגעהונגערטער חיה — רבקה טייערע, ביזט דאָך אַ צדקנית, אַ גאָלדענע נשמה... אוי, ווען וועסטו מיך שוין אַרויסנעמען פון דאַנען? איך וויל שוין דאָ מער ניט זיין...

אָט די וואָך, שמחה לעבן, וועל איך דיר שוין אַהיימנעמען... נעמט זי אים איין ווי אַ קליין קינד... ער וויל איר שוין קושן די האַנט, און קושט די אייגענע פינגער, ר'איז אין גאַנצן צעמישט, ס'גיסן זיך טרערן פון זיינע רויטע אויסגעווייינטע אויגן... רבקה גייט פאַרן אַהיימגיין אונטער צום וועכטער, און רוקט אים אַריין

אַ האַלבן דאָלאַר אין דער האַנט אַריין, אַז ער זאָל אים גוט באַהאַנדלען, און אויפּפּאַסן אויף אים.

דעם צווייטן טאָג קריגט רבקה אַ טעלעגראַמע פון האָספּיטאַל, אַז זי קאָן אים שוין קומען אַהיימנעמען...

קומען פריינד און לאַנדסלייט, אים אָפּגעבן זיין לעצטן כבוד... וויינט רבקה צוזאַמען מיט שמחה'ס שוועסטער, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך וועטן, ווער ס'קאָן העכער וויינען... און רעכענען אויס זיינע אַלע מעלות... וואָס פאַר אַ דימענטענער מענטש ער איז געווען, — אָ, וואָס פאַר אַ גאָלדענע נשמה... ער האָט דאָך ניט דאַטשעפּעט אַ פליג אויף דער וואַנט...

פאַלט ביי מאַנכן אַראָפּ, ווי אַ שטיין פונם האַרצן און ס'ווערט אַביסל לייכטער אויפן געמיט... אַ מענטש האָט אויפגעהערט צו ליידן, און זיך צו מוטשען אויף דער וועלט...